STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10763

DI YESOYDES FUN LENINIZM

Joseph Stalin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סטאַלין

די
יעסוידעס פון לעניניזם

אידיש: ל. גאָלדבערג

פארלאג „שול און בוך“, מאָסקווע 1924

Тип. «Дер Эмес», Москва, Кузнецкий Мост 14

Главлит № 21831 Тираж 5000 экз.

יעסוידעס פון לעניניזם—דאָס איז אַ גרויסע טעמע. אף אויסצושעפּן זי דאַרף מען האָבן אַ גאַנצן בוך. נאָכמער — מע דאַרף האָבן אַ גאַנצע ריי ביכער. איז דעריבער נאַטירלעך, אַז מיינע לעקציעס קאָנען ניט זיין קיין אויסשעפּנדיקע איבערגעבונג פון לעניניזם. זיי קאָנען אין בעסטן פאַל זיין בלויז אַ צונויפגעפּרעסטער קאָנספּעקט פון די יעסוידעס פון לעניניזם. דאָך האַלט איך פאַר נוצלעך איבערצוגעבן דעמדאָזיקן קאָנספּעקט, קעדיי צו געבן איייניקע איקערדיקע אויסגאַנגס-פּונקטן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער ערפאָלגרייכער פאָרשונג פונם לעניניזם.

איבערגעבן די יעסוידעס פון לעניניזם הייסט נאָך ניט איבערגעבן די יעסוידעס פון לענינס וועלטאָנשויאונג. לענינס וועלטאָנשויאונג און די יעסוידעס פון לעניניזם—דאָס איז לויטן פאַרנעם ניט איינס און דאָסזעלביקע. לענין איז אַ מאַרקסיסט, און דער יעסאָד פון זיין וועלטאָנשויאונג איז, פאַרשטייט זיך, דער מאַרקסיזם. דערפון איז אבער קלאַל ניט געדרונגען, אַז איבערגעבן די יעסוידעס פון לעניניזם דאַרף מען אָנהויבן פון איבערגעבן די יעסוידעס פון מארקסיזם. איבערגעבן דעם לעניניזם הייסט איבערגעבן דאָס, וואָס עס איז פאַראַן באַזונדערעס און נייעס אין לענינס ווערק, דאָס, וואָס לענין האָט אריינגעבראַכט אינם אַלגעמיינעם אויצער פון מאַרקסיזם און וואָס עס איז נאַטירלעך צוזאַמענגעבונדן מיט זיין נאָמען. נאָר אין דעם זינען וועל איך אין מיינע לעקציעס ריידן וועגן די יעסוידעס פון לעניניזם.

אַלזאָ, וואָס איז אַזוינס לעניניזם?

איייניקע זאָגן, אַז לעניניזם איז די צופּאַסונג פונם מארקסיזם צו די אייגנארטיקע באַדינגונגען פון דער רוסלענדישער סוויווע. אין דער דעפיניציע איז פאַראַן א טייל עמעס, זי שעפּט אָבער ווייט ניט אויס דעם גאַנצן עמעס. לענין האָט ווירקלעך צוגעפּאַסט דעם מאַרקסיזם צו דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט און האָט אים מאַיסטערהאפט צוגעפּאַסט אָבער ווען דער לעניניזם וואָלט זיין נאָר אַ צופּאַסונג

פונם מארקסיזם צו דער אייגנארטיקער סוויווע פון רוסלאנד, וואָלט דער לעניניזם דעמאָלט געווען א ריין נאַציאָנאַלע און בלויז נאַציאָנאַלע, א ריין רוסישע און בלויז רוסישע דערשיינונג. מיר ווייסן אָבער, אַז דער לעניניזם איז אַ אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונג, א צווישנפעלקערלעכע, און ניט בלויז א רוסישע. אָט פארוואָס איך מיין, אַז דידאָזיקע דעפיניציע ליידט אַף איינזייטיקייט.

אנדערע זאָגן, אַז לעניניזם—דאָס איז די אויפלעבונג פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אינם מאַרקסיזם פון די 40-קער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט, אלס אונטערשייד פונם מארקסיזם פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז קלוימערשט געוואָרן מעסיק, ניטרעוואָלוציאָנער. אויב מע זאָל זיך אבסטראגירן פון אָט דער נאַרישער און פלאכער איינטיילונג פון מאַרקס לערע אף צוויי טיילן, אף א רעוואָלוציאָנערן און מעסיקן, מוז מען מוידע זיין, אז אפילע אין דער לאַכלוטן ניטגענוגנדער און ניטבאפרידיקנדיקער דעפיניציע איז פאראן א טייל עמעס. באשטיין באַשטייט ער, אָט דער טייל עמעס, דערין, וואָס לענין האָט ווירקלעך אויפגעלעבט דעם רעוואָלוציאָנערן אינהאלט פונם מארקסיזם, וועלכן די אָפּאָרטוניסטן פון II אינטערנאציאָנאל האָבן געהאט פארמויערט. דאָס איז אָבער נאָר א טייל עמעס. דער גאנצער עמעס וועגן לעניניזם באַשטייט דערין, וואָס דער לעניניזם האָט ניט בלויז אויפגעלעבט דעם מארקסיזם, נאָר ער האָט נאָך געמאכט א שריט פאָרויס, אנטוויקלענדיק דעם מארקסיזם ווייטער אין די נייע באדינגונגען פון קאפּיטאליזם און פונם קלאסנקאמף פונם פּראָלעטאריאט.

איז וואָס סאָפּקאָלסאף איז אזוינס לעניניזם?

לעניניזם—איז מארקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאליזם און פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. ריכטיקער: לעניניזם—דאָס איז די טעאָריע און טאקטיק פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע ביכלאַל, טעאָריע און טאקטיק פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט ביפראט. מארקס און ענגעלס האָבן געהאנדלט אינם פארעוואָלוציאָנערן פּעריאָד (מיר האָבן אין זינען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע), ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין אנטוויקלטער אימפּעריאליזם, אינם פּעריאָד, ווען די פּראָלעטאריער האָבן זיך געגרייט צו דער רעוואָלוציע, אין דעם פּעריאָד, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע איז נאָך ניט געווען קיין דירעקטע פּראקטישע אומפארמיידלעכקייט. לענין ווידער, א טאלמיד פון מארקסן און ענגעלסן, האָט געהאנדלט אין דעם פּעריאָד, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט, ווען די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע האָט שוין געזיגט אין איין לאנד, האָט צעקלאַפּט די בורזשו-

אזע דעמאָקראַטיע און האָט געעפנט די ערע פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, די ערע פון ראַטן.

אָט פאַרוואָס דער לענִיניזם איז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונם מאַרקסיזם.

מע פאַרצייכנט געוויינלעך דעם אויסערגעוויינלעכן שלאַכט-כאַראַקטער און אויסערגעוויינלעכן רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פונם לענִיניזם. דאָס איז פולקום ריכטיק. אָבער די דאָזיקע אייגנשאַפט פונם לענִיניזם דערקלערט זיך מיט צוויי סיבות: ערשטנס, דערמיט, וואָס דער לענִיניזם איז אַרויסגעקומען פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועמענס שטעמפּל ער קאָן ניט ניט טראָגן אויף זיך; צווייטנס, דערמיט, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך פאַרפעסטיקט אין געראַנגלען מיטן אָפּאָרטוניזם פונם II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דער קאַמף מיט אים איז געווען און איז אַ נויטווענדיקע פאָרבאַדינגונג פאַרן ערפאָלגרייכן קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צווישן מאַרקסן און ענגעלסן, פון איין זייט, און לענִינען, פון דער אַנדערער, ליגט אַ גאַנצע עפּאָכע פון אַליינהערשאַפט פונם אָפּאָרטוניזם פון II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דער אומבאַרמהאַרציקער קאַמף מיט אים האָט ניט געקאָנט ניט זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון לענִיניזם.

I.

די היסטאָרישע וואָרצלען פונם לעניניזם.

דער לעניניזם איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, ווען די סטירעס פונם קאַפּיטאַליזם זיינען דערגאַנגען ביז צום עקסטן פונקט, ווען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ פראַגע פון אומיטלבאַריער פּראַקטיק, ווען דער אַלטער פּעריאָד פון צוגרייטונג פונם אַרבעטער-קלאַס צו דער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעשטויסן און איז אַריבערגעוואַקסן אין אַ נייעם פּעריאָד פון דירעקטן שטורעם קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

לענין פלעגט רופן דעם אימפּעריאַליזם „אָפּשטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם". פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דער אימפּעריאַליזם דערפירט די סטירעס פון קאַפּיטאַליזם ביזן לעצטן שטריך, ביז די לעצטע גרעניצן, הינטער וועלכע עס הויבט זיך אָן די רעוואָלוציע. פאַר די וויכטיקסטע פון דידאָזיקע סטירעס דאַרף מען רעכענען דריי.

די ע ר ש ט ע ס ט י ר ע—דאָס איז די סטירע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. דער אימפּעריאַליזם—דאָס איז די אַלמעכטיקייט פון די מאָנאָפּאָליסטישע טרעסטן און סינדיקאַטן, פון די בענק און דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע אין די אינדוסטריעלע לענדער. אינם קאַמף מיט דערדאָזיקער אַלמעכטיקייט האָבן זיך די געוויינלעכע מעטאָדן פונם אַרבעטער-קלאַס—די פּראָפעריינען און קאָאָפּעראַציון, פּאַרלאַמענטישע פּאַרטייען און פּאַרלאַמענטישער קאַמף—אַרויסגעוויזן אינגאַנצן פאַר ניט גענוגנד. אָדער גיב זיך איבער אפן גנאָד פונם קאַפּיטאַל, פיר אַ צאָרעדיק לעבן ווי פריער און לאָז זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער,—אָדער נעם זיך פאַר אַ ניי געווער,—אַזוי שטעלט די פראַגע דער אימפּעריאַליזם פאַר די מיליאָניקע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט. דער אימפּעריאַליזם פירט צו דעם אַרבעטער-קלאַס צו דער רעוואָלוציע.

די צווייטע סטירע—דאָס איז די סטירע צווישן פאַרשיידענע פינאַנציעלע גרופּן און אימפּעריאַליסטישע מלוכעס אין זייער קאַמף פאַר די קוועלן פון רויששטאָף, פאַר פרעמדע טעריטאָריעס. אימפּעריאַליזם הייסט אַרויספיר פונם קאַפּיטאַל צו די קוועלן פון רויששטאָף, ווילדער קאַמף פאַר מאָנאָפּאָלישן באַזיץ פון דידאָזיקע קוועלן, קאַמף פאַרן איבערפאַרטיילן די שוין צעטיילטע וועלט, קאַמף, וועלכער ווערט מיט אַ באַזונדערער ווילדקייט געפירט מיצד די נייע פינאַנציעלע גרופּן און מלוכעס, וואָס זוכן „אַן אָרט אונטער דער זון", קעגן די אַלטע גרופּן און מלוכעס, וואָס האַלטן זיך פעסט אָנגעקלאַמערט פאַר דעם, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט. דערדאָזיקער ווילדער קאַמף צווישן פאַרשיידענע גרופּן קאַפּיטאַליסטן איז מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך, ווי אַן אומפאַרמיידלעכן עלעמענט, אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס, מילכאָמעס פאַרן פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס. דערדאָזיקער אומשטאַנד איז, פון זיין זייט, מערקווירדיק אין דער הינזיכט, וואָס ער פירט צו דער קעגנזייטיקער אָפּשוואַכונג פון די אימפּעריאַליסטן, צו דער אָפּשוואַכונג פון דער פּאָזיציע פונם קאַפּיטאַליזם ביכלאַל, צו דער דערנעענטערונג פונם מאָמענט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, צו דער פּראַקטישער נויטווענדיקייט פון דערדאָזיקער רעוואָלוציע.

די דריטע סטירע—דאָס איז די סטירע צווישן דעם הייפל הערשנדיקע „ציוויליזירטע" נאַציעס און די הונדערטער מיליאָנען קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע פעלקער פון דער וועלט. דער אימפּעריאַליזם—דאָס איז די פרעכסטע עקספּלאָאַטאַציע און די סאַמע אומענטשלעכסטע אונטערדריקונג פון הונדערטער מיליאָנען באַפעלקערונג פון די גרעסטע קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער. אַרויסקוועטשן איבערעוואַך—דאָס איז דער ציל פון דערדאָזיקער עקספּלאָאַטאַציע און פון דערדאָזיקער אונטערדריקונג. אָבער עקספּלאָאַטירנדיק דידאָזיקע לענדער, איז דער אימפּעריאַליזם געצוואונגען צו בויען דאָרט אייזנבאַנען, פאַבריקן און זאַוואָדן, אינדוסטריעלע און האַנדלשע צענטרען. דאָס אויפקומען פונם פּראָלעטאַריער-קלאַס, דאָס אויפשפּראָצן פון אַן אָרטיקער אינטעליגענץ, דאָס אויפדערוואַכן פונם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, די פאַרשטאַרקונג פון דער באַפרייאונגס-באַוועגונג—דאָס זיינען די אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער „פּאָליטיק". די פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַלע אָן אויסנאַם קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער ציינט דאָס מיט פולער קלאָרקייט. דערדאָזיקער אומשטאַנד איז וויכטיק פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין דער הינזיכט, וואָס ער רייסט אין גרונט אַרונטער די פּאָזיציעס פונם קאַפּיטאַליזם, פאַרוואַנד-

לענדיק די קאָלאָניעס און די אָפּהענגיקע לענדער פון רעזערוון פונם אימפּעריאַליזם אין רעזערוון פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אָט דאָס זיינען, אין אַלגעמיין, די הויפּט-סטירעס פונם אימפּע-ריאַליזם, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם אַלטן „בליענדיקן" קאַפּיטאַליזם אין אַן אָפּשטאַרבנדיקן קאַפּיטאַליזם.

די באַדייטונג פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט מיט 10 יאָר צוריק, באַשטייט, אַגעוו, דערין, וואָס זי האָט צוזאַמענגעקליבן אָט די אַלע סטירעס אין איין קניפּ און האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אַף דער וואָגשאַל, פאַרגיכערנדיק און פאַרלייכ-טערנדיק די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן פונם פּראָלעטאַריאַט.

אַנדערש געזאָגט, דער אימפּעריאַליזם האָט געבראַכט ניט בלויז דערצו, וואָס די רעוואָלוציע איז געוואָרן אַ פּראַקטישע אומפאַרמייד-לעכקייט, נאָר אויך דערצו, אַז עס זיינען געשאַפן געוואָרן גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן דירעקטן שטורעם קעגן די פעסטונגען פונם קאַפּיטאַליזם.

אָט דאָס איז די צווישנפעלקערלעכע סוויווע, וועלכע האָט גע-באָרן דעם לענעניזם.

דאָס אַלץ איז גוט, וועט מען אונז זאָגן, אָבער וואָס פאַר אַ שײַ-כעס האָט דערצו רוסלאַנד, וועלכע איז דאָך ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין קיין קלאַסיש לאַנד פון אימפּעריאַליזם? וואָס פאַר אַ שײַ-כעס דערצו האָט לענין, וועלכער האָט געאַרבעט פריער פון אַלץ אין רוסלאַנד און פאַר רוסלאַנד? פאַרוואָס איז גראָד רוסלאַנד געוואָרן די נעסט פון לענעניזם, דאָס פאָטערלאַנד פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

דערפאַר, ווייל רוסלאַנד איז געווען דער קניפּ-פונקט פון אָט די אַלע סטירעס פונם אימפּעריאַליזם.

ווייל רוסלאַנד איז געווען שוואַנגער מיט רעוואָלוציע מער, ווי וואָסער ס'ניט איז לאַנד, און בלויז זי איז געווען אימשטאַנד צו דער-לייזן דידאָזיקע סטירע אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן.

אָנהויבן דערפון, וואָס דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אַ נעסט פאַר יעדער אַרט אונטערדריקונג—סײַ קאַפּיטאַליסטישער, סײַ קאָלאָ-ניאַלער, סײַ מיליטערישער,—אין איר סאַמע אומענטשלעכער און באַר-באַרישער פאָרם. ווער ווייסט דען ניט, אַז אין רוסלאַנד האָט זיך די אַלמעכטיקייט פונם קאַפּיטאַל צונויפגעגאָסן מיטן דעספּאָטיזם פונם צאַ-ריזם, די אַגרעסיווקייט פונם רוסישן נאַציאָנאַליזם—מיט דער הענקערײַ פונם צאַריזם בענוגייע די ניט-רוסישע פעלקער, די עקספּלאָאַטאַציע פון גאַנצע ראַיאָנען—טערקיי, פּערסיע, כינע—מיטן פאַרכאַפּן דידאָזיקע

ראַיאָנען דורכן צאַריזם, מיט מילכאָמעס צוליב פאַרכאַפּן? לענין איז געדעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אז דער צאַריזם—דאָס איז „מי-ליטעריש-פעאָדאַלער אימפּעריאַליזם". דער צאַריזם איז געווען די קאָנ-צענטרירונג פון אַלע נעגאַטיווסטע זייטן פונם אימפּעריאַליזם, גענומען אין קוואַדראַט.

ווייטער. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען דער גרעסטער רע-זערוו פאַרן מאַירעוודיקן אימפּעריאַליזם ניט בלויז אין דעם זינען, וואָס דאָס האָט געגעבן פרייען צוטריט דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וועל-כער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אזוינע אנטשיידנדיקע צווייגן פון רוסלאַנדס פאָלקס-ווירטשאַפט, ווי הייצוואַרג און מעטאַלורגיע, נאָר אויך אין דעם זינען, וואָס דאָס האָט געקאָנט צושטעלן פאַר די מאַירעוודיקע אימפּעריאַליסטן מיליאָנען סאָלדאַטן. דערמאָנט זיך אָן דער צוועלפמי-ליאָניקער רוסישער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרגאָסן בלוט אַף די אימפּע-ריאַליסטישע פראָנטן, קעדיי צו פאַרזיכערן ווילדע פּראָפיטן פאַר די ענגליש-פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן.

ווייטער. דער צאַריזם איז געווען ניט בלויז דער וואַכט-הונט פונם אימפּעריאַליזם אַף מיזראַך-אייראָפּע, נאָר ער איז אויך געווען די אַגענ-טור פונם מאַירעוודיקן אימפּעריאַליזם אַף ארויסצושלאָגן פון דער באַ-פעלקערונג הונדערטער מיליאָנען פּראָצענטן אַף די האַלוואָעס, וועלכע ער האָט באַקומען אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, אין בערלין און אין ברוסעל.

דער צאַריזם איז, ענדלעך, געווען דער טרייסטער פאַרבינדעטער פונם מאַירעוודיקן אימפּעריאַליזם באַ דער צעטיילונג פון טערקיי, פּערסיע, כינע א. אז. וו. ווער ווייסט עס ניט, אז די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט דער צאַריזם געפירט אין בונד מיט די אימפּעריאַליסטן פון דער אנטאַנט, אז רוסלאַנד איז געווען אַ וועזנטלעכער עלעמענט אין דערדאָזיקער מילכאָמע?

אָט פאַרוואָס די אינטערעסן פונם צאַריזם און פונם מאַירעוודיקן אימפּעריאַליזם האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן איינע מיט די אנדערע און האָבן סאָפּקאָלסאָף זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין בינטל אינטערעסן פונם אימפּעריאַליזם. איז האָט דען דער מאַירעוודיקער אימפּעריאַליזם געקאָנט שאָלעם מאַכן מיטן פאַרלוסט פון אַזאַ מעכטיקער שטיצע אפן מיזראַך און פון אַזאַ רייכן רעזערוואַר קויכעס און מיטלען, ווי דאָס אַלטע, צאַרישע, בורזשואַזע רוסלאַנד, ניט אויספּרוואוונדיק אלע זיינע קויכעס אַף צו פירן אַ קאַמף אַף לעבן און טויט קעגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן און פאַרהיטן דעם צאַריזם? געוויס האָט ער ניט געקאָנט!

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז ווער עס האָט געוואָלט שלאָגן איבערן צאַריזם, דער האָט זיך אומפאַרמיידלעך פאַרמאָסטן אפן אימפעריאַליזם, אַז ווער עס איז אויפגעשטאַנען קעגן צאַריזם, דער האָט שוין געמוזט אויפשטיין אויך קעגן דעם אימפעריאַליזם, ווייל ווער עס האָט אראָפגעוואָרפן דעם צאַריזם, דער האָט געמוזט אראָפוואַרפן אויך דעם אימפעריאַליזם, אויב ער האָט אין דער עמעסן געהאַט בעדייע ניט בלויז צו צעקלאַפן דעם צאַריזם, נאָר אויך צו דערשלאָגן אים ביזן סאָף. די רעוואָלוציע קעגן צאַריזם האָט זיך אַף אַזאַ אויפן דערנעענטערט צו אַ רעוואָלוציע קעגן דעם אימפעריאַליזם, צו אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און האָט געמוזט איבערוואקסן אין אַזאַ רעוואָלוציע.

און דאָ האָט זיך אין רוסלאַנד אויפגעהויבן די גרעסטע פאָלקס-רעוואָלוציע, וואָס אָן איר שפּיץ איז געשטאַנען דער רעוואָלוציאָנערסטער פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט, וועלכער האָט אין זיין רעשוס געהאַט אַזאַ ערנסטן פאַרבינדעטן, ווי דאָס רעוואָלוציאָנערע פויערטום פון רוסלאַנד. דאַרף מען דען דערווייזן, אַז אַזאַ רעוואָלוציע האָט זיך ניט געקאָנט אפשטעלן אין מיטן וועג, אַז אין פאַל פון ערפאלג האָט זי געמוזט גיין ווייטער, אויפהויבנדיק די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן דעם אימפעריאליזם?

אָט פאַרוואָס רוסלאַנד האָט געמוזט ווערן דער קניפּ-פונקט פון די סטירעס פונם אימפעריאַליזם ניט בלויז אין דעם זינען, וואָס דידאָזיקע סטירעס האָבן זיך לייכטער פון אַלץ אויפגעדעקט גראָד אין רוסלאַנד צוליב זייער באזונדערס מיעסן און באזונדערס אומדערטרעגלעכן כאַראַקטער, און ניט בלויז דערפאַר, ווייל רוסלאַנד איז געווען די וויכטיקסטע שטיצע פאַרן מאירעוודיקן אימפעריאַליזם, וואָס פאַרייניקט דעם פינאנציעלן קאַפיטאַל פון מאירעוו מיט די קאָלאָניעס פון מיזראַך, נאָר אויך דערפאַר, ווייל בלויז אין רוסלאַנד האָט עקזיסטירט די רעאַלע קראַפט, וועלכע איז בעקויאַך צו לייזן די סטירעס פונם אימפעריאליזם אַף אַ רעוואָלוציאָנערן אויפן.

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ניט געקאָנט ניט ווערן אַ פּראָלעטאַרישע, אַז זי האָט ניט געקאָנט ניט אָנעמען גלייך אין די ערשטע טעג פון איר אנטוויקלונג אַ אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַז זי האָט ניט געקאָנט, אַלזאָ, ניט אויפטרייסלען די יעסוידעס גופע פונם וועלט-אימפעריאַליזם.

האָבן די רוסישע קאמוניסטן באַ אַזאַ לאַגע געקאָנט באַגרעניצן זיך אין זייער אַרבעט מיט די ענג נאַציאָנאַלע ראַמען פון אַ רוסישער רעוואָלוציע? אוואַדע ניט! פארקערט, די גאַנצע סיטואַציע, סאַי די אי-

נערלעכע (דער טיפער רעוואָלוציאָנערער קריזיס), אזוי אויך די אוי- סערלעכע (די מילכאָמע), האָט זיי געשטויסן דערצו, אַז זיי זאָלן אין זייער אַרבעט ארויסגיין אויסער דידאָזיקע ראַמען, אַז זיי זאָלן דעם קאַמף אריבערטראָגן אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע, אז זיי זאָלן אויפדעקן די וואונדן פונם אימפעריאַליזם, דערווייזן די אומפארמיידלעכ- קייט פונם קראַך פון קאַפּיטאַליזם, צעקלאַפּן דעם סאָציאַל-שאָוויניזם און סאָציאַל-פּאציפיזם, אַז זיי זאָלן, ענדלעך, אַראָפּוואַרפן בּאַ זיך אין לאַנד דעם קאַפּיטאַליזם און זאָלן אויסשמידן פאַרן פּראָלעטאַריאַט אַ ניי גע- ווער פאַרן קאַמף, די טעאָריע און טאַקטיק פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, כּדי צו פארלייכטערן פאַר די פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער די זאַך פון אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. די רוסישע קאָמו- ניסטן האָבן אנדערש ניט געקאָנט האַנדלען, ווייל נאָר אַף דעם וועג האָבן זיי געקאָנט אויסרעכענען אַף געוויסע ענדערונגען אין דער אינ- טערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, וועלכע זיינען בעקויאַך צו באוואָרענען רוס- לאַנד פאַר דער רעסטאווראַציע פון די בורזשואַזע ארדענונגען.

אָט פאַרוואָס רוסלאַנד איז געוואָרן די נעסט פון לענינִיזם, און דער פירער פון די רוסישע קאמוניסטן—לענין—איז געוואָרן זיין שעפער.

מיט רוסלאנד און מיט לענינען האָט דאָ „פּאסירט" אַן ערעך דאָס זעלביקע, וואָס מיט דייטשלאנד און מיט מארקסן-ענגעלסן האָט „פּא- סירט" אין די פערציקער יאָרן פונם פארגאנגענעם יאָרהונדערט. דייטש- לאנד איז דעמאָלט, פונקט ווי רוסלאנד אין אָנהויב פון XX יאָר- הונדערט, געווען שוואנגער מיט דער בורזשואזער רעוואָלוציע. מארקס האָט דעמאָלט געשריבן אינם „קאָמוניסטישן מאניפעסט", אז:

„אַף דייטשלאנד ווענדן די קאָמוניסטן זייער הויפּטאויפמערקזאמ- קייט דערפאר, ווייל זי שטייט ערעוו דער בורזשואזער רעוואלוציע, ווייל זי וועט דידאָזיקע איבערקערעניש דורכמאכן בא מער פּראָגרעסיווע בא- דינגונגען פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאציע ביכלאל און מיט א פיל מער אנטוויקלטן פּראָלעטאריאט, ווי אין ענגלאנד פון 17-טן און אין פראנקרייך פון 18-טן יאָרהונדערט, ווייל די דייטשישע בורזשואזע רע- וואָלוציע קאָן, בעכיין, זיין נאָר דער אומיטלבארער פּראָלאָג צו דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע".

אַנדערש גערעדט, דער צענטר פון דער רעוואָלוציאָנערער באווע- גונג האָט זיך אריבערגעטראָגן קיין דייטשלאנד.

אָסער אויב מע קאָן צווייפלען דערין, אז גראָד אָט דער אום- שטאנד, וועלכן מארקס האָט אָנגעמערקט אין דער געבראכטער ציטא- טע, איז געווען די ווארשיינלעכע סיבע דערצו, וואָס גראָד דייטשלאנד

איז געוואָרן דאָס פאָטערלאנד פונם וויסנשאפטלעכן סאָציאליזם, און די פירער פונם דייטשישן פראָלעטאריאט—מארקס און ענגעלס—זיינען געוואָרן זיינע שעפער.

דאָסזעלביקע, אָבער נאָך אין א גרעסערער מאָס דאַרף מען זאָגן וועגן רוסלאנד פונם אָנהויב XX יאָרהונדערט. רוסלאנד האָט אין דעם פעריאָד זיך געפונען ערעוו דער בורזשואזער רעוואָלוציע, זי האָט גע-דאַרפט דורכמאכן דידאָזיקע רעוואָלוציע בא מער פראָגרעסיווע באדינגונגען אין אייראָפּע און מיט א מער אנטוויקלטן פראָלעטאריאט, ווי דייטשלאנד (שוין ניט ריידנדיק וועגן ענגלאנד און פראנקרייך), דערביי איז אַלץ געווען דערפאר, אז דידאָזיקע רעוואָלוציע זאָל ווערן דער אויפברויזער און פראָלאָג פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע. מע קאָן ניט רעכענען פאר א צופעליקייט דעם פאקט, וואָס נאָך אין 1902 יאָר, ווען די רוסישע רעוואָלוציע האָט ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן, האָט לענין אין זיין בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן?" („Что делать?") געשריבן די נעוויאישע ווערטער וועגן דעם, אַז:

„די געשיכטע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר די רוסישע מאַרקסיסטן א נאָענטסטע אויפגאַבע, וועלכע איז די רעוואָלוציאָנערסטע פון אַלע נאָענטסטע אויפגאַבן פונם פראָלעטאַריאַט פון אַ וועלכן ניט איז לאַנד; די פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, די צעשטערונג פון דער סאַמע מעכטיקסטער שטיצע ניט בלויז פון דער אייראָפּייאישער, נאָר אויך פון דער אַזיאַטישער רעאַקציע, וואָלט געמאַכט דעם רוסלענדישן פראָלעטאַריאַט פאַרן אַוואַנגאַרד פונם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט".

אַנדערש גערעדט, דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט געדאַרפט אַריבערגעטראָגן ווערן אין רוסלאַנד.

עס איז באַקאַנט, אַז דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט איבערגענוג באַרעכטיקט דעמדאָזיקן לענינס פאָרויסזאָג.

איז דען נאָך דעם אַ כידעש, וואָס דאָס לאַנד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ רעוואָלוציע און האָט אַזאַ פּראָלעטאַריאַט, איז געוואָרן דאָס היימלאַנד פון דער טעאָריע און טאַקטיק פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע?

איז דען אַ כידעש, וואָס דער פירער פונם דאָזיקן פראָלעטאַריאַט, לענין, איז צוזאַמען דערמיט געוואָרן דער שעפער פון דערדאָזיקער טעאָריע און טאַקטיק און דער פירער פונם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט?

.II

דער מעטאד.

אויבן האָב איך געזאָגט, אז צווישן מארקסן און ענגעלסן, פון איין זייט, און לענינען, פון דער אנדערער, ליגט א גאנצע עפּאָכע פו דער הערשאפט פונם אָפּאָרטוניזם פון II אינטערנאציאָנאל. אין די אינטערעסן פון פינקטלעכקייט מוז איך צוגעבן, אז דאָ גייט די רייד ניט וועגן דער פאָרמעלער הערשאפט פונם אָפּאָרטוניזם, נאָר בלויז וועגן זיין פאקטישער הערשאפט. פאָרמעל זיינען בעראָש פונם II אינטערנאציאָנאל געשטאנען די „רעכטגלויביקע" מארקסיסטן, די „אָרטאָדאָקסן" קאוטסקי און אנדערע. אין דער טאט אָבער איז די גרונט-ארבעט פונם II אינטערנאציאָנאל געפירט געוואָרן לויט דער ליניע פון אָפּאָרטוניזם. די אָפּאָרטוניסטן האָבן זיך צוגעפאסט צו דער בורזשואזיע אדאנק זייער קאָמפּראָמיסלעכער קליינבירגערלעכער נאטור; די „אָרטאָדאָקסן" ווידער האָבן זיך, פון זייער זייט, צוגעפאסט צו די אָפּאָרטוניסטן אין די אינטערעסן פון „אַכדעס" מיט די אָפּאָרטוניסטן, אין די אינטערעסן פון „שאָלעם אין דער פארטיי". אין רעזולטאט איז ארויסגעקומען די הערשאפט פונם אָפּאָרטוניזם, ווייל די קייט צווישן דער פּאָליטיק פון דער בורזשואזיע און דער פּאָליטיק פון די „אָרטאָדאָקסן" איז צוזאמענגעשלאָסן געוואָרן.

דאָס איז געווען דער פעריאָד פון פארהעלטניסמעסיק פרידלעכער אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם, דער, אזוי צו זאָגן, פארמילכאָמעדיקער פעריאָד, ווען די קאטאסטראָפישע סטירעס פונם אימפעריאליזם האָבן נאָך ניט באוויזן זיך אויפצודעקן מיט דער פולער קלאָרקייט, ווען די עקאָנאָמישע שטרייקן פון די ארבעטער און די פראָפאריינען האָבן זיך אנטוויקלט מער אָדער ווייניקער „נאָרמאל", ווען דער וואלקאמף און די פארלאמענטישע פראקציעס האָבן געגעבן „ניסים וועניפלאָ-

עסדיקע" ערפאָלגן, ווען די לעגאלע קאמפּס-פאָרמען זיינען געלויבט גע-וואָרן ביזן הימל און דורך לעגאלישקייט האָט מען געמיינט „אוועקצו-הארגענען" דעם קאפּיטאליזם,—מיט איין וואָרט, ווען די פּארטייען פונם II-טן אינטערנאציאָנאל זיינען באוואקסן געוואָרן מיט פעטס, און עס האָט זיך ניט געוואָלט ערנסט טראכטן וועגן רעוואָלוציע, וועגן דיקטא-טור פון פּראָלעטאריאט, וועגן רעוואָלוציאָנערער דערציאונג פון די מאסן.

אנשטאָט אן איינהייטלעכער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע—ווידער-שפּרעכיקע טעאָרעטישע האנאָכעס און ברעקלעך טעאָריע, אָפּגעריסענע פונם לעבעדיקן רעוואָלוציאָנערן קאמף פון די מאסן און פארוואנדלטע אין פארעלטערטע דאָגמען. לעפּאָנים, פלעגט מען, פארשטייט זיך, דער-מאָנען מארקס טעאָריע, אָבער נאָר קעדיי אויסצולופטערן פון איר די לעבעדיקע רעוואָלוציאָנערע נעשאָמע.

אָנשטאָט אַ רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק—צעקראָכענע פּיליסטעריי *) און ניכטערדיקע פּאָליטיקמאַכעריי, פּאַרלאַמענטישע דיפּלאָמאַטיע און פּאַרלאַמענטישע קאָמבינאַציעס. לעפּאָנים, פלעגן, פאַרשטייט זיך, אָנ-גענומען ווערן „רעוואָלוציאָנערע" באשלוסן און לאָזונגען, נאָר בלויז קעדיי אַוועקצולייגן זיי אונטערן געוואנט.

אָנשטאָט דערציען און אויסלערנען די פּאַרטיי די ריכטיקע רע-וואָלוציאָנערע טאַקטיק אף די אייגענע פעלערן—פלעגט מען זאָרגזאַם אויסמיידן די אָנגעווייטיקטע פראַגן, פאַרטושן און פארשמירן זיי. לע-פּאָנים, פאַרשטייט זיך, איז מען אַמאָל געווען באַלאָנים אַף דורכשמועסן זיך וועגן די אָנגעווייטיקטע פראַגן, נאָר מער ניט קעדיי צו פארענדיקן די זאך מיט א וועלכער ניט איז „גומענער" רעזאָלוציע.

אָט ווי עס האָט אויסגעזעען די פיזיאָנאָמיע פונם II אינטערנא-ציאָנאל, זיין ארבעטס-מעטאָד, זיין ארסענאל.

און דאָ האָט זיך אָנגערוקט א נייע עפּאָכע פון אימפּעריאליסטי-שע מילכאָמעס און רעוואָלוציאָנערע געראנגלען פונם פּראָלעטאריאט. די אלטע קאמפּס-מעטאָדן האָבן זיך קלאָר אויסגעוויזן פאר ניט גע-נוגנד און מאכטלאָז אנטקעגן דער אלמעכטיקייט פונם פינאנציעלן קא-פּיטאל.

עס איז נויטיק געווען איבערצוקוקן די גאנצע ארבעט פונם II אינטערנאציאָנאל, זיין גאנצן ארבעטס-מעטאָד, ארויסטרייבנדיק אינגאנצן די פּיליסטעריי, די שמאָלקעפּיקייט, די פּאָליטיקמאכעריי, די רענעגא-טישקייט, דעם סאָציאל-שאָוויניזם, דעם סאָציאל-פּאציפיזם. עס איז נויטיק געווען צו רעווידירן דעם גאנצן ארסענאל פונם II אינטערנאציאָנאל,

*) פּיליסטער — באַלעבאַטישער כאַקרען אָדער באַטלען.

ארויסוואַרפן אלץ, וואָס איז פאַראַסטעט און פאַרעלטערט, אויסשמידן נייע מינים געווער. אָן אזא פאָראַרבעט האָט מען אפילע ניט געקאָנט זיך אויסריכטן אַף מילכאָמע מיטן קאַפּיטאַליזם. אָן דעם האָט דער פּראָלעטאריאט ריזיקירט צו בלייבן פאַר די נייע רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן ניט גענוג באוואָפנט אָדער אפילע פּאָשעט אומבאוואָפנט.

אָט די ערע פון דער גענעראַלער רעוויזיע און גענעראַלער רייניקונג פון די אַגיאַס-פערדשטאלן *) פונם II אינטערנאַציאָנאַל איז אויסגעפאלן אַפן גורל פונם לעניניזם.

אָט אין וואָס פאַר אַ סיטואַציע עס איז געבאָרן געוואָרן און האָט זיך אויסגעשמידט דער מעטאָד פון לעניניזם.

אין וואָס ווערן סומירט די פּאָדערונגען פון דעמדאָזיקן מעטאָד?

ערשטנס, אין דער *אויספרובירונג* פון די טעאָרעטישע דאָגמען פונם II אינטערנאַציאָנאַל אין פייער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאסן, אין פייער פון לעבעדיקער פּראַקטיק, ד. ה. אין דער צוריקאויפשטעלונג פון דער צעשטערטער איינהייט צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק, אין דער ליקווידאַציע פונם איינרייס צווישן זיי, ווייל נאָר אַזוי קאָן מען באשאפן אן עמעסע פּראָלעטארישע פּארטיי, וועלכע זאָל זיין באוואָפנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע.

צווייטנס, אין דער *אויספרובירונג* פון דער פּאָליטיק פון די פּארטייען פונם II אינטערנאַציאָנאַל ניט לויט זייערע לאָזונגען און רעזאָלוציעס (וועלכע מע קאָן ניט גלויבן), נאָר לויט זייערע מאַיסים, לויט זייער האַנדלונג, ווייל נאָר אזוי קאָן מען דערגרייכן און פאַרדינען דעם צוטרוי פון די פּראָלעטארישע מאסן.

דריטנס, אין דער *איבערבויאונג* פון דער גאנצער פּארטייארבעט אַף א נייעם רעוואָלוציאָנערן שטייגער אינם גייסט פון דערציען און צוגרייטן די מאַסן צום רעוואָלוציאָנערן קאמף, ווייל נאָר אזוי קאָן מען צוגרייטן די מאסן צו דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

פערטנס, אין *זעלבסטקריטיק* פון די פּראָלעטארישע פּארטייען, לערנען און דערציען זיי אַף זייערע אייגענע פעלערן, ווייל נאָר אַזוי קאָן מען דערציען ווירקלעכע קאדרען און ווירקלעכע לידערס פאַר דער פּארטיי.

אָט דאָס איז דער יעסאָר און דער טאָך פונם מעטאָד פון לעניניזם.

ווי אזוי איז דערדאָזיקער מעטאָד אנגעווענדעט געוואָרן אין דער פּראַקטיק?

---

*) אגיאַס שטאַלן—אגיאַס איז געווען א לעגענדאַרער גריכישער קיניג, וועלכער האָט שטאַלן מיט טויזנטער פערד, און די שטאַלן האָט מען קיינמאָל ניט גערייניקט.

באַ די אפּאַרטוניסטן פונם II אינטערנאַציאָנאַל עקזיסטירט אַ רייִ טעאָרעטישע דאָגמען, פון וועלכע זיי הויבן שטענדיק אָן. לאָמיר נעמען איניקע פון זיי.

ערשטע דאָגמע: וועגן די באַדינגונגען, באַ וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נעמען די מאַכט. די אפּאַרטוניסטן טאַינען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט און טאָר ניט נעמען די מאַכט, אויב ער אַליין בילדעט ניט די מערהייט אין לאַנד. קיינע באַווייזן ברענגען זיי ניט, ווייל עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו באַרעכטיקן אָט די אומגעלומפּערטע האַנאַכע ניט טעאָרעטיש, ניט פּראַקטיש. זאָל זיין, אַז ס'איז אַזוי, ענטפערט לענין די הערן פונם II אינטערנאַציאָנאַל. נו, און אויב עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ היסטאָרישע סיטואַציע (אַ מילכאָמע, אַן אַגראַרער קריזיס א. אז. וו.), ווען דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס בילדעט אַ מינדערהייט אין דער באַפעלקערונג, האָט די מעגלעכקייט צוזאַמענצונעמען אַרום זיך די גוואַלטיקע מערהייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן,—פאַרוואָס זאָל ער ניט נעמען די מאַכט? פאַרוואָס זאָל דער פּראָלעטאַריאַט ניט אויסנוצן די גינסטיקע צווישנפעלקערלעכע און אינערלעכע סיטואַציע קעדיי דורכצוברעכן דעם פראָנט פונם קאַפּיטאַל און פאַרגיכערן דעם אַלגעמיינעם פינאַל? האָט דען מאַרקס נאָך אין די 50-קער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ניט געזאָגט, אַז די זאַך מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד וואָלט געקאָנט האַלטן „אויסגעצייכנט", ווען מע וואָלט געקאָנט שאַפן פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אַ שטיצע „אַזוי צו זאָגן, דורך אַ צווייטער אויסגאַבע פון דער פויערשער מילכאָמע"? איז דען ניט באַקאַנט יעדן איינעם, אַז פּראָלעטאַריער אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט געווען פאַרהעלטנישמעסיק ווייניקער, ווי, לעמאָשל, אין רוסלאַנד אין 1917 יאָר? האָט דען די פּראַקטיק פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע ניט באַוויזן, אַז די דאָזיקע באַליבטע דאָגמע פון די העלדן פון II אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט קיין שום לעבנס-באַדייטונג פאַרן פּראָלעטאַריאַט? איז דען ניט קלאָר, אַז די פּראַקטיק פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן שלאָגט און צעקלאַפּט אָט די אָפּגעקראַכענע דאָגמע?

צווייטע דאָגמע: דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט איינהאַלטן די מאַכט, אויב ער האָט ניט פאַרטיק קיין גענוגנדע צאָל גרייטע קולטורעלע און אַדמיניסטראַטיווע קאַדרען, וועלכע זיינען מעסוגל אַוועקצושטעלן ווי געהעריק די פאַרוואַלטונג מיטן לאַנד,—דאַרף מען פריער אויסאַרבעטן די דאָזיקע קאַדרען אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם און דערנאָך ערשט נעמען די מאַכט. זאָל זיין, אַז ס'איז אַזוי,—ענטפערט לענין,—פאַר-

וואָס קאָן מען אָבער ניט די זאַך אַ קער טאָן אזוי, אז פריער זאָל מען
נעמען די מאַכט, באַשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אנטוויקלונג
פונם פראָלעטאַריאַט, און דערנאָך—אוועקלאָזן זיך פארויס מיט מיילן-
טריט אַף צו העכערן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די ארבעטנדיקע מאַסן,
אַף אויסצואַרבעטן פילצאָליקע קאדרען אָנפירער און אדמיניסטראַטאָרן
פון צווישן די אַרבעטער? האָט דען די רוסלענדישע פראַקטיק ניט באַ-
וויזן, אז די קאדרען אנפירער פון צווישן די אַרבעטער וואקסן באַ דער
פראָלעטאַרישער מאַכט הונדערט מאָל גיכער און גרינטלעכער, ווי באַ
דער מאַכט פון קאַפיטאַל? איז דען ניט קלאָר, אז די פראַקטיק פון רע-
וואָלוציאָנערן קאַמף פון די מאַסן שלאָגט אומראַכמאָנעסדיק אויך דידאָ-
זיקע טעאָרעטישע דאגמע פון די אָפּאָרטוניסטן?

דריטע דאַגמע: דער מעטאָד פון אַן אַלגעמיינעם פאָליטישן שטרייק
איז ניט אנעמבאר פאַרן פראָלעטאַריאט, ווייל טעאָרעטיש איז ער ניט
אויסגעהאלטן (זע די קריטיק פון ענגעלסן), פראַקטיש איז ער געפער-
לעך (קאָן צעשטערן דעם נארמאַלן גאנג פונםווירטשאַפטלעכן לעבן
פון לאַנד, קאָן אויסליידיקן די קאסעס פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען),
ער קאָן ניט פאַרבייטן די פאַרלאמענטארישע קאמפס-פאָרמען, וואָס
זיי זיינען די הויפט-פאָרמען פונם קלאַסנקאַמף פון פראָלעטאַריאט. גוט,
ענטפערן די לעניניסטן. אבער, ערשטנס, האָט ענגעלס קריטיקירט ניט
יעטווידער אלגעמיינעם שטרייק, נאָר אַ באַשטימטן מין אלגעמיינעם
שטרייק, דעם אלגעמיינעם עקאנאמישן שטרייק פון די אנאַרכיסטן,
וועלכן די לעצטע האָבן ארויסגעשטעלט אנשטאט דעם פאָליטישן
קאַמף פונם פראָלעטאַריאט,—איז וואָס פאַר אַ שאַיכעס האָט דערצו דער
מעטאָד פון אלגעמיינעם פאָליטישן שטרייק? צווייטנס, ווער און
וואו האָט דערוויזן, אז די פאַרלאמענטארישע פאָרם פון קאַמף איז די
הויפט-פאָרם פונם קאַמף פון פראָלעטאַריאט? באווייזט דען ניט די גע-
שיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אז דער פאַרלאַמענטאַרי-
שער קאַמף איז בלויז אַ שול און אונטערשטיצונג פאַר דער ארגאַניזי-
רונג פונם אויסערפאַרלאמענטאַרישן קאַמף פונם פראָלעטאַריאַט, אז די
גרונט-פראַגן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג ווערן באַם קאַפיטאַליזם באַ-
שלאָסן דורך קראַפט, דורך דעם אומיטלבאַרן קאַמף פון די פראָלעטאַ-
רישע מאַסן, דורך זייער אַלגעמיינעם שטרייק, דורך זייער אויפשטאַנד?
דריטנס, פון וואַנען האָט זיך גענומען די פראַגע וועגן פאַרבייטן דעם
פאַרלאַמענטאַרישן קאַמף דורכן מעטאָד פון אַלגעמיינעם פאָליטישן
שטרייק? ווען און וואו האָבן די אנהענגער פונם אַלגעמיינעם פאָליטישן
שטרייק זיך געפרואווט פאַרבייטן די פאַרלאַמענטאַרישע קאמפס-פאָר-

מען מיט אויספּאַרלאַמענטאַרישע קאַמפּס-פֿאָרמען? פּערטנס, האָט דען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ניט באַוויזן, אַז דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק איז די גרעסטע שול פֿון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און אַן אומפֿאַרגלייכלעך מיטל אַף צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן די ברייטסטע מאַסן פֿונם פּראָלעטאַריאַט ערעוו דעם שטורעם פֿון די פֿעסטונגען פֿון קאַפּיטאַליזם,—איז צו וואָס טויגן דאָ די פֿיליסטערישע יעלאַלעס וועגן דער צעשטערונג פֿונם נאָרמאַלן גאַנג פֿונםווירטשאַפֿטלעכן לעבן און וועגן די קאַסעס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען? איז דען ניט קלאָר, אַז די פּראַקטיק פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף צעקלאַפּט אויך די-דאָזיקע דאָגמע פֿון די אָפּאָרטוניסטן?

א. אז. וו. א. אז. וו.

אָט פֿאַרוואָס לענין האָט געזאָגט, אַז „די רעוואָלוציאָנערע טעאָריע איז ניט קיין דאָגמע", אַז „זי בילדעט זיך ענדגילטיק אויס בלויז אין ענגן צוזאַמענבונד מיט דער פּראַקטיק פֿון אַ בעמעס מאַסאָווער און בעמעס רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג" („די קינדערשע קראַנקהייט"), ווייל די טעאָריע דאַרף דינען דער פּראַקטיק, ווייל „די טעאָריע דאַרף ענטפֿערן אַף די פֿראַגן, וועלכע ווערן אַרויסגערוקט דורך דער פּראַקטיק" („פֿריינט פֿון. פֿאָלק"), ווייל זי דאַרף קאָנטראָלירט ווערן דורך די אָנגאָבן פֿון דער פּראַקטיק.

וואָס איז שייך די פּאָליטישע לאָזונגען און פּאָליטישע באַשלוסן פֿון די פּאַרטייען פֿון II אינטערנאַציאָנאַל, איז גענוג צו דערמאָנען די געשיכטע מיטן לאָזונג „קריג קעגן דעם קריג", אַף צו פֿאַרשטיין די גאַנצע פֿאַלשקייט און צעפּוילטקייט פֿון דער פּאָליטישער פּראַקטיק פֿון די-דאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע פֿאַרדעקן זייער אַנטירעוואָלוציאָנערע אַרבעט מיט פּאָמפּעזע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און רעזאָלוציעס. אַלע געדענקען די פּאָמפּעזע דעמאָנסטראַציע פֿונם II אינטערנאַציאָנאַל אַפֿן באַזעלער קאָנגרעס מיט דראָאונגען קעגן די אימפּעריאַליסטן פֿון אַלע שרעקן פֿון אויפֿשטאַנד, אויב די אימפּעריאַליסטן וועלן זיך באַשליסן אָנצוהייבן אַ מילכאָמע, און מיטן גרויזאַמען לאָזונג „קריג דעם קריג". ווער געדענקט אָבער ניט, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום, פֿאַרן סאַמע אָנהויב פֿון דער מילכאָמע, איז די באַזעלער רעזאָלוציע אַוועקגעלייגט געוואָרן אונטערן געוואַנט, און די אַרבעטער איז געגעבן געוואָרן אַ נייער לאָזונג—אויסראָטן איינער דעם אַנדערן צום רום פֿונם קאַפּיטאַליסטישן פֿאָטערלאַנד? איז דען ניט קלאָר, אַז די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און רעזאָלוציעס זיינען קיין גראָשן ניט ווערט, אויב זיי ווערן ניט באַפֿעסטיקט דורך מאַיסים? מע דאַרף בלויז פֿאַרגלייכן די לעניניסטישע

פּאָליטיק פון פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער־קריג מיט דער פאַרעטערישער פּאָליטיק פונם II אינטערנאַציאָנאַל בע־שאַס דער מילכאָמע, אַז מע זאָל פאַרשטיין די גאַנצע פלאַכקייט פון די פּאָליטיקאַנער פון אָפּאָרטוניזם, די גאַנצע גרויסקייט פונם מעטאָד פון לענינגיזם. איך קאָן ניט דאָ ניט ברענגען איין אָרט פון לענינס בוך: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", וואו ער שמייסט שאַרף דעם אָפּאָרטוניסטישן פּרוּוו פונם לידער פונם II אינ־טערנאַציאָנאַל, ק. קאַוטסקי, צו אורטיילן וועגן פּאַרטייען ניט לויט זיי־ערע מאַיסים, נאָר לויט זייערע פּאַפּירענע לאָזונגען און דאָקומענטן:

„קאַוטסקי פירט דורך אַ טיפּישע באַלעבאַטיש־פיליסטערישע פּאָ־ליטיק, זיך איינבילדנדיק, אַז דאָס אַרויסשטעלן אַ לאָזונג ענדערט קלוימערשט די לאַגע. די גאַנצע געשיכטע פון דער בורזשואַזער דעמאָ־קראַטיע דעמאַסקירט דידאָזיקע אילוזיע: קעדיי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק האָבן די בורזשואַזע דעמאָקראַטן שטענדיק אַרויסגעשטעלט און שטעלן שטענדיק אַרויס וועלכע „לאָזונגען" איר ווילט. עס גייט דערין, אַז מע זאָל 'דורכקאָנטראָלירן זייער אויפריכטיקייט, אַז מע זאָל מיט ווערטער פאַרגלייכן מאַיסים, אַז מע זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט קיין אידעאַליסטישער אָדער שאַרלאַטאַנישער פראַזע, נאָר מע זאָל זיך דערקלייבן צו דער קלאַסן־רעאַלקייט".

איך רייד שוין ניט וועגן דער מוירע פון די פּאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל פאַר זעלבסטקריטיק, וועגן זייער מאַניר צו באַהאַלטן זייערע פעלערן, צו פאַרטושן וויטיקדיקע פראַגן, צו פאַרדעקן זייערע דעפעקטן מיט פאַלשע וואוילשטאַנד־פּאַראַדן, וועלכע פאַרטעמפּן דעם לעבעדיקן געדאַנק און פאַרהאַלטן די זאַך פון רעוואָלוציאָנערער דער־ציאונג פון דער פּאַרטיי אַף אירע אייגענע פעלערן, אַ מאַניר, וועלכע איז דורך לענינען געוואָרן אויסגעלאַכט און צוגעשמידט צום שאַנדסלופּ. אָט וואָס לענין האָט געשריבן וועגן דער זעלבסטקריטיק פון די פּראָ־לעטאַרישע פּאַרטייען אין זיין בראָשור „די קינדערשע קראַנקהייט":

„די באַציאונג פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי צו אירע פעלערן איז איינער פון די וויכטיקסטע און ריכטיקסטע קריטעריען פון דער ערנסט־קייט פון דער פּאַרטיי און פון דעם, ווי אַזוי זי פירט אין טאַט אויס אירע פליכטן בענויגייע צו איר קלאַס און צו די אַרבעטנדיקע מאַסן. אָפן אָנערקענען אַ פעלער, אויפדעקן זיינע סיבעס, דורכאַנאַ־ליזירן די סיטואַציע, וועלכע האָט אים אַרויסגערופן, באַטראַכטן אויפ־מערקזאַם די מיטלען, ווי אַזוי אויסצובעסערן דעם פעלער—אָט דאָס איז אַ סימען פון אַן ערנסטער פּאַרטיי, אָט דאָס הייסט, אַז זי פילט אירע

פליכטן. אָט דאָס הייסט דערציען און לערנען דעם קלאַס, און דער־נאָך די מאסן״.

אנדערע זאָגן, אז אויפדעקן די אייגענע פעלערן און זיך אליין קריטיקירן איז געפערלעך פאַר אַ פאַרטיי, ווייל די קעגנער קאָנען דאָס אויסנוצן קעגן דער פאַרטיי פון פראָלעטאַריאַט. לענין האָט אזוינע דער־ווידערונגען געהאַלטן פאַר ניט ערנסטע און אבסאָלוט ניט ריכטיקע. אָט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם נאָך אין 1904 יאָר אין זיין בראָשור „אַ טריט פאָרויס״, ווען אונזער פאַרטיי איז נאָך געווען שוואַך און אומבאַדייטנד:

„זיי, ד. ה. די קעגנער פון די מאַרקסיסטן, קלייבן בייזן נאָכעס און קרימען זיך, צוקוקנדיק זיך צו אונזערע שטרייטן; זיי וועלן זיך, פארשטייט זיך, באמיען ארויסצורייסן צוליב זייערע צילן איינצלנע ער־טער פון מיין בראָשור, וועלכע איז געווידמעט די פעלערן און דעפעקטן פון אונזער פאַרטיי. די רוסישע מאַרקסיסטן זיינען שוין גענוג באַשאָסן אין געפעכטן, אז זיי זאָלן זיך ניט דערשרעקן פאַר אזוינע קניפּן, אַז זיי זאָלן ווייטער פירן, ניט געקוקט אַף דעם, זי אַרבעט פון זעלבסט־קריטיק און אומראַכמאַנעסדיקן אויפדעקן די אייגענע מינוסן, וועלכע מוזן אומבאַדינגט און אומפארמיידלעך אריבערגעשטיגן ווערן דורכן וואוקס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג״...

אָט דאָס זיינען, אין אַלגעמיין, די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם מעטאָד פון לענינים.

דאָס, וואָס עס איז געגעבן געוואָרן אין לענינס מעטאָד, איז אינם איקער שוין געווען אין דער לערע פון מאַרקסן, וועלכע איז, לויט די ווערטער פון מאַרקסן, „אין טאָך אַ קריטישע און רעוואָלוציאָנערע״. טאַקע אָט דער קריטישער און רעוואָלוציאָנערער גייסט דרינגט דורך פון אנהויב ביזן סאָף לענינס מעטאד. עס וואָלט אָבער ניט ריכטיק געווען צו מיינען, אַז לענינס מעטאָד איז אן איינפאכע רעסטאַווראַציע פון דעם, וואָס עס איז שוין געגעבן געוואָרן דורך מאַרקסן. אין דער עמעסן איז לענינס מעטאָד ניט נאָר אַ צוריקאויפשטעלונג, נאָר אויך אַ קאָנקרעטיזירונג און ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון מארקס קריטישן און רעוואָלוציאָנערן מעטאָד, פון זיין מאַטעריאַליסטישער דיאלעקטיק.

.III

די טעאָריע.

פון דערדאָזיקער טעמע נעם איך דריי פראַגן: א) וועגן דער באַדייטונג פון טעאָריע פאַר דער פראָלעטאַרישער באַוועגונג, ב) וועגן דער קריטיק פון דער „טעאָריע״ פון סטיכישקייט און ג) וועגן דער טעאָריע פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

1. וועגן דער באַדייטונג פון טעאָריע. אַנדערע מיינען, אַז לעניניזם דאָס איז פרימאט (איבערהערשאַפט, בכוירע) פון פראַקטיק איבער טעאָריע, אין דעם זין, וואָס דער איקער אין אים איז די פארוואנדלונג פון די מאַרקסיסטישע גרונדלאגן אין טאַט, די „דורכפירונג״ פון די דאָזיקע גרונדלאגן; וואָס איז אָבער שאַיעך טעאָריע, איז דער לעניניזם אין דעם פראַט קלוימערשט גאַנץ זארגלאז. עס איז באַקאנט, אַז פלעכאַנאָוו האָט ניט איין מאָל כויזעק געמאַכט פון לענינס „זארגלאזיקייט״ בענויגייע טעאָריע און באזונדערס פילאָסאָפיע. עס איז אויך באַקאנט, אַז פילע איצטיקע פראַקטיקער-לעניניסטן האַלטן ניט שטאַרק פון טעאָריע, באַזונדערס צוליב דעם טהאָם פראַקטישער ארבעט, וואָס זיי זיינען געצוואונגען אַף זיך צו טראגן. איך מוז דערקלערן, אז אָט די מער ווי מעשונעדיקע מיינונג וועגן לענינען און וועגן לעניניזם איז אבסאָלוט ניט ריכטיק און שטימט אין קיין פאַל ניט מיט דערווירקלעכקייט, אַז די שטרעבונג פון די פראַקטיקער אוועקצומאַכן די טעאָריע מיט דער האַנד ווידערשפרעכט דעם גאַנצן גייסט פון לעניניזם און אנטהאלט אין זיך גרויסע געפארן פאַר דער אַרבעט.

טעאָריע דאָס איז די דערפארונג פון דער אַרבעטער=באַוועגונג פון אַלע לענדער, גענומען אין איר אלגעמיינער פאָרם. די טעאָריע ווערט זאַכלאָז, אויב זי ווערט ניט צוזאמענגעבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער

ראַקטיק, פונקט ווי די פּראַקטיק ווערט בלינד, אויב זי באַלייכט ניט דעם וועג פאַר זיך דורך דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע. טעאָריע ווערט אָבער די גרעסטע קראַפט פון דער ארבעטער-באַוועגונג, ווען זי שאַפט זיך אין אַ ניטצעררייסבארער פארבינדונג מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק, ווייל זי און נאר זי קאָן צוגעבן דער באַוועגונג זיכערקייט, אריענטירונגס-קראַפט און דאָס באנעמען דעם אינערלעכן צוזאַמענבונד פון די ארומיקע געשעענישן, ווייל זי און נאר זי קאָן מיטהעלפן דער פּראַקטיק צו פארשטיין ניט בלויז, ווי אזוי און וואוהין עס באוועגן זיך איצט די קלאַסן, נאר אויך ווי אזוי און וואוהין זיי דארפן זיך א ריר טאָן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. ניט קיין אנדערער, נאר גראד לענין האָט ארויסגעזאָגט און צענדליקער מאָל איבערגעכאזערט די באוואוסטע הא-נאָכע, אז:

„אָן רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קאָן ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק" (ז. „וואָס דאַרף מען טאָן?").

לענין האָט מער, ווי ווער ניט איז אנדערש, פארשטאנען די וויכ-טיקע באַדייטונג פון טעאָריע, באַזונדערס פאַר אַזאַ פּאַרטיי, ווי אונזערע, געמענדיק אין אַכט די ראָליע פון א פארגעשריטענעם קעמפער פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז אויסגעפאלן אַף איר גורל, און די קאמפּליצירטקייט פון דער אינערלעכער און אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, וועלכע רינגלט זי ארום. אנשטויסנדיק זיך פאָרויס וועגן דער באזונדערער ראליע פון אונזער פּאַרטיי נאָך אין 1902 יאָר, האָט ער שוין דעמאלט געהאלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען, אז:

„די ראָליע פון אַ פארגעשריטענעם קעמפער קאָן אויספירן נאָר אַזאַ פּאַרטיי, וואָס ווערט אַנגע-פירט פון אַ פארגעשריטענער טעאָריע" (ז. „וואָס דאַרף מען טאָן?").

אסער אויב מע דאַרף נאָך דערווייזן, אז איצט, ווען לענינס פאָרויסזאָגן וועגן דער ראליע פון אונזער פּאַרטיי איז שוין פארווירק-לעכט געוואָרן אין לעבן, באקומט דידאָזיקע האנאכע לענינס אַ באַזונ-דערע קראפט און א באזונדערע באדייטונג.

פאר דעם קלארסטן אויסדרוק פון דער זוויכער באדייטונג, וואָס לענין האָט צוגעגעבן דער טעאָריע, דארף מען עפּשער רעכענען דעם פאקט, וואָס גראד לענין האָט זיך גענומען פאר דער אויספירונג פון דער סאמע ערנסטער אויפגאבע, צו פאראלגעמיינערן לויט דער מאטע-

דיאַליסטישער פילאָסאָפיע דאָס וויכטיקסטע פון דעם, וואָס די וויסנ־שאַפט האָט געגעבן פאַר דער צייט פון ענגעלסן ביז לענינען, ווי אויך פון דער אלזייטיקער קריטיק פון די אנטימאטעריאַליסטישע ריכטונגען צווישן די מאַרקסיסטן. ענגעלס פלעגט זאָגן, אַז „דעם מאטעריאַליזם קומט אויס אנצונעמען אַ נייע פאָרם מיט יעדער נייער גרויסער אנטדע־קונג". עס איז באקאַנט, אז דידאַזיקע אויפגאַבע האָט פאַר זיין צייט אויסגעפירט גראָד לענין אין זיין מערקווירדיקן בוך „מאַטעריאַליזם און עמפיריאָקריטיציזם". עס איז באקאַנט, אז פלעכאַנאָוו, וועלכער האָט ליב געהאַט צו שפאסן איבער לענינס „זאַרגלאזיקייט" בענויגייע פילאסאָפיע, האָט זיך ניט באשלאָסן ערנסט אפילע צוגיין צו דער אויספירונג פון אַזאַ אויפגאַבע.

2. די קריטיק פון דער „טעאָריע" פון ספּאָנטאַנ־קייט, אדער וועגן דער ראָליע פונם אוואַנגאַרד אין דער באַוועגונג. די „טעאָריע" פון ספּאָנטאַנקייט איז אַ טעאָריע פון אָפּאָרטוניזם, א טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער ספּאָנטאַנקייט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, א טעאָריע פון פאַקטישער אפּלייקענונג פון דער אנפירנדיקער ראָליע פונם אוואַנגאַרד פונם ארבעטער־קלאַס, פון דער פּאַרטיי פונם ארבעטער־קלאַס.

די טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער ספּאָנטאַנקייט טרעט אנטשידן ארויס קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער ארבעטער־באַוועגונג, זי איז קעגן דעם, אַז די באַוועגונג זאָל געוועגדעט ווערן אַף דער ליניע פון קאַמף קעגן די יעסוידעס פון קאַפּיטאַליזם,—זי איז פאַר דעם, אַז די באַוועגונג זאָל גיין אויסשליסלעך לויט דער ליניע פון „אויספירבאַרע", פאַרן קאַפּיטאַליזם „אַנעמבאַרע" פאָדערונגען, זי איז אינגאַנצן פאַר דער „ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד". די טעאָריע פון ספּאָנטאַנקייט דאָס איז די טעאָריע פון טרייד־יוניאָניזם.

די טעאָריע פון בוקן זיך פאַר דער ספּאָנטאַנקייט איז קאַטעגאָריש קעגן דעם, אַז דער ספּאָנטאַנער באַוועגונג זאָל צוגעגעבן ווערן אַ באַ־וואוסטזיניקער, פּלאַנמעסיקער כאַראַקטער, זי איז קעגן דעם, אַז די פּאַרטיי זאָל גיין פאַרויס פאַרן ארבעטער־קלאַס, אַז די פּאַרטיי זאָל אויפהויבן די מאַסן צו דער מאַדרייגע פון באַוואוסטזיניקייט, אַז די פּאַרטיי זאָל פירן נאָך זיך די באַוועגונג,—זי איז דערפאַר, אַז די באַ־וואוסטזיניקע עלעמענטן זאָלן ניט שטערן דער באַוועגונג צו גיין מיט איר וועג, זי איז דערפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך בלויז צוהערן צו דער ספּאָנטאַנער באַוועגונג און זאָל זיך נאָכשלעפּן אין עק נאָך איר. די טעאָריע פון ספּאָנטאַנקייט איז א טעאָריע פון פאַרמינערן די ראָליע פונם

באוואוסטזיניקן עלעמענט אין דער באַוועגונג, די אידעאלאָגיע פון „עקיזם"*), דער לאַגישער יעסאד פאר י ע ט ו י ד ע ר אפארטוניזם.

פראקטיש האָט דידאָזיקע טעאָריע, וועלכע איז ארויסגעטראָטן אף דער סצענע נאָך פאר דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, געפירט דערצו, אז אירע אנהענגער, די אזוי גערופענע „עקאנאמיסטן", האָבן געלייקנט אין דער נויטווענדיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער ארבע-טער-פּרטיי אין רוסלאנד, זיינען ארויסגעטראָטן קעגן דעם רעוואָלוציאָ-נערן קאַמף פונם ארבעטער-קלאס פאַר שטירצן דעם צאַריזם, האָבן גע-פריידיקט א טרייד-יוניאניסטישע פּאָליטיק אין דער באוועגונג און האָבן ביכלאל אפגעגעבן די ארבעטער-באַוועגונג אונטער דער העגעמאָניע פון דער ליבעראלער בורזשואזיע.

דער קאַמף פון דער אלטער „איסקרא" און די גלענצנדיקע קרי-טיק פון דער טעאָריע פון „עקיזם", וואָס לענין האָט געגעבן אין זיין בראָשור „וואָס דארף מען טאָן?", האָט ניט נאָר צעקלאפּט דעם אזוי גערופענעם „עקאנאמיזם", נאָר האָט אויך באשאפן די טעאָרעטישע יע-סוידעס פאר דער ווירקלעך רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונם רוסישן ארבעטער-קלאַס.

אָן דעמדאָזיקן קאמף וואלט גאָר ניט געווען וואָס צו טראכטן אפילע וועגן באשאפן א זעלבשטענדיקע ארבעטער-פּארטיי אין רוסלאַנד און וועגן דעם, אז זי זאָל שפילן אן אָנפירנדיקע ראליע אין דער רע-וואָלוציע.

אָבער די טעאָריע פון בוקן זיך פאר דער סטיכישקייט איז ניט בלויז א רוסישע דערשיינונג. זי האט די ברייטסטע פארשפרייטונג, עמעס, אביסל אין אן אנדער פארם, אין אלע אן אויסנאם פארטייען פונם 2-טן אינטערנאציאנאל. איך מיין דא די אזוי גערופענע טעאריע פון „פראדוקטיווע קרעפטן", וועלכע איז באנאליזירט געווארן דורך די לידערס פונם 2-טן אינטערנאציאנאל, וועלכע בארעכטיקט אלץ און מאכט שאלעם צווישן אלעמען, קאנסטאטירט פאקטן און דערקלערט זיי נאך דעם, ווי זיי זיינען שוין אלעמען דערעסן געווארן, און, קאנסטאטירנ-דיק, בארואיקט זי זיך דערויף. מארקס פלעגט זאָגן, אז די מאטעריא-ליסטישע טעאריע טאר זיך ניט באגנוגענען מיטן דערקלערן די וועלט, זי דארף זי נאך אומענדערן. אבער קאוטסקין און קאמפ. גייט דאס ניט

*) „עק" אף רוסיש „כוואָסט". לענינס א שלאגווארט „כוואסטיזם"—זיך באכשלעפּן נאָכן עק.

אָן, זיי האלטן בעסער פון פארבלייבן באם ערשטן טייל פון מארקס פארמול. אט איז איינער פון די פילע ביישפילן פון אנווענדן דידאַזיקע „טעאריע". מע זאגט, אז פאר דער אימפעריאליסטישער מילכאמע האבן די פארטייען פונם 2-טן אינטערנאציאנאל געסטראשעט, אז זיי וועלן דערקלערן „אַ מילכאמע דער מילכאמע", אויב די אימפעריאליסטן וועלן אנהויבן א מילכאמע. מע זאגט, אז סאמע ערעוו מילכאמע האבן די דאזיקע פארטייען בּאהאלטן אונטערן געוואנט דעם לאזונג פון „מילכא-מע דער מילכאמע" און האבן דורכגעפירט אין לעבן א פארקערטן לאַ-זונג וועגן „מילכאמע פארן אימפעריאליסטישן פאטערלאנד". מע זאגט, אז דער רעזולטאט פון דעמדאזיקן אומבייט פון לאזונגען זיינען געווען מיליאנען קארבאנעס פון די ארבעטער. עס וואלט אבער געווען א טאָעס צו מיינען, אז דא זיינען פארען שולדיק, אז עמיצער האט דא גע-פעלשט אינם ארבעטער-קלאס, האט אים פאראטן. עס הויבט זיך ניט אָן! אלץ איז פארגעקומען אזוי, ווי דאס האט געדארפט פארקומען. ערשטנס, דערפאר, ווייל דער אינטערנאציאנאל איז „אַ אינסטרומענט פון שאלעם" און ניט פון מילכאמע. צווייטנס, דערפאר, ווייל בא דעם ניווא פון די „פראדוקטיווע קרעפטן", וועלכער איז צו יענער צייט גע-ווען, האט מען אנדערש ניט געקאנט מאכן. „שולדיק" זיינען די „פראָ-דוקטיווע קרעפטן". דאס „דערקלערט" אונז פינקטלעך „די טעאריע פון פראדוקטיווע קרעפטן" פונם הער קאוטסקי, און ווער עס גלויבט ניט אין דערדאזיקער „טעאריע", דער איז קיין מארקסיסט ניט. די ראליע פון פארטייען? וואס קאן אבער אויפטאן אַ פארטיי מיט אזא אנטשיידנ-דיקן פאקטאר, ווי דער „ניווא פון די פראדוקטיווע קרעפטן"?..

אזעלכע ביישפילן פון פאלסיפיצירן דעם מארקסיזם וואלט מען געקאנט ברענגען א גאנצן פאק.

אסער אויב מע דארף נאך דערווייזן, אז אט דער פאלסיפיציר-טער „מארקסיזם", וועלכער איז בארופן צו פארדעקן די נאקעטקייט פונם אפארטוניזם, איז בלויז אף אן אייראפייאישן שטייגער אומגעענ-דערטע פארם פון דעם זעלביקן „עקיזם", מיט וועלכן לענין האט מיל-כאמע געהאלטן נאך פאר דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע.

אסער אויב מע דארף נאך דערווייזן, אז די צעשטערונג פון דערדאזיקער טעארעטישער פאלסיפיקאציע איז א פארבאדינג פאר דער באשאפונג פון ווירקלעך רעוואלוציאנערע פארטייען אפן מאירעוו.

3. די טעאָריע פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָ-לוציע. די לענינישע טעאריע פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע גייט ארויס פון דריי גרונט-האנאכעס.

ערשטע האַנאָכע, די הערשאפט פונם פינאנציעלן קאפי־טאל אין די פארגעשריטענע לענדער פונם קאפיטאליזם; די עמיסיע פון ווערט-פאפירן, אלס וויכטיקסטע אפעראציע פונם פינאנציעלן קאפיטאל; דער ארויספיר פון קאפיטאל צו די קוועלן פון רוישטאף, אלס איינער פון די יעסוידעס פונם אימפעריאליזם; די אלמעכטיקייט פון דער פינאנציעלער אליגארכיע, אלס רעזולטאט פון דער הער־שאפט פונם פינאנציעלן קאפיטאל,—דאס אלץ דעקט אויף דעם גראָב-פאראזיטארישן כאראקטער פונם מאנאפאליסטישן קאפיטאליזם, מאכט אין הונדערט מאל פילבארער דעם יאך פון די קאפיטאלי־סטישע טרעסטן און סינדיקאטן, פארשטארקט דעם וואוקס פון דעם צארן פונם ארבעטער־קלאס קעגן די יעסוידעס פונם קאפיטאליזם, פירט צו די מאסן הארט צו דער פראלעטארישער רעוואלוציע, אלס דער איינציקער רעטונג (ז. לענינס „אימפעריאליזם״).

דערפון קומט דער ערשטער אויספיר: די פארשארפונג פונם רע־וואָלוציאנערן קריזיס אין די קאפיטאליסטישע לענדער, דער אנוואוקס פון אויפרייס־עלעמענטן אפן אינערלעכן פראלעטארישן פראנט אין די „מעטראפאליעס״.

צווייטע האנאכע, דער פארשטארקטער ארויספיר פון קאפיטאל אין די קאלאניאלע און אפהענגיקע לענדער; די פארברײ־טערונג פון די „ווירקונגס־ספערן״ און קאלאניאלע באזיצן, וואס דערגייט שוין ביזן ארייננכאפן דעם גאנצן ערדקײַלעך; די פארוואנדלונג פונם קאפיטאליזם אין אן אלוועלטלעכער סיסטעם פון פינאנציעלער פארשקלאפונג און קאלאניאלער אונטערדריקונג פון דער גיגאנטישער מערהייט באפעלקערונג אף דער ערד דורך אַ הייפל „פארגעשריטענע״ לענדער, — דאָס אלץ האט, פון איין זייט, פארוואנדלט די באזונדערע נאציאנאלע ווירטשאפטן און נאציאנאלע טעריטאריעס אין רינגען פון איין איינהייטלעכער קייט, וועלכע הייסט וועלט-ווירטשאפט; פון דער אנדערער זייט—האט עס צעשפאלטן די באפעלקערונג פונם ערדקיילעך אף צוויי לאגערן: אף א הייפל „פאר־געשריטענע״ קאפיטאליסטישע לענדער, וועלכע עקספלאָאַטירן און אונ־טערדריקן די גרויסע קאלאניאלע און אפהענגיקע לענדער, און אף א קאלאסאלע מערהייט קאלאניאלע און אפהענגיקע לענדער, וועלכע זײ־נען געצוואונגען צו פירן א קאמף פאר דער באפרייאונג פון אונטערן אימפעריאליסטישן יאך (ז. „אימפעריאליזם״).

דערפון קומט דער צווייטער אויספיר: די פארשארפונג פונם רע־וואלוציאנערן קריזיס אין די קאלאניאלע לענדער, דער אנוואוקס פונם אויפרעגונגס־עלעמענט קעגן דעם אימפעריאליזם אפן אויסערלעכן, קא־לאניאלן פראנט.

דריטע האנאכע. דער מאנאפאלער באזיץ פון „ווירקונגס ספערן“ און קאלאניעס; די ניטגלייכמעסיקע אנטוויקלונג פון פארשיידענע קאפיטאליסטישע לענדער, וואס דאס פירט צו א ווילדן קאמף פאר דער איבערפארטיילונג פון דער וועלט צווישן די לענדער, וועלכע האבן שוין פארכאפט טעריטאריעס, און די לענדער, וועלכע ווילן באקומען זייער „כיילעק“; אימפעריאליסטישע מילכאמעס, אלס דאס איינציקע מיטל צוריק אויפצושטעלן דעם צעשטערטן „גלייכגעוויכט“, — דאס אלץ פירט צו דער פארשטארקונג פונם דריטן פראנט, פונם צווישנקאפיטאליסטישן פראנט, וועלכער שוואכט אפ דעם אימפעריאליזם און פארלייכטערט די פאראייניקונג פון די צוויי ערשטע פראנטן קעגן דעם אימפעריאליזם, פונם רעוואלוציא־נער־פראלעטארישן פראנט און קאלאניאל־באפרייערישן פראנט (ז. „אימפעריאליזם“).

דערפון קומט דער דריטער אויספיר: די אומפארמיידלעכקייט פון מילכאמעס באם אימפעריאליזם און די אומפארמיידלעכקייט פון א קא־אליציע צווישן דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין אייראפע מיט דער קאלאניאלער רעוואלוציע אפן מיזראך אין איין איינהייטלעכן אלוועלט־לעכן פראנט פון רעוואלוציע קעגן דעם אלוועלטלעכן פראנט פון אימ־פעריאליזם.

די אלע אויספירן ווערן בא לענינען פאראייניקט אין איין אלגע־מיינעם אויספיר וועגן דעם, אז „דער אימפעריאליזם איז דער ערעוו פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע“ (ז. „אימפעריאליזם“).

אין העסקעם דערמיט בייט זיך אויך דער צוגאנג גופע צו דער פראגע וועגן דער פראלעטארישער רעוואלוציע, דער כאראקטער פון דער רעוואלוציע, איר פארנעם, איר טיפקייט, די סכעמע פון דער רע־וואלוציע ביכלאל.

פריער פלעגט מען געוויינלעך צום אנאליז פון די פארהאנאכעס פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע צוגיין פונם שטאנדפונקט פונם עקאנאמישן צושטאנד פון דעם אדער יענעם באזונדערן לאנד. איצט איז שוין אזא צוגאנג ניט גענוג. איצט מוז מען צוגיין צו דער פראגע פונם

שטאַנדפונקט פונם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון אַלע לענדער אָדער פון דער מערהייט לענדער, פונם שטאַנדפונקט פונם צושטאַנד פון דער וועלטווירטשאַפט, ווייל באַזונדערע לענדער און באַזונדערע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן האָבן אויפגעהערט צו זיין זעלבסטווערטיקע איינסן אליין פאַר זיך, זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רינגען פון איין איינהייטלעכער קייט, וועלכע הייסט וועלט-ווירטשאַפט, ווייל דער אַלטער „קולטורעלער" קאַפיטאַליזם איז אַריבערגעוואַקסן אין אימפעריאַליזם, און אימפעריאַליזם איז אַן אַלוועלטלעכע סיסטעם פון פינאַנציעלער פארשקלאַפונג און קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג פון דער גיגאַנטישער מערהייט באַפעלקערונג אף דער ערד דורך אַ הייפל „פאָרגעשריטענע" לענדער.

פריער איז אָנגענומען געווען צו ריידן וועגן פאַראַנענזיי אָדער פעלן פון אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין איינצלנע לענדער, אָדער ריכטיקער—אין דעם אָדער אין יענעם אַנטוויקלטן לאַנד. איצט איז שוין אַזאַ שטאַנדפונקט ניט גענוג. איצט מוז מען ריידן וועגן דעם פאַראַנענזיין פון אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער סיסטעם פון דער אלוועלטלעכער אימפעריאליסטישער ווירטשאַפט, אַלס אַן איינהייטלעך גאַנצעס, דערביי איז דאָס, וואָס אינם באַשטאַנד פון דער דאָזיקער סיסטעם זיינען פאַראַן אייניקע לענדער, וועלכע זיינען ניט גענוג אנטוויקלט אין אינדוסטריעלן זינען, קאָן ניט דינען פאר קיין אומבאַזיגבאַרע שטערונג פאַר דער רעוואָלוציע, אויב די סיסטעם אינגאַנצן גענומען אָדער, ריכטיקער, ווייל די סיסטעם אינגאַנצן גענומען איז שוין רייף געוואָרן פאַר דער רעוואָלוציע.

פריער איז אָנגענומען געווען צו ריידן וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דעם אָדער אין יענעם אנטוויקלטן לאַנד, ווי וועגן אַ זעלבסטווערטיקער גרויס, וואָס ווערט אנטקעגנגעשטעלט דעם באַזונדערן, נאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַפיטאַל, אַלס זיין אַנטיפּאָד*). איצט איז אַזאַ שטאַנדפונקט ניט גענוג. איצט מוז מען ריידן וועגן דער אלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווייל די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פראָנטן פון קאַפיטאַל זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רינגען פון איין איינהייטלעכער קייט, וועלכע הייסט אלוועלטלעכער פראָנט פון אימפעריאליזם, וואָס אים דאַרף אנטקעגנגעשטעלט ווערן אַן אַלגעמיינער פראָנט פון דער רעוואָלוציאנערער באוועגונג פון אלע לענדער.

פריער פלעגט מען באַטראַכטן די פּראלעטאַרישע רעוואָלוציע, ווי

*) צאַד שעקנעגעד

אַ רעזולטאַט אויסשליסלעך פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פונם גע־געבענעם לאַנד. איצט איז שוין אזא שטאַנדפּונקט גיט גענוג. איצט מוז מען באטראַכטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע פריער פון אַלץ, ווי אַ רעזולטאַט פון דער אנטוויקלונג פון די סטירעס אין דער אלוועלטלע־כער סיסטעם פון אימפּעריאַליזם, ווי א רעזולטאַט פון דעם, וואָס די קייט פונם אלוועלטלעכן אימפּעריאַליסטישן פראָנט אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד איז צעריסן געוואָרן.

וואו וועט זיך אָנהייבן די רעוואָלוציע, וואו קאָן פריער פון אַלץ דורכגעריסן ווערן דער פראָנט פונם קאַפּיטאַל, אין וועלכן לאַנד?

— דאָרט, וואו עס איז מער אנטוויקלט די אינדוסטריע, וואו דער פּראָלעטאַריאַט בילדעט די מערהייט, וואו עס איז פאַראַן מער קולטורעלקייט, וואו עס איז פאַראַן מער דעמאָקראַטיע,—פלעגט מען גע־וויינלעך ענטפערן פריער.

— ניין,—דערווידערט די לעניניסטישע טעאָריע פון רעוואָלוציע, — ניט דאַפקע דאָרט, וואו די אינדוסטריע איז מער אנטוויקלט א. אז. וו. דער פראָנט פון קאַפּיטאַל וועט דורכגעריסן ווערן דארט, וואו די קייט פון אימפּעריאַליזם איז שוואַכער, ווייל די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די קייט פונם אלוועלטלעכן אימפּע־ריאַליסטישן פראָנט אין איר שוואַכסטן אָרט איז צעריסן געוואָרן, דערביי קאָן זיך ארויסווייזן, אז דאָס לאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן די רעוואָלו־ציע, וואָס האט דורכגעריסן דעם פראָנט פון קאַפּיטאַל, איז ווייניקער אַנטוויקלט אין קאַפּיטאַליסטישער הינזיכט, ווי אנדערע, מער אנט־וויקלטע לענדער, וועלכע זיינען פונדעסטוועגן פאַרבליבן אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם.

אין 1917 יאָר האט זיך די קייט פונם אלוועלטלעכן אימפּעריא־ליסטישן פראָנט ארויסגעוויזן אין רוסלאַנד שוואַכער, ווי אין אַנדערע לענדער. דאָ איז זי אויך דורכגעריסן געוואָרן, געבנדיק אַן אויסגאַנג דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל אין רוס־לאַנד האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די גרעסטע פאָלקס-רעוואָלוציע, וואָס בעראָש פון איר איז געגאַנגען דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, האָבנדיק אזא ערנסטן פאַרבינדעטן, ווי דאָס פּילמיליאָניקע פּויערטום, וואָס איז אונטערגעדריקט און עקספּלאָאַטירט געוואָרן דורך די פּריצים. דערפאַר, ווייל קעגן דער רעוואָלוציע איז דארט געשטאַנען אזאַ עקלהאַפטער פאָרשטייער פון אימפּעריאַליזם, ווי דער צאַריזם, וועלכער האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום מאָראַלישן געוויכט און האָט פאַרדינט דעם אַלגע־

מיינעם האָס מיצאַד דער באַפעלקערונג. אין רוסלאַנד האָט זיך די קייט אַרויסגעוויזן שוואַכער, הגאַם רוסלאַנד איז געווען ווייניקער אַנטוויקלט אין קאַפּיטאַליסטישער הינזיכט, ווי, לאָמיר זאָגן, פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד, ענגלאַנד אדער אמעריקע.

וואו וועט דורכגעריסן ווערן די קייט אין דער נאָענטסטער צו־קונפט? ווידעראַמאָל דאָרט, וואו זי איז שוואַכער. עס איז ניט אויסגע־שלאָסן, אז די קייט קאָן דורכגעריסן ווערן, לאָמיר זאָגן, אין אינדיע. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דאָרט איז פאַראַן א יונגער קאַמפּספּעאיקער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אזא פאַרבינדעטן, ווי די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג,—אָן סאָפעק א גרויסער און אָן סאָפעק אַן ערנסטער פאַרבינדעטער. דערפאַר, ווייל קעגן דער רעוואָלו־ציע שטייט דאָרט אזא אַלגעמיין באַקאַנטער קעגנער, ווי דער פרעמד־לענדישער אימפּעריאַליזם, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין מאָראַלישן קרע־דיט און וועלכער האָט פאַרדינט דעם אַלגעמיינעם האַס פון די אונטער־דריקטע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן פון אינדיע.

עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אז די קייט קאָן דורכגעריסן ווערן אין דייטשלאַנד. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל די פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן, לאָ־מיר זאָגן, אין אינדיע, הויבן אָן צו ווירקן אויך אין דייטשלאַנד, דער־ביי איז פאַרשטענדלעך, אז דער גוואַלטיקער אונטערשייד אין דער אַנטוויקלונגס-שטופע, וואָס איז פאַראַן צווישן אינדיע און דייטשלאַנד, קאָן ניט ניט אָרויפלייגן איר שטעמפּל אַפן גאַנג און אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„די מאַירעוו-אייראָפּייאישע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועלן פאַר־ענדיקן זייער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם ניט דורך דעם, וואָס אין זיי אינעווייניק וועט „רייף ווערן“ דער סאָציאַליזם, נאָר דורך דער עקס־פּלאָאַטאַציע פון איינע מלוכעס דורך אַנדערע מלוכעס, דורך דער עקס־פּלאָאַטאַציע פון דער ערשטער צווישן די מלוכעס, וואָס זיינען באַזיגט געוואָרן אין דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, פאַריי־ניקט מיט דער עקספּלאָאַטאַציע פונם גאַנצן מיזרעך; דורך דעם, וואָס דער מיזרעך, פון דער אַנדערער זייט, איז ענדגילטיק געקומען אין רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג גראָד אַדאַנק דערדאָזיקער ערשטער אימפּערי־אַליסטישער מילכאָמע און איז ענדגילטיק אַריינגעצויגן געוואָרן אינם אַלגעמיינעם געלאַף פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג“ (ז. „בעסער ווייניקער...“)

קירצער געזאָגט: די קייט פונם אימפעריאַליסטישן פראָנט דאַרף, בעדערך קלאַל, דורכגעריסן ווערן דאָרט, וואו די רינגען פון דער קייט זיינען שוואַכער, און אַלנפאַלס איז שוין גאָר קיין כּיוון ניט, אַז זי מוז דורכגעריסן ווערן דאָרט, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז מער אַנטוויקלט, וואו עס איז פאַראַן אַזויפיל און אַזויפיל פּראָצענט פּראָלעטאַריער, און פּויערים אַזויפיל און אַזויפיל, א. אז. וו.

אָט פאַרוואָס די סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען וועגן דער פּראָצענט-פאַרהעלטעניש פונם פּראָלעטאַרישן באַשטאַנד באַפעלקערונג אין אַ באַזונדער לאַנד פאַרלירן די אויסשליסלעכע באַדייטונג באַם לעזן די פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס עס פלעגן איר מיט אַזאַ כּיישעק צוגעבן די לאָמדים פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם אימפּעריאַליזם און האָבן מוירע געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע, ווי פאַר דער פּעסט.

ווייטער. די העלדן פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל פלעגן טאַינען (און טאַינען נאָך איצט אויך), אַז צווישן דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, פון איין זייט, און דער פּראָלעטאַרישער, פון דער אַנדערער, ליגט אַ טהאָם אָדער, אַלנפאַלס, אַ כינעזישע וואַנט, וועלכע טיילט אָפּ איינע פון דער אַנדערער מיט אַ מער אָדער ווייניקער דויערנדיקן אינטערוואַל (צווישנצייט), וואָס אין זיין פאַרלויף איז די בורזשואַזיע, וועלכע איז געקומען צו דער מאַכט, אַנטוויקלט דעם קאַפּיטאַליזם, און דער פּראָלעטאַריאַט זאַמלט אָן קויכעס און גרייט זיך צום „אַנטשיידענעם קאַמף" קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. דער דאָזיקער אינטערוואַל פלעגט געוויינלעך אויסגערעכנט ווערן אין פיל צענדליקער יאָרן, אויב ניט מער. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אַז די דאָזיקע „טעאָריע" פון אַ כינעזישער וואַנט האָט ניט קיין שום וויסנשאַפטלעכן זינען אין דער אומגעבונג פון אימפּעריאַליזם, אַז זי איז, און קאָן ניט ניט זיין, בלויז אַ צודעק, אַ פאַרגלעטונג פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע באַגערן פון דער בורזשואַזיע. אָסער אויב מע דאַרף נאָך דערווייזן, אַז אין אַן אומגעבונג פון אימפּעריאַליזם, וועלכער טראָגט אין זיך צוזאַמענשטויסן און מילכאָמעס; אין אַן אומגעבונג פון אַן „ערעוו סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע", ווען דער „בליענדיקער" קאַפּיטאַליזם ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן „אָפּשטאַרבנדיקן" קאַפּיטאַליזם, און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואַקסט אין אַלע לענדער פון דער וועלט; ווען דער אימפּעריאַליזם פאַרייניקט זיך מיט אַלע אָן אויסנאַם רעאַקציאָנערע קויכעס, ביזן צאַריזם און לייב-אייגנטום איינגעשלאָסן, אַרויסרופנדיק דערמיט אַליין די נויטווענדיקייט צו קאָאַלירן אַלע רעוואָלוציאָנערע קויכעס, אָנהויבנדיק

פון דער פראָלעטאַרישער באַוועגונג אַפן מאַירעוו ביז דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס-באַוועגונג אַפן מיזרעך; ווען אראַפוואַרפן די רעשטן פון די פעאָדאַליש-לייבאייגנטימערישע אָרדענונגען ווערט אומעגלעך אָן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם,—איז אָסער אויב מע דאַרף נאָך דערווייזן, אַז די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין אַ מער אָדער ווייניקער אנטוויקלטן לאַנד דאַרף זיך באַ אַזוינע באַדינגונגען דערנעענטערן צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַז די ערשטע מוז אַריבערוואַקסן אין דער צווייטער. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט באַשיינפּערלעך דערוויזן די ריכטיקייט און אומבאַ-שטרייטבאַרקייט פון דערדאָזיקער האַנאָכע. ניט אומזיסט האָט לענין נאָך אין 1905 יאָר, ערעוו דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אין זיין בראָ-שור „צוויי טאַקטיקעס״, געמאָלט די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע רעוואָלו-ציע און די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, ווי צוויי רינגען פון איין קייט, ווי אַן איינהייטלעך און גאַנץ בילד פונעם פאַרנעם פון דער רוסי-שער רעוואָלוציע.

„דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן ביזן סאָף די דעמאָקראַטי-שע איבערקערעניש, פאַרייניקנדיק צו זיך די מאַסע פויערטום, קעדיי מיט גוואַלד צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטהערשונג און פּאַראַליזירן די ניטשטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָ-לעטאַריאַט דאַרף מאַכן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, פאַרייניק-דיק צו זיך די מאַסע האַלב-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעל-קערונג, קעדיי מיט גוואַלד צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פּאַראַליזירן די ניטשטאַנדהאַפטיקייט פונעם פויערטום און פון דער קליין-בורזשואַזיע. אָט דאָס זיינען די אויפגאַבן, וועלכע עס שטעלן זיך אַזוי שמאָל פאַר די נייע „איסקראַווצעס״ אין אַלע זייערע כקירעס און רעזאָלוציעס וועגן דעם פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע״.

איך רייד שוין ניט וועגן אַנדערע, שפּעטערדיקע ווערק פון לע-נינען, וואו די אידייע פונעם אַריבערוואַקסן פון דער בורזשואַזער רע-וואָלוציע אין אַ פּראָלעטאַרישער טרעט אַרויס נאָך מער בולעט, ווי אין די „צוויי טאַקטיקעס״, אַלס איינער פון די ווינקלשטיינער פון דער לענינישער טעאָריע פון רעוואָלוציע.

איינינקע כאַווירים, ווייזט זיך אַרויס, מיינען, אַז לענין איז גע-קומען צו דערדאָזיקער אידייע ערשט אין 1916 יאָר, אַז ביז דער צייט האָט ער קלוימערשט גערעכנט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיך פאַרהאַלטן אין די בורזשואַזע ראַמען, אַז די מאַכט וועט, הייסט עס, פון די הענט פונעם אָרגאַן פון דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און

פויערטום אריבערגיין אין די הענט פון דער בורזשואזיע, און ניט פונם פראָלעטאריאט. מע זאָגט, אז אט די באהויפטונג איז אפילע אריינגע-פאַלן אין אונזער קאמוניסטישער פרעסע. איך מוז זאגן, אז אזא באַ-הויפטונג איז לאכלוטן ניט קיין ריכטיקע, אז זי אנטשפרעכט לאכלוטן ניט דער ווירקלעכקייט.

איך וואָלט געקאָנט זיך בארופן אף לענינס בארימטער רעדע אפן III צוזאמענפאָר פון דער פארטיי (1905 יאָר), וואו ער האָט די דיק-טאטור פונם פראָלעטאריאט און פונם פויערטום, ד. ה. דעם ניצאָכן פון דער דעמאָקראטישער רעוואָלוציע קוואליפיצירט ניט ווי אן „אָרגאניזא-ציע פון אָרדענונג", נאָר ווי אן „אָרגאניזאַציע פון קריג" (ז. דעם 6-טן באנד פון לענינס ווערק).

איך וואָלט ווייטער געקאָנט זיך בארופן אף לענינס באוואוסטע ארטיקלען וועגן דער „צייטווייליקער רעגירונג" (1905 יאָר), וואו ער האָט, אויסמאָלנדיק די פערספעקטיוו, ווי עס וועט זיך פאנאנדערוויק-לען די רוסישע רעוואָלוציע, געשטעלט פאר דער פארטיי די אויפגאבע „זיך צו דערשלאָגן, אז די רוסישע רעוואלוציע זאָל זיין ניט קיין באוועגונג פון עטלעכע כאדאָשים, נאָר א באוועגונג פון אסאך יאָרן, אז זי זאָל ברענגען ניט בלויז צו קליינע האנאָכעס מיצאד דער אָנפירנדי-קער מאכט, נאָר דערצו, אז דידאָזיקע מאכט זאָל אינגאנצן אראָפגע-וואָרפן ווערן", וואו ער האָט, פאנאנדערוויקלענדיק ווייטער דידאָזיקע פערספעקטיוו און צוזאמענבינדנדיק זי מיט דער רעוואָלוציע אין איי-ראָפע, פאָרגעזעצט:

„און אויב דאָס וועט זיך איינגעבן, דעמאָלט... דעמאָלט וועט אַ רעוואָלוציאָנערע סרייפע אָנצינדן אייראָפע, דער אויסגעמאטערטער אין דער בורזשואזער רעאקציע אייראָפייאישער ארבעטער וועט זיך אין זיין ריי אויפהויבן און וועט אונז באווייזן, „ווי אזוי מע מאכט דאָס"; דע-מאָלט וועט דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג פון אייראָפע האָבן אַ צו-ריקווירקונג אף רוסלאנד און וועט פון אן עפאָכע פון עטלעכע רעוואָ-לוציאָנערע יאָר מאכן אן עפּאָכע פון עטלעכע רעוואָלוציאָנערע יאָר-צענדליקער"... (ז. אין זעלביקן אָרט).

איך וואלט זיך, ווייטער, געקאָנט בארופן אף לענינס באוואוסטן ארטיקל, וועלכער איז פובליקירט געוואָרן אין 1905 יאָר, וואו ער שרייבט:

„דער פראָלעטאריאט קעמפט און וועט מיט מעסירעס נעפעש קעמפן פאר דער דעראָבערונג פון דער מאכט, פאר דער רעפובליק, פאר דער קאָנפיסקאציע פון דער ערד, פארן אנטייל פון די „ניטפּראָלעטא-

רישע פאָלקסמאסן״ אין דער באפרייאונג פונם בורזשואזן רוסלאנד פון אונטער דעם מיליטעריש-פעאָדאלן „אימפעריאליזם״ (צאריזם). און מיט דערדאָזיקער באפרייאונג פונם בורזשואזן רוסלאנד פון צאריזם, פון דער אגרארער מאכט פון די פריצים וועט זיך דער פראָלעטאריאט **גלייך** באנוצן ניט אף צו העלפן די פארמעגלעכע פויערים אין זייער קאמף מיטן דאָרפישן ארבעטער, נאָר אף דורכצופירן די סאָציאליסטישע רעוואָלוציע אין בונד מיט די פראָלעטאריער פון אייראָפע (ז. „קעגן שטראָם״).

אין וואָלט זיך, ענדלעך, געקאָנט באַרופן אַפן באקאנטן אָרט אין לענינס בראָשור „די פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי״, וואו, שטיצנדיק זיך אַף דער אויבנגעבראַכטער ציטאַטע פון די „צוויי טאַקטיקעס״ וועגן דעם פאַרנעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע, קומט ער צו אזא אויספיר:

„עס איז ארויסגעקומען פונקט אַזוי, ווי מיר האָבן געזאָגט. דער גאנג פון דער רעוואָלוציע האָט באשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונזער באטראַכטונג. **פון אָנהייב** צוזאַמען מיטן גאַנצן פויערטום קעגן דער מאָנאַרכיע, קעגן די פריצים, קעגן דעם מיטלאַלטער (און אַף אַזויפיל פארבלייבט די רעוואָלוציע אַ בורזשואַזע, אַ בורזשואַז-דעמאָקראַטישע). **דערנאָך**, צוזאַמען מיטן אָרימסטן פויערטום, צוזאַמען מיטן האַלב-פראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיט אלע עקספלאָאַטירטע **קעגן דעם קאפיטאליזם**, צווישן זיי אויך קעגן די דאָרפישע גווירים, באלעגופים, ספעקוליאנטן, און אף אזויפיל ווערט די רעוואָלוציע **א סאָציאליסטישע**. פרואוון זיך אוועקשטעלן א קינסטלעכע כינעזישע וואנט צווישן איינער און דער אנדערער, אָפטיילן זיי איינע פון דער אַנדערער מיט עפעס וואָס אַנדערס, **אַכוץ** דער שטופע פון צוגעגרייטקייט פונם פראָלעטאַריאַט און דער שטופע פון זיין איינקייט מיט דער דאָרפישער אָרימקייט, איז די גרעסטע פאַרקריפלונג פונם מאַרקסיזם, דאָס הייסט, פאַרפלאַכן אים, פאַרבייטן אים אַף ליבעראַליזם״.

דאַכט זיך, גענוג.

גוט, וועט מען אונז זאָגן, אָבער פאַרוואָס עפעס האָט לענין מילכאָמע געהאַלטן מיט דער אידייע פון דער „פערמאנענטער (קעסיידערדיקער) רעוואָלוציע״?

דערפאַר, ווייל לענין האָט פאָרגעלייגט „אויסצושעפן״ די רעוואָלוציאָנערע פעאיקייטן פונם פויערטום און אויסנוצן ביזן סאָף זיין רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פאַר דער פולער ליקווידאַציע פונם צאַריזם, פאַרן איבערגאַנג צו דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, בעשאַס די

אָנהענגער פון דער „פערמאנענטער רעוואָלוציע" האָבן ניט פאַרשטאַנען
די ערנסטע ראָליע פונם פויערטום אין דער רוסישער רעוואָלוציע,
האָבן ניט דערשאצט די קראַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע
פונם פויערטום און האָבן אַזוי אַרום פאַרשווערט די אַרבעט פון אַרויס-
באַפרייען דאָס פויערטום פון אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע,
די אַרבעט פון צוזאַמענעמען דאָס פויערטום אַרום דעם פראָלעטאַריאט.

דערפאַר, ווייל לענין האָט פאָרגעלייגט צו פאַרענדיקן די
אַרבעט פון דער רעוואָלוציע מיטן איבערגאנג פון דער מאכט צום פראָ-
לעטאַריאַט, בעשאס די אָנהענגער פון דער „פערמאנענטער" רעוואָלו-
ציע האָבן געמיינט אָנצוהייבן די זאַך גלייך פון דער מאכט פונם
פראָלעטאַריאַט, ניט פאַרשטייענדיק, אַז דערמיט אַליין פאַרמאַכן זיי די
אויגן אַף אַזאַ „קלייניקייט", ווי די רעשטן פון לייב-אייגנטום, און
נעמען ניט אין כעשבן אַזאַ ערנסטע קראַפט, ווי דאָס רוסישע פויערטום,
ניט פאַרשטייענדיק, אַז אַזאַ פאָליטיק קאָן בלויז פאַרהאַלטן די זאַך פון
קריגן דאָס פויערטום אַף דער זייט פונם פראָלעטאַריאַט.

לענין האָט אַלזאָ מילכאָמע געהאַלטן מיט די אָנהענגער פון דער
„פערמאנענטער" רעוואָלוציע ניט צוליב דער פראַגע וועגן אָנויפהער-
לעכקייט, ווייל לענין איז אליין געשטאַנען אַפן שטאַנדפונקט פון דער
אנויפהערלעכקייט פון דער רעוואָלוציע, נאָר צוליב דעם, וואָס זיי
האָבן ניט דערשאַצט די ראָליע פונם פויערטום, וואָס איז דער גרעס-
טער רעזערוו פונם פראָלעטאַריאט.

די אידייע פון אַ „פערמאנענטער" רעוואָלוציע איז ניט קיין
נייע אידייע. זי האָט צום ערשטן ארויסגערוקט מאַרקס צום סאָף פון די
40-קער יאָרן אין זיין באקאנטער „ווענדונג" צום „פאַרבאַנד פון די
קאָמוניסטן" (1850). פון דעם דאָקומענט האָבן אונזערע „פערמאנענ-
טניקעס" טאַקע גענומען די אידייע פון דער אנויפהערלעכער רעוואָלו-
ציע. מע דאַרף באמערקן, אַז אונזערע „פערמאַנענטניקעס" האָבן,
נעמענדיק זי בא מארקסן, אַביסל זי אומגעענדערט, און, אומענדערנדיק,
האָבן זיי זי „קאַליע געמאכט", געמאַכט זי פאר אומטויגבאר פארן
פראַקטישן געברויך. עס איז נויטיק געווען לענינס דערפאַרענע האַנט
אַף אויסצובעסערן אָט דעם פעלער, נעמען מארקס אידייע פון אַן
אנויפהערלעכער רעוואָלוציע אין איר ריינער פאָרם און מאכן זי פאר
איינעם פון די ווינקלשטיינער פון זיין טעאָריע וועגן רעוואָלוציע.
אָט וואָס עס זאָגט מארקס אין זיין ווענדונג וועגן דער אָנויפהער-
לעכער רעוואלוציע, נאָכדעם ווי ער רעכנט איבער א ריי רעוואָלו-

ציאָנער-דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, וואָס צו זייער דעראָבערונג רופט ער די קאָמוניסטן:

„אין דער צייט, ווען די דעמאָקראַטישע קליינבירגער ווילן מיט דער דורכפירונג פון א מעגלעך גרעסערער צאָל אויבנאָנגעוויזענע פאָדערונגען ווי אמשנעלסטן פאַרענדיקן די רעוואָלוציע, באשטייען אונזערע אינטערעסן און אונזער אויפגאַבע דערין, אַז די רעוואָלוציע זאָל ווערן אַן אָנויפהערלעכע, ביז וואַנען אלע מער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע קלאַסן וועלן ניט באזייטיקט ווערן פון דער הערשאַפט, ביז וואַנען דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט דעראבערן די מלוכע-מאַכט, ביז וואנען די אַסאָציאַציעס פון פּראָלעטאַריער ניט נאָר אין איין לאַנד, נאָר אין אַלע הערשנדיקע לענדער פון דער וועלט וועלן זיך ניט אנטוויקלען אַף אַזוי פיל, אַז די קאָנקורענץ צווישן די פּראָלעטאַריער פון די דאָזיקע לענדער וועט אויפהערן, און ביז וואנען ווייניקסטנס די אנטשיידנדיקע פּראָדוקטיווע קרעפטן וועלן ניט קאָנצענטרירט זיין אין די הענט פון די פּראָלעטאַריער".

אַנדערש גערעדט:

א) מאַרקס האָט קלאל ניט פאָרגעלייגט אנצוהויבן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אין די 50 קער יאָרן גלייך פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, לעהייפעך צו די פלענער פון אונזערע רוסישע „פערמאנענטניקעס";

ב) מאַרקס האָט פארגעלייגט נאר צו פאַרענדיקן די רעוואָלוציע דורך דער פּראָלעטאַרישער מלוכע-מאַכט, אראפּשטויסנדיק טריט נאָך טריט פון דער הויך פון מאַכט איין פראקציע פון דער בורזשואזיע באך דער אנדערער, קעדיי דערנאָך, דערשלאגנדיק זיך צו דער מאכט פונם פּראָלעטאַריאַט, פאַנאַנדערצינדן די רעוואָלוציע אין אלע לענדער, — אין פולן הע סקעם מיט דעם אלעם, וואָס עס האָט געלערנט לענין און וואָס ער האָט דורכגעפירט אין לעבן אינם גאנג פון אונזער רעוואָלוציע, גייענדיק לויט זיין טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דער אומגעבונג פון אימפּעריאַליזם.

קומט אויס, אז אונזערע רוסישע „פערמאנענטניקעס" האָבן ניט בלויז ניט דערשאַצט די ראָליע פונם פויערטום אין דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר זיי האָבן אויך אומגעענדערט (צום ערגערן) מאַרקס אידייע פון אַ „פערמאנענטער" רעוואָלוציע, מאַכנדיק זי פאַר אומטויגבאַר פאַר דער פּראַקטיק.

אָט פארוואָס לענין האָט אויסגעלאכט די טעאָריע פון אונזערע „פערמאַנענטניקעס", רופנדיק זי „אָריגינעלע" און „שיינע" און באשול-

דיקנדיק זיי אין ניט ווע׳ן „אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, אַדאַנק וועלכע סיבעס איז דאָס לעבן אין מעשעך פון גאַנצע צען יאָר געגאַנגען פאַר־בײַ דערדאָזיקער טעאָריע״ (לענינס ארטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1915 יאָר, אין צען יאָר אַרום נאָך דעם, ווי אין רוסלאַנד איז אויפ־געקומען די טעאָריע פון די „פּערמאנענטניקעס״).

אָט פאַרוואָס לענין האָט געהאלטן דידאזיקע טעאָריע פאַר אַ האַלב-מענשעוויסטישע, זאגנדיק, אז זי „נעמט באַ די באָלשעוויקעס דעם רוף צו אן אנטשלאסענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאט און צו דער דעראָבערונג פון פּאָליטישער מאַכט דורך אים, און באַ די מענשעוויקעס—די „אָפּלייקענונג״ פון דער ראָליע פונם פויערטום (זי׳ לענינס אַרטיקל „וועגן צוויי ליניעס פון דער רעוואָלוציע״ אינם זאמל־בוך „קעגן שטראָם״).

אזוי האלט עס מיט לענינס אידייע וועגן דעם אריבערוואקסן פון דער בורזשואַזיש-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין אַ פּראָלעטאַרישער, וועגן אויסנוצן די בורזשואַזע רעוואָלוציע פאַרן „באלדיקן״ אריבערגאנג צו דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

ווייטער. פריער האָט מען גערעכנט, אַז דער ניצאָכן פון דער רעוואָלוציע אין איין לאַנד איז אומעגלעך, האלטנדיק, אז פארן ניצאָכן איבער דער בורזשואַזיע איז נויטיק א געמיינזאמער ארויסטריט פון די פּראָלעטאריער פון אלע פּראָגרעסיווע לענדער, אדער אלנפאלס פון דער מערהייט אזוינע לענדער. איצט אנטשפרעכט שוין דערדאָזיקער שטאנד־פונקט ניט דער ווירקלעכקייט. איצט דאַרף מען ארויסגיין פון דער מעגלעכקייט פון אַזאַ ניצאָכן, ווייל דער ניטגלייכמעסיקער און שפרונג־אַרטיקער כאַראַקטער פון דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע קאַפּיטאַלי־סטישע לענדער באַ דער אומגעבונג פון אימפעריאַליזם, די אנטוויקלונג פון קאַטאַסטראָפישע סטירעס אינעווייניק אינם אימפעריאַליזם, וואָס פירן צו אומפארמיידלעכע מילכאָמעס, דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אלע לענדער פון דער וועלט,—דאָס אלץ פירט ניט בלויז צו דער מעגלעכקייט, נאָר אויך צו דער נויטווענדיקייט פונם ניצאָכן פון פּראָלעטאַריאַט אין באזונדערע לענדער. די געשיכטע פון דער רעוואָלו־ציע אין רוסלאַנד איז אַ דירעקטער באַוויז דערצו. עס איז נאָר נויטיק צו געדענקען דערביי, אז דאָס אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע קאָן מיט ערפאָלג דורכגעפירט ווערן בלויז אין דעם פאַל, אויב עס זיינען פאַראַן אייניקע, אבסאָלוט נויטיקע, באדינגונגען, וואָס אָן זיי קאָן מען אפילע ניט טראכטן וועגן דעם, אז דער פּראָלעטאריאט זאָל נעמען די מאַכט.

אָט וואָס לענין זאָגט וועגן דידאָזיקע באַדינגונגען אין זיין בראָשור „די קינדערשע קראַנקהייט“.

„דער גרונט-געזעץ פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע רעוואָלוציעס און, באַזונדערס, דורך אַלע דריי רוסישע רעוואָלוציעס אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, באַשטייט אָט אין וואָס: פאַר אַ רעוואָלוציע איז ניט גענוג, אַז די עקספּלאָאַטירטע און אונטערדריקטע מאַסן זאָלן אָנערקענען די אומעגלעכקייט צו לעבן אויפן אַלטן שטייגער און זאָלן אָנהויבן פאָדערן ענדערונגען; פאַר אַ רעוואָלוציע איז נויטיק, אַז די עקספּלאָאַטאַטאָרן זאָלן ניט קאָנען לעבן און אָנפירן אויפן אַלטן שטייגער. ערשט דאַן, ווען די „אונטערשטע שיכטן“ ווילן ניט און די „אויבערשטע“ קאָנען ניט לעבן ווי פריער, ערשט דאַן קאָן די רעוואָלוציע זיגן. אַנדערש געזאָגט, קאָן דערדאָזיקער קלאַל אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: אַ רעוואָלוציע איז אומעגלעך אָן אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלן קריזיס (וואָס באַרירט סיי די עקספּלאָאַטירטע, סיי די עקספּלאָאַטאַטאָרן). הייסט עס, אַז קעדיי עס זאָל קאָנען פאַרקומען אַ רעוואָלוציע, דאַרף מען זיך, ערשטנס, דערשלאָגן, אַז די מערהייט אַרבעטער (אָדער אַלנפאַלס די מערהייט באַוואוסטזיניקע, דענקענדיקע, פּאָליטיש-אַקטיווע אַרבעטער) זאָל פולקום פאַרשטיין די נויטיקייט פון אַן איבערקערעניש און זאָל גרייט זיין צו גיין אויף טויט צוליב איר; צווייטנס, אַז די רעגירנדיקע קלאַסן זאָלן איבערלעבן אַ רעגירונגס-קריזיס, וועלכער ציט אַריין אין פּאָליטיק אַפילו די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע מאַסן, שוואַכט אָפּ די רעגירונג און מאַכט פאַר מעגלעך פאַר די רעוואָלוציאָנערן גיך זי אַראָפּצוּוואַרפן“...

אָבער אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון דער בורזשואַזיע און אוועקשטעלן די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד הייסט נאָך ניט פאַרזיכערן דעם פולן ניצחון פונעם סאָציאַליזם. די הויפּט-אויפגאַבע פונעם סאָציאַליזם—די אָרגאַניזירונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע—בלייבט נאָך פאָרנט. צי קאָן מען לייזן דידאָזיקע אויפגאַבע, צי קאָן מען זיך דערשלאָגן צום ענדגילטיקן ניצחון פונעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד, אָן די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאַריער פון עטלעכע פאָרגעשריטענע לענדער? ניין, דאָס איז אומעגלעך. אויף אַראָפּצוּוואַרפן די בורזשואַזיע זיינען גענוג די אָנשטרענגונגען פון איין לאַנד—דערויף זאָגט אונדז אייִדעס די געשיכטע פון אונדזער רעוואָלוציע. פאַרן ענדגילטיקן ניצחון פונעם סאָציאַליזם, פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע—זיינען שוין די אָנשטרענגונגען פון איין

לאַנד, באזונדערס פון אזא פויעריש לאנד, ווי רוסלאנד, ניט גענוג, — דערצו זיינען נויטיק די אנשטרענגונגען פון די פּראָלעטאריער פון איי־ניקע פאָרגעשריטענע לענדער. דעריבער איז די אנטוויקלונג און אונ־טערשטיצונג פון דער רעוואָלוציע אין אנדערע לענדער אַ וויכטיקע אויפגאבע פאַר דער זיגרייכער רעוואָלוציע. דעריבער דאַרף די רעוואָ־לוציע פונם לאנד, אין וועלכן זי האָט געזיגט, באטראכטן זיך ניט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע גרויס, נאָר ווי אַן אנשפאר, אַ מיטל אַף צו פארגי־כערן דעם ניצחון פונם פּראָלעטאַריאַט אין אנדערע לענדער.

לענין האָט דעמדאָזיקן געדאנק אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער, זאגנדיק, אז די אויפגאבע פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געזיגט, באשטייט אין דער דורכפירונג פונם „מאקסימום, וואָס עס איז מעגלעך צו פארווירקלעכן אין איין לאַנד, קעדיי צו אנטוויקלען, אונטערשטיצן, אויפוועקן די רעוואָלוציע אין אלע לענדער" (ז. „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע").

אָט דאָס זיינען, אין אלגעמיין, די כאראקטער־שטריכן פון דער לענינישער טעאָריע פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

IV.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

פון דער טעמע נעם איך דריי גרונט-פּראגן: א) די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אלס געצייג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע; ב) די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אלס הערשאפט פונם פּראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע; ג) די ראטנמאכט, אלס מלוכישע פאָרם פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

1. די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אלס געצייג פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. די פּראגע וועגן דער פּראָלעטארישער דיקטאטור איז פריער פאר אלץ א פראגע וועגן דעם גרונט-אינהאלט פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע. די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, איר באוועגונג, איר פארנעם, אירע דערגרייכונגען באקומען בלוט און פלייש ערשט דורך דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאט איז דאָס געצייג פון דער פּראָלעטארישער רעוואלוציע, איר אָרגאן, איר וויכטיקסטער שטיצפונקט, וועלכער איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן, ערשטנס, קעדיי צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאנד פון די אראָפּגעוואָרפענע עקספּלאָאטאטאָרן און פארפעסטיקן די אייגענע דערגרייכונגען; צווייטנס, קעדיי צו דערפירן ביזן סאָף די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, דערפירן די רעוואָלוציע ביזן פולן ניצאָכן פון סאָציאליזם. באזיגן די בורזשואזיע, אראָפּווארפן איר מאכט וועט די רעוואָלוציע קאָנען אויך אָן דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, אָבער אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואזיע, פּאַרהיטן דעם זיג און זיך לאָזן ווייטער צום ענדגילטיקן זיג פונם סאָציאליזם איז שוין די רעוואָלוציע ניט אימשטאנד, אויב זי זאָל אף א געוויסער שטופע פון איר אנטוויקלונג ניט באשאפן א ספּעציעלן אָרגאן, אין דער פאָרם פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט, וואָס זאָל זיין איר גרונט-שטיצע.

„די גרונט-פראגע פון דער רעוואָלוציע איז די פראגע וועגן מאכט" (לענין). הייסט דאָס דען, אז דאָ באגרעניצט זיך די זאך מיטן נעמען די מאכט, מיטן פארכאפן זי? ניין, דאָס הייסט ניט אזוי. נעמען די מאכט—איז נאָר אן אָנהויב פון דער ארבעט. אפילו ווען די בורזשואזיע איז אראָפּגעוואָרפן אין איין לאנד, פארבלייבט זי נאָך, צוליב פיל סיבעס, אף לאנג שטארקער פונם פּראָלעטאריאט, וואָס האָט זי אראָפּגעוואָרפן. דעריבער באשטייט די גאנצע זאך דערין, אז מע זאָל איינהאלטן די מאכט, פארפעסטיקן זי, מאכן זי אומבאזיגבאר. וואָס דארף מען האָבן אף דערשלאָגן זיך צו דעם ציל? דערצו דארף מען אויספילן וויי״ניקסטנס דריי גרונט-אויפגאבן, וועלכע שטייען אויף פאר דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט „אפן אנדערן טאָג" נאָכן ניצאָכן:

א) צעברעכן דעם ווידערשטאנד פון די גוטבאזיצער און קאפּיטאליסטן, אראָפּגעוואָרפענע און עקספּראָפּריאירטע דורך דער רעוואָלוציע, ליקווידירן אלערליי פּרוואון זייערע צוריקאויפצושטעלן די מאכט פון קאפּיטאל;

ב) אָרגאניזירן די בויאונג אין גייסט פון באהעפטן אלע ארבעטנדיקע ארום דעם פּראָלעטאריאט און פירן די ארבעט אין דער ריכטונג, וועלכע גרייט צו די ליקווידאציע, די פארניכטונג פון קלאסן;

ג) באוואָפענען די רעוואָלוציע, אָרגאניזירן די ארמיי פון דער רעוואָלוציע צו קעמפן מיטן אויסערלעכן סוינע, צו קעמפן מיטן אימפּעריאליזם.

די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט איז נויטיק אף דורכצופירן, אויספילן דידאָזיקע אויפגאבן.

„דער איבערגאנג פון קאפּיטאליזם צו קאָמוניזם,—זאָגט לענין,—איז אַ גאנצע היסטאָרישע עפּאָכע. קאָלזמאן זי האָט זיך ניט פארענדיקט, פארבלייבט אומפארמיידלעך בא די עקספּלאָאטאטאָרן די האָפענונג אף רעסטאַווראציע, און דידאָזיקע האָ פ ע נ ו נ ג ווערט פארוואנדלט אין פ ר ו א ו ו ן פון רעסטאַווראציע. אויך נאָך דער ערשטער ערנסטער מאַפּאָלע איז די אראָפּגעוואָרפענע עקספּלאָאטאטאָרן, וועלכע האָבן זיך ניט געריכט, אז מע זאָל זיי אראָפּוואַרפן, ניט געגלויבט דערין, ניט צוגעלאָזן דעם געדאנק וועגן דעם, ווארפן זיי זיך אין קאמף מיט א פארצענפאכטער ענערגיע, מיט ווילדער ליידנשאפט, מיט האס, וועלכער איז אויסגעוואקסן אין הונדערט מאָל—קעדיי צוריק צו באקומען דעם אָפּגענומענעם „גאַניידן" פאר זייערע פאמיליעס, וועלכע האָבן אזוי זיס געלעבט און וועלכע דאָס „האמוינישע געזינדל" פארמישפּעט אף יערידע און דאלעס (אָדער אף „פּראָסטע" ארבעט...). און נאָך די עקספּלאָאטא-

טאָרן-קאַפּיטאַליסטן ציט זיך אַ ברייטע מאַסע פון קליינבורזשואַזיע, וואָס צענדליקער יאָרן פון היסטאָרישער דערפאַרונג פון אַלע לענדער זאָגן וועגן איר איידעס, אַז זי פּלאָנטערט זיך און וואַקלט זיך, היינט גייט זי נאָך דעם פּראָלעטאַריאַט, מאָרגן ווערט זי דערשראָקן פאַר די שווע-ריקייטן פון דער איבערקערעניש, פאַלט אַריין אין פּאַניק פון דעם ערשטן דורכפאַל אָדער האַלבן דורכפאַל פון די אַרבעטער, דענערווירט זיך, וואַרפט זיך, קלאָגט, לויפט אַריבער פון איין לאַגער אין צווייטן" („פּראָ-לעט. רעוואָלוציע").

און די בורזשואַזיע האָט אירע גרונטן צו מאַכן פּרוּוון פון רעס-טאַוראַציע, ווייל אַפילו נאָכדעם, ווי זי ווערט אַראָפּגעוואָרפן, פאַר-בלייבט זי נאָך אַ לאַנגע צייט שטאַרקער פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זי אַראָפּגעוואָרפן.

„אויב די עקספּלאָאַטאַטאָרן זיינען צעקלאַפּט נאָר אין איין לאַנד, —זאָגט לענין,—און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, דער טיפּישער צופאַל, ווייל אַ גלייכצייטיקע רעוואָלוציע אין אַ ריי לענדער איז אַ זעלטענער אויס-נאַם,—בלייבן זיי דאָך שטאַרקער פון די עקספּלאָאַטירטע" („פּראָלעט. רעוואָלוציע").

אין וואָס באַשטייט די קראַפט פון דער אַראָפּגעוואָרפענער בור-זשואַזיע?

ערשטנס, „אין דער קראַפט פונם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, אין דער קראַפט און פעסטקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען פון דער בורזשואַזיע" („קינדערשע קראַנקהייט");

צווייטנס, דערין, וואָס באַ „די עקספּלאָאַטאַטאָרן פאַרבלייבט אומ-פאַרמיידלעך אַף אַ לאַנגע צייט נאָך דער איבערקערעניש אַ ריי גוואַל-טיקע פאַקטישע פליוסן: באַ זיי פאַרבלייבט דאָס געלט (אָפּשאַפן דאָס געלט מיטאַמאָל קאָן מען ניט), אַ געוויס באַוועגלעך פאַרמעגן, אָפטמאָל אַ באַדייטנדס, עס פאַרבלייבן די פאַרבינדונגען, די געוווינהייטן צו אָר-גאַניזאַציע און פאַרוואַלטונג, דאָס וויסן פון אַלע „סוידעס" (מינהאגים, געננג, מיטלען, מעגלעכקייטן) פון פאַרוואַלטונג, עס פאַרבלייבט די העכערע בילדונג, די נאָענטקייט צום טעכניש העכערן (וואָס לעבט און דענקט אַף אַ בורזשואַזן אויפן) פּערסאָנאַל, עס פאַרבלייבט די אָן אַן ערעך גרויסע געוווינהייט צום קריגס-איניען (דאָס איז זייער וויכטיק און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער" („פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע").

דריטנס, „אינם קויאַך פון דער געוווינהייט, אינם קויאַך פון דער קליינפּראָדוקציע, ווייל קליינפּראָדוקציע איז נאָך, צום באַדויערן, פאַרבליבן אַף דער וועלט זייער און זייער אַסאַך, און

די קליינפּראָדוקציע געבוירט קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזיע שטענדיק, יעדן טאָג, יעדע שאָ, סטיכיש און אין אַ מאַסן-מאַסשטאַב״... ווייל „פאַרניכטן די קלאַסן—הייסט ניט בלויז פאַרטרייבן די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן,—דאָס האָבן מיר פאַרהעלטנישמעסיק לייכט דורכגעמאַכט, —דאָס הייסט אויך פאַרניכטן די קליינע סכוירע-פּראָדוצירער, און זיי קאָן מען ניט פאַרטרייבן, זיי קאָן מען ניט אונטערדריקן, מיט זיי מוז מען זיך איינלעבן, זיי קאָן מען (און מע דאַרף) איבערמאַכן, איבערדערציען בלויז דורך אַ זייער לאַנגזאַמער, פאָרזיכטיקער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט״ („קינדערשע קראַנקהייט״).

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אַז:

„די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז דער סאַמע מעסירעסנעפעשדיקער און אומראַכמאָנעסדיקער קריג פון אַ נייעם קלאַס קעגן א מער מעכטיקן פיינט, קעגן דער בורזשואַזיע, וועמענס ווידערשטאַנד עס ווערט פאַרצענפאַכט דורך דעם, וואָס זי איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן״, אַז „...די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז אַן אַקשאָנעסדיקער קאַמף, אַ בלוטיקער און אָנבלוטיקער, אַן איבערגוואַלטיקער און פרידלעכער, אַ מיליטערישער אוןווירטשאַפטלעכער, אַ פּעדאַגאָגישער און אַדמיניסטראַטאָרישער, קעגן די קויכעס און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט״ („קינדערשע קראַנקהייט״).

איך ווייס ניט, צי מע דאַרף נאָך דערווייזן, אַז אויספילן אָט די אויפגאַבן אין אַ קורצן טערמין, דורכפירן דאָס אַלץ אין עטלעכע יאָר—איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט. דעריבער דאַרף מען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו קאָמוניזם באַטראַכטן ניט ווי אַ פאַרביילויפנדיקן פעריאָד אין דער פאָרם פון אַ ריי „רעוואָלוציאָנערסטע״ אַקטן און דעקרעטן, נאָר ווי אַ גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכע, פול מיט בירגער-קריג און אויסערלעכע צוזאַמענשטויסן, אַקשאָנעסדיקער אָרגאַניזיר-אַרבעט און ווירטשאַפטלעכער בויאונג, אָנגריפן און צוריקטריטן, ניצכוינעס און מאַפּאָלעס. דיזאָזיקע היסטאָרישע עפּאָכע איז נויטיק ניט בלויז קעדיי צו באַשאַפן די ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פאָרהאַנאָכעס פאַרן פולן ניצאָכן פונם קאָמוניזם, נאָר אויך קעדיי צו געבן דעם פּראָלעטאַריאַט די מעגלעכקייט, ערשטנס, צו דערציען און פאַרהאַרטעווען זיך, ווי אַ קראַפט, וואָס זאָל זיין פעאיק אָנצופירן מיטן לאַנד,—צווייטנס, קעדיי צו איבערדערציען און איבערמאַכן די קליינבירגערלעכע שיכטן אין דער ריכטונג, וועלכע גאַראַנטירט די אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

„איר דאַרפט,—האָט מאַרקס געזאָגט צו די אַרבעטער,—איבער-לעבן 15, 20, 50 יאָר בירגער-קריגן און מילכאָמעס צווישן פעלקער, ניט בלויז קעדיי צו ענדערן די פאַרהעלטעניש, נאָר אויך קעדיי צו ענ-דערן זיך אַליין און מאַכן זיך פעאיק צו פּאָליטישער הערשאַפט״.

פאָרזעצנדיק און אנטוויקלענדיק דעם געדאַנק פון מארקסן, שרייבט לענין:

„באַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען צו אי-בערדערציען מיליאָנען פּויערים און קליינע באַלעבאַטימלעך, הונדערטער טויזנטער אָנגעשטעלטע, באַאַמטע, בורזשואַזע אינטעליגענטן, אונטער-וואַרפן זיי אַלע אונטער דער פּראָלעטאַרישער מלוכע און פּראָלעטאַרי-שער אָנפירונג, באַזיגן אין זיי די בורזשואַזע רעגילעסן און טראַדיציעס״, פונקט ווי עס וועט נויטיק זיין „...צו איבערדערציען אין אַ דויערנדיקן קאַמף אַפן באָדן פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט די פּראָלעטאַ-ריער גופע, וועלכע באַפרייען זיך פון זייערע קליינבירגערלעכע פּאָרור-טיילן ניט מיטאַמאָל, ניט דורך אַ נעס, ניט לויטן באַפעל פון גאָטס מוטער, ניט לויטן באַפעל פון אַ לאָזונג, רעזאָלוציע, דעקרעט, נאָר בלויז אין לאַנגן און שווערן מאַסנקאַמף מיט די קליינבירגערלעכע מאַסן-ווירקונגען״ („קינדערשע קראַנקהייט״).

2. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אַלס הער-שאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשו-אַזיע. שוין פונם געזאָגטן קאָן מען זען, אז די דיקטאַטור פון פּראָ-לעטאַריאַט איז ניט קיין פּאָשעטער אומבייט פון פּערזאָנען אין דער רעגירונג, ניט קיין אומבייט פונם „קאַבינעט״ א. אז. וו., ווען עס בלייבן אומבאַרירט די אלטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרדענונגען. די מענ-שעוויקעס און אפּאָרטוניסטן פון אלע לענדער, וועלכע האָבן מוירע פאַר דער דיקטאַטור, ווי פאַר פייער, און פאַרבייטן פון איבערשרעק דעם באַגריף דיקטאַטור מיטן באַגריף פון „דעראָבערן די מאַכט״, סומירן גע-וויינלעך די „דעראבערונג פון דער מאַכט״ אין אַ אומטויש פונם „קאַ-בינעט״, אין דעם, וואָס באַ דער מאַכט שטעלט זיך אוועק אַ ניי מיני-סטעריום פון מענטשן, אזוינע, ווי שיידעמאַן און נאָסקע, מאַקדאָנאַלד און הענדערסאָן. אָסער אויב מע דאַרף נאָך דערקלערן, אַז אזוינע און ענ-לעכע אומטוישן פון קאַבינעטן האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דער דיקטאַ-טור פון פּראָלעטאַריאַט, מיטן דעראָבערן די ווירקלעכע מאַכט דורכן ווירקלעכן פּראָלעטאַריאַט. די מאַקדאָנאַלדס און שיידעמאַנס באַ דער מאַכט, בעשאַס עס בלייבן די אלטע בורזשואַזע אָרדענונגען, זייערע, אזוי צו זאָגן, רעגירונגען קאָנען זיין ניט אנדערש, ווי אַ באַדינונגס-

אַפּאַראַט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, בלויז אַ צודעק פאַר די אייַטערדיקע וואונדן פונם אימפּעריאַליזם, בלויז אַ געצייג אין די הענט פון דער בורזשואזיע קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן. זיי, אָט די רעגירונגען, זיינען נויטיק דעם קאַפּיטאַל, ווי אַ שירמע, ווען אים איז ניט באַקוועם, עס לוינט אים ניט, עס איז אים שווער צו אונטערדריקן און עקספּלאָאַטירן די מאַסן אָן אַ שירמע. פאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס אזוינע רעגירונגען ווערן באַשאַפן, איז אַ סימען, אז „באַ זיי דארט" (ד. ה. באַ די קאַפּיטאַליסטן), איז ניט גאָר רואיק, אבער, ניט געקוקט דערויף, פאַרבלייבן דאָך אזוינע רעגירונגען בלויז צוגעפּארבטע רעגירונגען פון קאַפּיטאַל. פון דער רעגירונג פון אַ שיידעמאַן אדער מאקדאָנאלד ביז דער דעראָבערונג פון דער מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט איז פּונקט אזוי ווייט, ווי פון דער ערד ביז צום הימל. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאריאט איז ניט קיין אומטויש פון דער רעגירונג, נאָר אַ נייע מלוכע, מיט נייע מלוכע-אָרגאַנען אין צענטער און אף די ערטער, אַ מלוכע פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אנטשטאנען אַף די כורוועס פון דער אלטער מלוכע, דער מלוכע פון דער בורזשואַזיע.

די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט אנטשטייט ניט אפן גרונט פון די בורזשואזע אָרדענונגען, נאָר אינם גאנג פון צעברעכן זיי, נאכדעם ווי די בורזשואזיע ווערט אראָפּגעווארפן, אינם גאנג פון עקספּראָפּריאירן די גוטבאַזיצער און קאפּיטאַליסטן, אינם גאנג פון סאָציאַליזירן די גרונטגעצייג און מיטלען פון דער פּראָדוקציע, אינם גאנג פון דער איבערגוואלטיקער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט. די דיקטאטור פון פּראָלעטאַריאַט איז א רעוואָלוציאָנערע מאכט, וועלכע שטיצט זיך אף גוואַלטאט איבער דער בורזשואזיע.

די מלוכע איז אַ מאשין אין די הענט פונם הערשנדיקן קלאס אף אונטערדריקן דעם ווידערשטאנד פון זיינע קלאַסן-קעגנער. אין דער הינזיכט איז די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאַט אונטערשיידט זיך אין טאך מיט גארנישט פון דער דיקטאטור פון יעדן אנדערן קלאס, ווייל די פּראָלעטארישע מלוכע איז א מאַשין אף אונטערדריקן די בורזשוואזיע. עס איז אָבער דא פאראן איין וועזנטלעכער כילעק. ער באשטייט דערין, וואָס אלע קלאַסן-מלוכעס, וועלכע האָבן ביז אהער עקזיסטירט, זיינען געווען אַ דיקטאַטור פון דער עקספּלאָאַטירנדיקער מינדערהייט איבער דער עקספּלאָאַטירטער מערהייט, בעשאס די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט איז אַ דיקטאטור פון דער עקספּלאָאטירטער מערהייט איבער דער עקספּלאָאטירנדיקער מינדערהייט.

קירצער גערעדט: די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט — דאָס איז די הערשאפט פונם פראָלעטאריאט איבער דער בורזשואזיע, וואָס איז ניט באגרעניצט דורכן געזעץ און שטיצט זיך אף גוואלט, די הערשאפט, וועלכע האָט דעם מיטגעפיל און די אונטערשטיצונג פון די ארבעטנדיקע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן („מלוכע און רעוואָלוציע”).

דערפון קומען צוויי גרונט-אויספירן:

דער ערשטער אויספיר. די דיקטאטור פון פראָלעטאַריאט קאָן ניט זיין קיין „פולע” דעמאָקראטיע, קיין דעמאָקראטיע פאר אלעמען, סאי פאר רייכע, סאי פאַר ארימע, — די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאט „דארף זיין אַ מלוכע, א דעמאקראטישע אף אַ נייעם שטייגער — פארן פראָלעטאריאט און אומפארמעגלעכע ביכלאל, און אף אַ נייעם שטייגער דיקטאַטאָריש — קעגן דער בורזשואזיע”... („מלוכע און רעוואָלוציע”). די ריידערייען פון קאוטסקין און קאָמפּ. וועגן אלגעמיינער גלייכקייט, וועגן „ריינער” דעמאָקראטיע, וועגן „פולקומער” דעמאָקראטיע א. אַז. וו. זיינען א בורזשואזער צודעק פון דעם אָנסאָפּעקדיקן פאַקט, אז גלייכקייט פון עקספּלאָאַטירטע און עקספּלאָאַטאָרן איז אומעגלעך. די טעאָריע פון „ריינער” דעמאָקראטיע איז א טעאָריע פון די פּניי פונם ארבעטער-קלאַס, וועלכע זיינען אויסדרעסירט און ווערן אונטערגעהאָדעוועט דורך די אימפּעריאליסטישע רויבער. זי איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן, קעדיי צו פארדעקן די אייטערדיקע וואונדן פונם קאַפּיטאַליזם, אונטערפאַרבן דעם אימפּעריאַליזם און צוגעבן אים מאראלישע קראפט אינם קאַמף קעגן די עקספּלאָאַטירטע מאַסן. עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין באַם קאַפּיטאַליזם קיין ווירקלעכע „פרייהייטן” פאַר עקספּלאָאַטירטע, שוין דערפאַר אליין, וואָס די דירעס, דרוקערייען, פאַפּיר-, אגערן א. אז. וו., וועלכע זיינען נויטיק אַף אויסצונוצן די „פרייהייטן”, זיינען א פּריווילעגיע פון די עקספּלאָאַטאַטאָרן. עס איז ניטאָ און עס קאָן באַם קאפּיטאַליזם ניט זיין קיין ווירקלעכער אנטייל פון די עקספּלאָאַטירטע מאַסן אין דער פאַרוואלטונג מיטן לאַנד, זאָל אפילע זיין בלויז דערפאַר, וואָס בא די סאַמע דעמאָקראטישסטע אָרדענונגען אין די באדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם ווערן די רעגירונגען אוועקגעשטעלט ניט דורכן פאָלק, נאָר דורך די ראָטשילדס און סטינעסעס, ראָקפעלערס און מאָרגאַנס. די דעמאָקראטיע באם קאפּיטאַליזם איז א קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראטיע, אַ דעמאָקראטיע פון דער עקספּלאָאַטאָרישער מינדערהייט, וועלכע

באַזירט זיך אויף דער באגרעניצונג פון די רעכט פון דער עקספּלאָאַטיר־טער מערהייט און איז געווענדעט קעגן אָט דער מערהייט. נאָר בא דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור זיינען מעגלעך ווירקלעכע „פרייהייטן" פאַר די עקספּלאָאַטירטע, און א ווירקלעכער אנטייל פון די פּראָלעטא־ריער און פויערים אין דער פאַרוואלטונג מיטן לאַנד. די דעמאָקראַטיע בא דער דיקטאַטור פון פּראלעטאַריאַט איז א פּראָלעטארישע דעמאָקראַטיע, א דעמאָקראַטיע פון דער עקספּלאאטירטער מערהייט, וועלכע באזירט זיך אויף דער באַגרעניצונג פון די רעכט פון דער עקס־פּלאָאַטאַטאָרישער מינדערהייט און איז געווענדעט קעגן אָט דער מינ־דערהייט.

דער צווייטער אויספיר. די דיקטאַטור פון פּראלעטא־ריאַט קאָן ניט אנטשטיין, ווי א רעזולטאַט פון פרידלעכער אנטוויק־לונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט און בורזשואזער דעמאָקראַטיע,— זי קאָן אנטשטיין בלויז ווי א רעזולטאַט פון צעברעכן די בורזשואזע מלוכע-מאַשין, די בורזשואזע ארמיי, דעם בורזשואזן באַאַמטן-אַפּאַראַט, די בורזשואזע פּאָליציי.

„דער ארבעטער-קלאַס קאָן ניט פּאָשעט פאַרכאַפּן די פאַרטיקע מלוכע-מאַשין און אָוועקלאָזן זי אין גאַנג צוליב זיינע אייגענע צוועקן",— זאָגן מאַרקס און ענגעלס אינם פאָרוואָרט צום „בירגער-קריג", — די פּראלעטאַרישע רעוואָלוציע דאַרף „...ניט איבערגעבן פון איינע הענט אין די אנדערע די ביוראָקראַטיש-מיליטערישע מאַשין, ווי עס פלעגט פאָרקומען ביז אהער, נאָר צעברעכן זי... — אָט דאָס איז דער פאָרבאדינג פאַר יעדער ווירקלעכער פאָלקס-רעוואָלוציע אַפן קאָנטי־נענט"—זאָגט מאַרקס אין זיין בריוו צו קוגעלמאַנען אין 1871 יאָר.

מאַרקס באגרעניצנדיקע פראזע וועגן קאָנטינענט האָט געגעבן די אָפּאָרטוניסטן און מענשעוויקעס פון אלע לענדער די מעגלעכקייט אויס־צושרייען, אז מאַרקס האָט, אלזאָ, צוגעלאָזן די מעגלעכקייט פון א פרידלעכער אנטוויקלונג פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע אין אַ פּרא־לעטאַרישער דעמאָקראַטיע לעכאָלהאַפּאָכעס פאַר אייניקע לענדער, וועלכע גייען ניט אריין אינם באשטאנד פונם אייראָפּייאישן קאָנטינענט (ענגלאַנד, אמעריקע). מאַרקס האָט ווירקלעך צוגעלאָזן אזא מעגלעכ־קייט, און ער האָט געהאט א גרונט צוצולאָזן דאָס פאַר ענגלאנד און אמעריקע אין די 70־קער יארן פונם פארגאנגענעם יאָרהונדערט, בעשאַס עס איז נאָך ניט געווען קיין מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם, עס איז ניט געווען קיין אימפּעריאַליזם, און דידאָזיקע לענדער האבן נאָך, אדאַנק די אייגנאַרטיקע באדינגונגען פון זייער אנטוויקלונג, ניט געהאַט קיין

אַנטוויקלטן מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיזם. אזוי האט עס געהאלטן ביז עס איז אנטשטאַנען דער אנטוויקלטער אימפּעריאליזם. דערנאָך אָבער, מיט 30—40 יאָר שפּעטער, ווען די זאכלאַגע אין דידאָזיקע לענדער האט זיך ביזן גרונט געענדערט, ווען דער אימפּעריאליזם האט זיך אַנטוויקלט און האָט ארומגעכאַפּט אלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אָן אויסנאַם, ווען דער מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיזם האט זיך באוויזן אויך אין ענגלאנד און אין אמעריקע, ווען די באזונדערע באדינגונגען פון פרידלעכער אנטוויקלונג פון ענגלאנד און אמעריקע זיינען פארשוואונדן, — דאַרף די באגרעניצונג וועגן דידאָזיקע לענדער בעמיילע אָפּפאַלן.

„איצט, — זאָגט לענין, — אין 1917 יאָר, אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער גרויסער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, פאַלט אָפּ דידאָזיקע מאַרקס אָפּגרעניצונג אין ענגלאנד און אמעריקע, די גרעסטע און לעצטע פאָרשטייער אף דער גאַנצער וועלט פון דער ענגליש-זאַקסישער „פרייהייט" אין דעם זינען, וואָס דארט איז ניט געווען קיין מיליטאַריזם און קיין ביוראקראטיזם, האבן זיך אינגאַנצן אראפּגעקייקלט אין דעם אלגעמיין-אייראָפּייאישן שמוציקן, בלוטיקן זומפּ פון ביוראקראטיש-מיליטערישע איינריכטונגען, וועלכע באהערשן אלץ, אונטערדריקן אלץ. איצט איז סאַי אין ענגלאנד, סאַי אין אמעריקע „דער פאָרבאדינג פאַר יעדערווירקלעכער פאָלקס-רעוואָלוציע" — אז עס זאָל צעבראָכן, צעשטערט ווערן די „פאַרטיקע" (אין די יאָרן 1914 — 1917 צוגעגרייטע ביז צו „אייראפּייאישער", אלגעמיין-אימפּעריאליסטישער פולקומענקייט) מלוכע-מאַשין" („מלוכע און רעוואָלוציע").

אנדערש גערעדט, דער געזעץ וועגן דער איבערגוואלטיקער רעוואָלוציע פון פּראָלעטאריאט, דער געזעץ וועגן צעברעכן די בורזשואזע מלוכע-מאַשין, ווי וועגן א פאָרבאדינג פאר אזא רעוואלוציע, איז אַן אומפארמיידלעכער געזעץ פאר דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין די אימפּעריאליסטישע לענדער פון דער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אין דער ווייטער צוקונפט, אויב דער פּראָלעטאַריאט וועט זיגן אין די וויכטיקסטע לענדער פון קאַפּיטאַליזם און אויב די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע ארומרינגלונג וועט פארביטן ווערן דורך א סאָציאליסטישער ארומרינגלונג, איז זייער מעגלעך א „פרידלעכער" אנטוויקלונגס-וועג פאר אייניקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס זייערע קאַפּיטאַליסטן וועלן, אַדאנק דער „אומגינסטיקער" אינטערנאַציאנאלער סיטואציע, האַלטן פאַר צוועקמעסיק „פרייוויליק" צו גיין אַף ערנסטע האַנאָכעס דעם פּראָלעטאריאט. דידאָזיקע האַשאָרעס זיינען אָבער שאַיעך בלויז צו דער ווייטער און מעגלעכער צוקונפט. פאַר דער נאָ-

ענטסטער צוקונפט האט ניט דידאָזיקע האַשאָרע קיינע, אבסאָלוט קיינע גרונטן.

דערפאַר איז לענין גערעכט, ווען ער זאָגט, אז:

„די פראלעטארישע רעוואלוציע איז אומעגלעך אָן דער איבערגוואַלטיקער צעשטערונג פון דער בורזשואזער מלוכע-מאַשין און איר פאַרבייטונג דורך אַ נייער" („די פראלעטאַרישע רעוואָלוציע").

3. די ראטנמאַכט, אלס מלוכע-פאָרם פון דער דיקטאַטור פון פראָלעטאריאַט. דער ניצאָכן פון דער דיקטאַטור פון פראלעטאריאט באַטייט די דערשטיקונג פון דער בורזשואזיע, דאָס צעברעכן די בורזשואזע מלוכע-מאַשין, דאָס פאַרבייטן די בורזשואזע דעמאָקראטיע דורך פראלעטארישער דעמאָקראטיע. דאָס איז קלאָר. וואָסערע זיינען אבער די ארגאניזאַציעס, וואָס מיט זייער הילף קאָן דורכגעפירט ווערן אָט די קאָלאָסאַלע ארבעט? אז די אלטע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פונם פראָלעטאריאט, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אַפן גרונט פון בורזשואזן פאַרלאמענטאַריזם, זיינען ניט גענוג פאַר אזא אַרבעט, איז קוים מעגלעך צו צווייפלען. איז וועלכע זיינען עס די נייע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פונם פראלעטאריאט, וואָס זאָלן מעסוגל זיין צו שפּילן די ראָלע פונם קאַברען פון דער בורזשואזער מלוכע-מאַשין און ניט נאָר פאַרבייטן די בורזשואזע דעמאָקארטיע דורך פראלעטארישער דעמאָקראטיע, נאָר אויך ווערן דער יעסאָד פון דער פראלעטארישער מלוכע-מאכט.

אָט די נייע אָרגאַניזאַציע-פאָרם פונם פראלעטאריאט זיינען די ראַטן.

אין וואָס באשטייט די קראַפט פון די ראטן אין פארגלייך מיט די אלטע ארגאַניזאַציע-פאָרמען?

דערין, וואָס די ראַטן זיינען מער, ווי אלע אנדערע, מאַסאָווע, אַלץ ארומנעמענדיקע אָרגאניזאציעס פון פראָלעטאריאט, ווייל זיי, און נאָר זיי, כאַפּן ארום אלע ארבעטער אָן אויסנאַם.

דערין, וואָס די ראַטן זיינען די איינציקע מאַסאָווע אָרגאַניזאַציעס פון פראָלעטאריאט, וועלכע נעמען ארום אלע אונטערדריקטע און עקספלאָאַטירטע, ארבעטער און פויערים, סאָלדאַטן און מאַטראסן, און וואו די פּאָליטישע אָנפירונג מיטן קאַמף פון די מאַסן מיצאַד דעם אוואנגארד פון די מאַסן, מיצאַד דעם פראלעטאריאט, קאָן צוליב דעם פארווירקלעכט ווערן אַמלייכטסטן און אַמפולסטן.

דערין, וואס די ראטן זיינען די סאַמע מעכטיקסטע אָרגאנען פאַרן רעוואָלוציאנערן קאַמף פון די מאַסן, פאַר די פּאליטי-

שע ארויסטרעטונגען פון די מאַסן, פאַרן אויפשטאַנד פון די מאַסן, אר־גאַנען, וועלכע זיינען פעאיק צו צעברעכן די אלמעכטיקייט פונם פי־נאַנץ־קאַפּיטאַל און פון זיינע פּאָליטישע צוגאָבן.

דעריך, וואָס די ראַטן זיינען אומיטלבארע ארגאַניזאַציעס פון די מאַסן גופא, ד. ה. די סאַמע דעמאָקראַטישע, אלזאָ, די סאַמע אוו־טאָריטעטע ארגאַניזאַציעס פון די מאַסן, וואָס פאַרלייכטערן פאַר זיי אויפן מאַקסימאַלסטן אויפן דעם אנטייל אין דער איינאָרדענונג פון דער נייער מלוכע און אין דער אָנפירונג מיט איר און וועלכע בינדן אויף אַפן מאַקסימאַלסטן אויפן די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, די איניציאַטיוו, די שעפערישע פעאיקייטן פון די מאַסן אינם קאַמף פאַר דער צעשטע־רונג פונם אלטן שטייגער, אינם קאַמף פאַר א נייעם, פּראָלעטאַרישן שטייגער.

די ראַטנמאַכט איז א פאַרייניקונג און אויסטאָרמירונג פון די אָר־טיקע ראַטן אין איין אלגעמיינער מלוכע־ארגאַניזאַציע, אין א מלוכע־אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט, אלס דעם אוואַנגאַרד פון די אונטער־דריקטע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן און אַלס דעם הערשנדיקן קלאַס,— אַ פאַרייניקונג אין א רעפּובליק פון ראַטן.

דער טאָך פון דער ראַטנמאַכט באַשטייט דעריך, וואָס די אמערסטן מאַסאָווע און אמערסטן רעוואָלוציאָנערע ארגאַניזאַציעס גראָד פון די קלאַסן, וועלכע זיינען אונטערגעדריקט געוואָרן דורך די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים,— זיי זיינען איצט „די שטענדיקע און איינציקע שטיצע פון דער גאַנצער מלוכע־מאַכט, פונם גאַנצן מלוכע־אַפּאַראַט; וואָס גראַד די מאַסן, וואָס אפילע אין די סאַמע דעמאָקראַטישע רעפּובליקן, וואו זיי זיינען לויטן געזעץ גלייכבארעכטיקט, פלעגן זיי דורך אלערליי מיטלען און שפּיצלעך אין דער טאַט באַזייטיקט ווערן פונם אנטייל אינם פּאָלי־טישן לעבן און פונם באַנוצן זיך מיט די דעמאָקראַטישע רעכט און פרייהייטן,— איז גראַד די מאַסן ווערן איצט צוגעצויגן צום שטענדיקן, אומגעשטערטן און דערביי אנטשיידנדיקן אנטייל אין דעמאָקראַ־טישן פאַרוואַלטן מיט דער מלוכע" (16־טער באַנד פון לענינס ווערק).

אָט פאַרוואָס די ראַטנמאַכט איז א נייע פאָרם פון מלוכישער אָרגאַניזאַציע, וואָס אונטערשיידט זיך אין פּרינציפּ פון דער אלטער, בורזשואַז־דעמאָקראַטישער און פּאַרלאַמענטאַרישער פאָרם, א נייער טיפּ מלוכע, וועלכער איז צוגעפּאַסט ניט צו די אויפגאַבן פון עקס־פּלאָאַטירן און אונטערדריקן די ארבעטנדיקע מאַסן, נאָר צו די אויפ־גאַבן פון זייער פולער באַפרייאונג פון אונטער יעטווידער יאָך און עקספּלאָאַטאַציע, צו די אויפגאַבן פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

לענין איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אז מיטן אויפקומען פון דער ראַטנמאכט „האָט זיך די עפּאָכע פון בורזשואז-דעמאָקראַטישן פּאַרלאַ־מענטאַריזם פאַרענדיקט, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע: די עפּאָכע פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור".

אין וואָס באשטייען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ראַטנ-מאַכט?

דערין, וואָס די ראַטנמאַכט איז די אַמערסטן מאַסאָווע און די אַמערסטן דעמאָקראַטישע מלוכע-אָרגאַניזאַציע צווישן אַלע מעגלעכע מלוכע-אָרגאַניזאַציעס בײַ באַדינגונגען פון עקזיסטענץ פון קלאַסן, ווייל, זייענדיק די אַרענע פארן צוזאַמענשלוס און צוזאַמענאַרבעט פון די אַר־בעטער און עקספּלאָאַטירטע פּויערים אין קאַמף קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרן און שטיצנדיק זיך אין איר אַרבעט אַף אָט דעם צוזאַמענשלוס און אָט דער צוזאַמענאַרבעט, איז זי דערמיט גופע די מאַכט פון דער מערהייט באַפעלקערונג איבער דער מינדערהייט, די מלוכע פון דערדאָזיקער מער-הייט, דער אויסדרוק פון איר דיקטאַטור.

דערין, וואָס די ראַטנמאַכט איז די אַמערסטן אינטערנאַציאָנאַליס-טישע פון אַלע מלוכישע אָרגאַניזאַציעס פון דער קלאַסן-געזעלשאַפט, ווייל, צעשטערנדיק דעם נאַציאָנאַלן דרוק און אָנשפּאַרנדיק זיך אַף דער מיטאַרבעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פאַרגרינגערט זי דערמיט אַליין די פאַרייניקונג פון דידאָזיקע מאַסן אין אַן איינהייטלעכן מלוכע-פאַרבאַנד.

דערין, וואָס די ראַטנמאַכט פאַרלייכטערט לויט איר סטרוקטור גופע די אַרבעט פון אָנפירן מיט די אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע מאַסן מיצאַד דעם אַוואַנגאַרד פון דידאָזיקע מאַסן, מיצאַד דעם פּראָלע-טאַריאַט, ווי דעם אַמערסטן צוזאַמענגעהעפטן און אמערסטן באוואוסט־זיניקן קערן פון די ראַטן.

„די דערפאַרונג פון אלע באַוועגונגען פון די אונטערדריקטע קלאַסן, די דערפאַרונג פון דער סאָציאַליסטישער וועלט-באַוועגונג לערנט אונז, — זאָגט לענין, — אז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז מעסוגל צוזאַמענבינדן די צעזייטע און אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער און עקס־פּלאָאַטירטער באַפעלקערונג און מיטפירן זיי נאָך זיך" (16 באַנד פון לענינס ווערק). די סטרוקטור פון דער ראַטנמאַכט פאַרלייכטערט דורכ-צופירן אין לעבן די אָנווייזונגען פון דערדאָזיקער דערפאַרונג.

דערין, וואָס פאַרייניקנדיק די געזעצגעבערישע און אויספירערישע מאַכט אין איין איינהײַטלעכער מלוכע־אָרגאַניזאַציע און פאַרבייטנדיק די טעריטאָריאַלע וואַל־קרייזן דורך פּראָדוקציאָנעלע איינסן, פאַבריקן און

זאוואָדן,—בינדט די ראטנמאכט דירעקט צוזאמען די ארבעטער און ביכלאל די ארבעטנדיקע מאסן מיט די אפאראטן פון דער מלוכישער פארוואַל-טונג, לערנט זיי, ווי צו פארוואלטן מיטן לאנד.

דערין, וואָס נאָר די ראטנמאכט איז אימשטאַנד צו באפרייען די ארמיי פון אונטערגעוואָרפנקייט אונטער דער בורזשואזער אָנפירונג און פון א געצייג צו אונטערדריקן דאָס פאָלק, ווי זי איז בא די בורזשואַ-זע אָרדענונגען, צו פארוואַנדלען זי אין א געצייג צו באפרייען דאָס פאָלק פון אונטער דעם יאָך פון דער בורזשואזיע, דער אייגענער און פרעמדער.

דערין, וואָס „נאָר די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכע איז אימשטאַנד מיטאַמאָל און ענדגילטיק צעשטערן דעם אַלטן, ד. ה. דעם בורזשואז-באַאַמטישן און ריכטערישן אַפּאַראַט” (דאָרט).

דערין, וואָס נאָר די ראַטן-פאָרם פון מלוכע, וועלכע ציט צו די מאַסן-אָרגאַניזאַציעס פון ארבעטנדיקע און עקספּלאָאַטירטע צו שטענ-דיקן און אומבאַדינגטן אנטייל אין דער מלוכע-פאַרוואַלטונג, נאָר זי איז פעאיק צוצוגרייטן דאס אָפּשטאַרבן פון דער מלוכישקייט, וואָס דאָס איז איינער פון די גרונט-עלעמענטן פון דער צוקונפטיקער, אָנמלוכישער, קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

די ראַטן-רעפּובליק איז, אלזא, די געזוכטע און ענדלעך געפונע-נע פּאָליטישע פאָרם, וואָס אין אירע ראַמען דאַרף דורכגעפירט ווערן די עקאָנאָמישע באפרייאונג פונם פראלעטאריאט, דער פולער ניצחון פונם סאציאליזם.

די פאריזער קאָמונע איז געווען אן עמבריאן פון דערדאָזיקער פאָרם. די ראטנמאכט—דאָס איז איר אנטוויקלונג און פארפולקומונג.

אָט פארוואָס לענין זאָגט, אז:

„די רעפּובליק פון די ראטן פון ארבעטערשע, סאָלדאַטישע און פויערשע דעפּוטאטן איז ניט בלויז א פאָרם פון א העכערן טיפּ דעמאָ-קראטישע אנשטאלטן, נאָר אויך די איינציקע פאָרם, וועלכע איז מעסוגל צו גאַראַנטירן דעם אָנווייטיקדיקן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם” („טעזיסן וועגן דער גרינדונגס-פארזאַמלונג”).

.V

די פויערים-פראַגע.

פון דער טעמע נעם איך פיר פראַגן: א) די שטעלונג פון דער פראַגע; ב) דאָס פויערטום אין דער צייט פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע; ג) דאָס פויערטום אין דער צייט פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע; ד) דאָס פויערטום נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער ראַטנמאַכט.

1. די שטעלונג פון דער פראַגע. אייניקע מיינען, אַז דער איקער אינם לעניניזם—דאָס איז די פויערים-פראַגע, אַז דער אויסגאַנגס-פונקט פונם לעניניזם איז די פראַגע וועגן פויערטום, וועגן זיין ראָליע, זיין ספּעציפישן געוויכט. דאָס איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק. די גרונט-פראַגע אינם לעניניזם, זיין אויסגאַנגס-פונקט איז ניט די פויערים-פראַגע, נאָר די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט, וועגן די באַדינגונגען פון איר דעראָבערונג, וועגן די באַדינגונגען פון איר פאַרפעסטיקונג. די פויערים-פראַגע, אַלס פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונם פראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר דער מאַכט—איז שוין אַן אַרויסדרינגנדיקע פראַגע.

דאָס נעמט באַ איר אָבער קלאַל ניט אָפּ די ערנסטע, פרישצאַפלדיקע באַטייטונג, וועלכע זי האָט אָן סאָפעק פאַר דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. עס איז באַקאַנט, אַז די ערנסטע פאַנאַנדעראַרבעטונג פון דער פויערים-פראַגע האָט אין די רייען פון די רוסישע מאַרקסיסטן זיך אָנגעהויבן גראָד ערעוו דער ערשטער רעוואָלוציע (פון 1905 יאָר), ווען די פראַגע וועגן אַראָפוואַרפן דעם צאַריזם און דורכפירן די העגעמאָניע פונם פראָלעטאַריאַט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער פאַרטיי אין איר גאַנצן וואוקס, און די פראַגע וועגן דעם פאַרבינדעטן פונם פראָלעטאַריאַט אין דער פאָרשטייענדיקער בורזשואַזער רעוואָלוציע האָט

באַקומען אַ פרישצאַפּלדיקן כאַראַקטער. עס איז אויך באַקאַנט, אַז די
פויערים-פראַגע האָט נאָך אין רוסלאַנד באַקומען אַ מער אַקטועלן כאַ-
ראַקטער אין דער צייט פון דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווען די
פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט, וועגן דעראָבערן און
איינהאַלטן זי האָט געבראַכט צו דער פראַגע וועגן די פאַרבינדעטע
פונם פראָלעטאַריאַט אין דער פאָרשטייענדיקער פראָלעטאַרישער רעוואָ-
לוציע. און עס איז טאַקע פאַרשטענדלעך: ווער עס גייט און גרייט זיך
צו נעמען די מאַכט, דער קאָן ניט זיך ניט אינטערעסירן מיט דער פראַ-
גע וועגן זיינעווירקלעכע פארבינדעטע.

אין דעם זינען איז די פויערים-פראַגע אַ טייל פון דער אַלגע-
מיינער פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט, און אַלס
אַזעלכע איז זי איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן פון לעניניזם.

די גלייכגילטיקע אָדער גאָר נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פויערים-
פראַגע מיצאַד די פאַרטייען פון II אינטערנאַציאָנאַל לאָזט זיך דער-
קלערן ניט בלויז דורך די באַזונדערע אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען אַפן
מאַירעוו. זי לאָזט זיך דערקלערן פריער פאַר אַלץ דערמיט, וואָס דידאָ-
זיקע פאַרטייען גלויבן ניט אין דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט, האָבן
מוירע פאַר דער רעוואָלוציע און טראַכטן אַפילע ניט צו פירן דעם
פראָלעטאַריאַט צו דער מאַכט,—און ווער עס האָט מוירע פאר דער רע-
וואָלוציע, ווער עס טראכט ניט צו פירן דעם פראָלעטאריאט צו דער
מאכט, דער קאָן זיך ניט אינטערעסירן מיט דער פראגע וועגן פארבינ-
דעטע פונם פראָלעטאריאט אין דער רעוואָלוציע, פאר דעם איז די פרא-
גע וועגן די פארבינדעטע א אינדיפערענטע, ניט קיין אקטועלע. די אי-
ראָנישע באציאונג פון די העלדן פונם II אינטערנאציאָנאל צו דער
פויערים-פראגע רעכנט זיך בא זיי פאר א סימען פון „גוטן טאָן”, פאר
א סימען פון „עכטן” מארקסיזם. אין דער עמעטן איז דאָ ניטאָ אפילע
קיין טראָפּן מארקסיזם, ווייל די גלייכגילטיקייט צו אזא וויכטיקער פרא-
גע, ווי די פויערשע, ערעוו דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע איז די
אנדערע זייט פונם אָפּלייקענען די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט, איז א
בליסאָפּעקדיקער דירעקטער פאראט קעגן מארקסיזם.

די פראגע שטייט אזוי: צי זיינען שוין אויסגעשעפּט
די רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען פארבאָרגן אין די טי-
פענישן פונם פויערטום, צוליב געוויסע באדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ,
אָדער ניט, און אויב זיי זיינען ניט אויסגעשעפּט, צי איז פאראַן א
האָפענונג, א גרונט אויסצונוצן די מעגלעכקייטן פאר דער פראָ-
לעטארישער רעוואָלוציע, פארוואנדלען דאָס פויערטום, זיין עקספּלאָאטיר-

טע מערהייט פון א רעזערוו פון דער בורזשואזיע, וואָס אזא איז דאָס געווען בעשאס די בורזשואזע רעוואָלוציעס אפן מאירעוו און וואָס אזא איז דאָס פארבליבן אויך איצט,—אין א רעזערוו פונם פראָלעטאריאט אין זיינעם א פארבינדעטן?

דער לעניניזם ענטפערט אף דער פראגע פאָזיטיוו, ד. ה. אין גייסט פון אנערקענען רעוואָלוציאָנערע פעאיקייטן אין די רייען פון דער מערהייט פויערטום און אין גייסט פון דער מעגלעכקייט זיי אויסצונוצן אין די אינטערעסן פון דער פראָלעטארישער דיקטאטור. די געשיכטע פון די דריי רעוואָלוציעס אין רוסלאנד באשטעטיקט אין דער פולער מאָס די אויספירן פונם לעניניזם אין דעם פראט.

דערפון קומט דער פראקטישער אויספיר וועגן אונטערשטיצן, אומבאדינגט אונטערשטיצן די ארבעטנדיקע מאסן פונם פויערטום אין זייער קאמף קעגן דער פארשקלאפונג און עקספלאָאטאציע, אין זייער קאמף פאר דער באפרייאונג פון אונטערדריקונג און דאלעס. דאָס באטייט ניט, פארשטייט זיך, אז דער פראָלעטאריאט דארף אונטערשטיצן יעדע פויערשע באוועגונג. עס רעדט זיך דאָ וועגן אונטערשטיצן אזא באוועגונג און אזא קאמף פונם פויערטום, וועלכע פארלייכטערן דירעקט אָדער אומדירעקט די באפרייאונגס-באוועגונג פונם פראָלעטאריאט, וועלכע גיסן אזוי אָדער אנדערש וואסער אף דער מיל פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע, וועלכע העלפן מיט צו פארוואנדלען דאָס פויערטום אין א רעזערוו און אין א פארבינדעטן פונם ארבעטער-קלאס.

2. דאָס פויערטום אין דער צייט פון דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָלוציע. דערדאָזיקער פעריאָד נעמט ארום א פעריאָד צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע (1905 יאָר) ביז דער צווייטער (פעווראל 1917 יאָר) איינגעשלאָסן. דער כאראקטערשטריך פון דעמדאָזיקן פעריאָד איז די ארויסבאפרייאונג פונם פויערטום פון אונטער דער ווירקונג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, דער אָפּגאַנג פונם פויערטום פון די קאַדעטן, דער קער פונם פויערטום צום פראָלעטאַריאַט, צו דער פאַרטיי פון די באָלשעוויקעס. די געשיכטע פון דעמדאָזיקן פעריאָד איז די געשיכטע פונם קאַמף פון די קאַדעטן (די ליבעראַלע בורזשואַזיע) און די באָלשעוויקעס (דער פראָלעטאַריאַט) פאַרן פויערטום. דעם גוירל פון דעמדאָזיקן קאַמף האָט באַשטימט דער דומע-פעריאָד, ווייל דער פעריאָד פון די ערשטע פיר דומעס האָט געדינט פאַר אַן אַנשוילעכע לערע פאַרן פויערטום, און דידאָזיקע לערע האָט בעפיירעש דערוויזן די פויערים, אַז זיי וועלן ניט באַקומען פון די הענט פון די קאַדעטן ניט קיין ערד, ניט קיין פרייהייט, אַז דער קייסער

איז אינגאַנצן פאַר די פּריצים, און די קאַדעטן שטיצן אונטער דעם קייִ-
סער, אז די איינציקע קראַפט, אַף וועמענס הילף מע קאָן אויסרעכענען, דאָס זיינען נאָר די שטאָטישע אַרבעטער, דער פּראָלעטאַריאַט. די אימ-
פּעריאַליסטישע מילכאָמע האָט נאָר באַשטעטיקט די לערע פונם דומע-
פּעריאָד, פאַרענדיקנדיק דעם אָפּגאַנג פונם פּויערטום פון דער ליבעראַ-
לער בורזשואַזיע, ווייל די יאָרן פון מילכאָמע האָבן באַוויזן די גאַנצע פּוסטקייט, די גאַנצע אילוזאָרישקייט פון די האָפענונגען צו באַקומען שאָלעם פונם קייסער און פון זיינע בורזשואַזע פאַרבינדעטע. אָן די אַנ-
שוילעכע לעקציעס פונם דומע-פּעריאָד וואָלט די העגעמאָניע פונם פּראָ-
לעטאַריאַט געווען אומעגלעך.

אַזוי האָט זיך געשאַפן דער פאַרבאַנד צווישן די אַרבעטער און די פּויערים אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. אַזוי האָט זיך געשאַפן די העגעמאָניע (אָנפירונג) פונם פּראָלעטאַריאַט אינם אַלגעמיי-
נעם קאַמף פאַר דער שטירצונג פונם צאַריזם, די העגעמאָניע, וועלכע האָט געבראַכט צו דער פעווראַל-רעוואָלוציע פון 1917 יאָר.

די בורזשואַזע רעוואָלוציעס פון מאַירעוו (ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך) זיינען, ווי באַקאַנט, אַוועק אַף אַן אַנדער וועג. דאָרט האָט די העגעמאָניע אין דער רעוואָלוציע געהערט ניט דעם פּראָ-
לעטאַריאַט, וועלכער האָט צוליב זיין שוואַכקייט ניט פאָרגעשטעלט און ניט געקאָנט פאָרשטעלן קיין זעלבשטענדיקע פּאָליטישע קראַפט, נאָר דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. דאָרט האָט דאָס פּויערטום באַקומען די באַפרייאונג פון אונטער די לייב-אייגנט-מערישע אָרדענונגען ניט פון די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געווען קליין אין צאָל און ניט אָרגאַניזירט, נאָר פון די הענט פון דער בורזשואַזיע. דאָרט איז דאָס פּויערטום געגאַנגען קעגן די אַלטע אָרדענונגען צוזאמען מיט דער לי-
בעראלער בורזשואזיע. דאָרט האָט דאָס פּויערטום מיט זיך פאָרגעשטעלט א רעזערוו פון דער בורזשואזיע. דאָרט האָט די רעוואָלוציע צוליב דעם געבראכט צו א גוואלטיקער פארשטארקונג פונם פּאָליטישן געוויכט פון דער בורזשואזיע.

אין רוסלאנד האָט די בורזשואזע רעוואָלוציע, פארקערט, געגעבן פונקט פארקערטע רעזולטאטן. די רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט גע-
בראכט ניט צו דער פארשטארקונג, נאָר צו דער אָפּשוואכונג פון דער בורזשואזיע, אלס פּאָליטישע קראפט, ניט צו דער פארגרעסערונג פון אירע פּאָליטישע רעזערוון, נאָר דערצו, אז זי זאל פארלירן איר גרונט-
רעזערוו, זי זאָל פארלירן דאָס פּויערטום. די בורזשואזע רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט ארויסגערוקט אפן פאָדער-גרונט ניט די ליבעראלע

בורזשואזיע, נאָר דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט, באהעפטנדיק אַרום אים דאָס פּילמיליאָניקע פויערטום.

דערמיט דערקלערט זיך, אגעוו, דער פאקט, וואָס די בורזשואזע רעוואָלוציע איז אין רוסלאנד אריבערגעוואקסן אין א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע אין א פארהעלטניסמעסיק קורצן טערמין. די העגעמאָניע פונם פּראָלעטאריאט איז געווען—דער עמבריאָן און די איבערגאנגס-שטופע צו דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט.

מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט ניט קיין פּרעצעדענטן אין דער געשיכטע פון די בורזשואזע רעוואָלוציעס אַפן מאַירעוו? פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די אייגנאַרטיקייט?

עס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די בורזשואזע רעוואָלוציע האָט זיך אין רוסלאַנד פאַנאַנדערגעוויקלט באַ מער אַנטוויקלטע באַדינגונגען פון קלאַסנקאַמף, ווי אַפן מאַירעוו, וואָס דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין באַוויזן צו דער צייט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ זעלב-שטענדיקער פּאָליטישער קראַפט, בעשאַס די ליבעראַלע בורזשואַזיע, אָנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציאָנערקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, האָט פאַר-לאָרן אַפילע דעם דימיען פון אַ וועלכער ניט איז רעוואָלוציאָנערישקייט (באַזונדערס נאָך די לעקציעס פון 1905 יאָר) און איז אַריינגעטראָטן אין אַ בונד מיטן צאַר און מיט די פּריצים קעגן דער רעוואָלוציע, קעגן די אַרבעטער און פויערים.

מע דאַרף ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אַף פאָלגנדע אומשטענדן, וועלכע האָבן באַשטימט די אייגנאַרטיקייט פון דער רוסישער בורזשו-אַזער רעוואָלוציע:

א) די אויסערגעוויינלעכע קאָנצענטרירונג פון דער רוסישער אינ-דוסטריע ערעוו דער רעוואָלוציע. עס איז, לעמאָשל, באַקאנט, אַז אין אונטערנעמונגען מיט אַ צאָל אַרבעטער העכער פון 500 מאַן האָבן אין רוסלאַנד געאַרבעט 54 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער, בעשאַס אין אַזאַ אַנטוויקלט לאַנד ווי צאָפן-אַמעריקע האָבן אין אַנאַלאָגישע אונטערנע-מונגען געאַרבעט אינגאַנצן 33 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער. איך ווייס ניט, צי מע דאַרף גאָר דערווייזן, אַז שוין דאָס אַליין, באַ דער אָנוועזנ-הייט פון אַזאַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ווי די פּאַרטיי באָלשעוויקעס, האָט געמאַכט דעם אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד פאַר דער גרעסטער קראַפט אינם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

ב) די עקלהאַפטע פאָרמען פון עקספּלאָאַטאַציע אין די אונטער-נעמונגען צוזאַמען מיטן אומדערטרעגלעכן פּאָליציייאישן רעזשים פון די

צאַרישע מעשאָרסים,—דאָס איז אַן אומשטאַנד, וועלכער האָט יעדן ערנסטן שטרייק פון די אַרבעטער פאַרוואַנדלט אין אַ גוואַלטיקן פּאָליטישן אַקט און האָט פאַרהאַרטעוועט דעם אַרבעטער-קלאַס, ווי אַ קראַפט, וואָס איז רעוואָלוציאָנער ביזן סאָף.

ג) די פּאָליטישע צעקראָכנקייט פון דער רוסישער בורזשואַזיע, וועלכע איז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעשאָרסים-פּאַך באַם צאַריזם און אין הוילע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערישקייט, וועלכע ווערט דערקלערט ניט בלויז דורך דער רעוואָלוציאָנערישקייט פונם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די רוסישע בורזשואַזיע אין די אָרעמס פונם צאַריזם, נאָר אויך דורך דער דירעקטער אָפּהענגיקייט פון דער בורזשואַזיע פון די קאַזיאָנע באשטעלונגען.

ד) די אָנוועזנהייט פון עקלהאפטסטע און אומדערטרעגלעכסטע רעשטן פון לייבאייגנטימערישע אָרדענונגען אין דאָרף, דערגאַנצט דורך דער אַלמעכטיקייט פונם פּאָריץ—דאָס איז אַן אומשטאַנד, וועלכער האָט אריינגעוואָרפן דאָס פויערטום אין די ארעמס פון דער רעוואָלוציע.

ה) דער צאַריזם, וועלכער האָט אונטערדריקט אל דאָס לעבעדיקע און האָט מיט זיין ווילקיר נאָך פארשאַרפט דעם יאָך פונם קאַפּיטאַליסט און גוטבאַזיצער—דאָס איז אַן אומשטאַנד, וועלכער האָט פאַרייניקט דעם קאַמף פון די ארבעטער און פויערים אין איין איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן שטראָם.

ו) די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, וועלכע האָט צוזאַמענגעגאָסן די אַלע קעגנזאצן פונם פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד אין אַ טיפן רעוואָלוציאָנערן קריזיס און האָט צוגעגעבן דער רעוואָלוציע אַן אויסערגעוויינלעכע דראַנג-קראַפט.

וואוהין האָט זיך געהאַט אַ קער צו טאָן דאָס פויערטום באַ אַזוינע באַדינגונגען? באַ וועמען זוכן שטיצע קעגן דער אַלמעכטיקייט פונם גוטבאַזיצער, קעגן דעם ווילקיר פונם צאַר, קעגן דער אומברענגענדיקער מילכאָמע, וואָס האָט רואינירט זיין ווירטשאַפט? באַ דער ליבעראַלער בורזשואַזיע? זי איז דאָך אָבער א סוינע,—דערויף האָט איידעס געזאָגט די לאַנגיאָריקע דערפארונג פון אַלע פיר דומעס. באַ די עסערן? די עסערן זיינען, פאַרשטייט זיך, „בעסער“ פון די קאַדעטן, און די פּראָגראַם איז באַ זיי אַ „פּאַסיקע“, קימאַט אַ פויערשע, אָבער וואָס קאָנען געבן די עסערן, אויב זיי מיינען זיך צו שטיצן נאָר אַף די פויערים אַליין, און אויב זיי זיינען שוואך אין שטאָט, וואו דער קעגנער שעפּט פריער פאַר אַלץ זיינע קויכעס? וואו איז די נייע קראַפט, וועלכע וועט

זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, ניט אין דאָרף, ניט אין שטאָט, וועל-
כע וועט דרייסט גיין אין די ערשטע רייען קעמפן מיטן צאַר און פּאָ-
ריץ, וועלכע וועט העלפן דעם פּויער זיך אַרויסצורייסן פון פאַרשקלאַ-
פונג, פון ערדלאָזיקייט, פון אונטערן יאָך, פון דער מילכאָמע? איז דען
בּיכלאל געווען אין רוסלאַנד אזאַ קראַפט? יאָ, עס איז געווען. דאָס איז
געווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט באַוויזן זיין קראַפט,
זיין דרייסטקייט, זיין רעוואלוציאָנערישקייט נאָך אין 1905 יאָר.

אַלנפאַלס, קיין אַנדער קראַפט אַזאַ איז ניט געווען און נעמען זי
איז ניט געווען פון וואַנען.

אָט פאַרוואָס דאָס פּויערטום איז, אָפּגייענדיק פון די קאַדעטן און
צושטייענדיק צו די עסערן, געקומען צוזאַמען דערמיט צו דער נויט-
ווענדיקייט זיך אונטערצואווארפן אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ דרייסטן
פירער פון דער רעוואלוציע, ווי דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט.

אָט דאָס זיינען די אומשטענדן, וועלכע האָבן באַשטימט די אייגנ-
ארטיקייט פון דער רוסישער בורזשואַזער רעוואלוציע.

3. **דאָס פּויערטום אין דער צייט פון דער פּראָ-
לעטאַרישער רעוואלוציע.** דערדאָזיקער פּעריאָד נעמט ארום
די צייט צווישן דער פּעווראַל-רעוואָלוציע (פון 1917 יאָר) ביז דער
אָקטיאַבר-רעוואָלוציע (1917 יאָר). דערדאָזיקער פּעריאָד איז בּעערעך
ניט קיין לאַנגער,—אינגאַנצן אַכט כאַדאָשים, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון
פּאָליטישער אויפקלערונג און רעוואָלוציאָנערער דערציאונג פון די מאַסן
קאָנען דידאָזיקע אכט כאַדאָשים דרייסט אוועקגעשטעלט ווערן אַף איין
שטופע מיט גאַנצע יאָרצענדליקער פון געוויינלעכער קאנסטיטוציאָנע-
לער אנטוויקלונג, ווייל דאָס זיינען אַכט כאדאָשים *רעוואלוציע*.
דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דערדאָזיקער רעוואלוציע איז די
ווייטערדיקע רעוואָלוציאָניזירונג פונם פּויערטום, זיין אנטוישונג אין די
עסערן, דער *אָפּגאַנג* פונם פּויערטום פון די עסערן, א נייער קער
פונם פּויערטום אין דער ריכטונג פון *דירעקטער באהעפטונג*
ארום דעם פּראָלעטאַריאַט, אלס איינציקע ביזן סאָף רעוואָלוציאָנערע
קראַפט, וועלכע איז פעאיק צו ברענגען דאָס לאַנד צום שאָלעם. די גע-
שיכטע פון דעמדאָזיקן פּעריאָד איז די געשיכטע פונם קאַמף צווישן די
עסערן (קליינבירגערלעכע דעמאָקראטיע) און די באָלשעוויקעס (פּראָלע-
טאַרישע דעמאָקראַטיע) פאַרן פּויערטום, פאַרן באַהערשן די מערהייט
פּויערטום. דעם גוירל פון דעמדאָזיקן קאַמף האָט באַשטימט דער קאָאַ-
ליציע-פּעריאָד, דער פּעריאָד פון קערענסקין, דער אפּזאָג פון די עסערן
און מענשעוויקעס צו קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד, דער קאַמף פון די

עסערן און מענשעוויקעס פאַר דער ווייטערדיקער פירונג פון דער מיל-כאָמע, דער יוני-אָנגריף אַפן פראָנט, די טויטשטראָף פאַר די סאָלדאַטן דער אויפשטאַנד פון קאָרנילאָוון.

אויב פריער, אינם פאַריקן פעריאָד, איז די גרונט-פראַגע פון דער רעוואָלוציע געווען אַראָפּצואוואַרפן דעם צאַר און די פריצישע מאַכט, איז איצט, אינם פעריאָד נאָך דער פעוורال-רעוואָלוציע, ווען קיין צאַר איז שוין ניט געווען, און די פאַרשלעפּטע מילכאָמע האָט אונטערגעריסן די ווירטשאַפט פון לאַנד, רואינירנדיק אינגאַנצן דאָס פויערטום—איז איצט די גרונט-פראַגע פון דער רעוואָלוציע געווארן די פראַגע וועגן ליקווידירן די מילכאָמע. דער שווערפּונקט איז אָפּן ארויי-בערגעטראָגן געווארן פון די פראַגן, וואס האָבן אַ ריין-אינערלעכן כאַ-ראַקטער, צו דער גרונט-פראַגע וועגן דער מילכאָמע. „מאַכן אַ סאָף צו דער מילכאָמע", „ארויסרייסן זיך פון דער מילכאָמע",— אָט דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער געשריי פונם אויסגעמאַטערטן לאַנד און, פרי-ער פון אַלץ, פונם פויערטום.

אבער קעדיי ארויסצורייסן זיך פון דער מילכאָמע, האָט מען גע-מוזט אראָפּוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג, מע האָט געמוזט אראָפּוואַרפן די מאכט פון דער בורזשואזיע, מע האָט געמוזט אראָפּוואַרפן די מאַכט פון די עסערן און מענשעוויקעס, ווייל זיי און נאָר זיי האבן פאַרצויגן די מילכאָמע ביזן „זיגרייכן סאָף". קיין אַנדער וועג אף ארויסצוגיין פון דער מילכאָמע, ווי אַראָפּוואַרפן די בורזשואזיע, איז אין דער פראַקטיק ניט געווען.

דאָס איז געווען א נייע רעוואָלוציע, אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלו-ציע, ווייל זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון דער מאַכט די לעצטע, עקסט לינקע פראַקציע פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע, די פּאַרטיי פון עסערן און מענשעוויקעס, קעדיי צו באשאַפן א נייע, פּראָלעטאַרישע מאַכט, די מאַכט פון ראַטן, קעדיי אוועקצושטעלן בא דער מאַכט די פּאַרטיי פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, די פּאַרטיי פון באָלשע-וויקעס, די פּאַרטיי פון רעוואלוציאָנערן קאַמף קעגן דער אימפּעריאַליס-טישער מילכאָמע, פאַר אַ דעמאָקראַטישן שאָלעם. די מערהייט פונם פויערטום האָט געשטיצט דעם קאַמף פון די ארבעטער פאַר שאָלעם, פאַר דער מאכט פון ראַטן.

קיין אַנדער אויסוועג איז פאַרן פויערטום ניט געווען. קיין אַנ-דער אויסוועג האָט ניט געקאָנט זיין.

דער פעריאָד פון קערענסקיס הערשאַפט איז, אלזאָ, געווען די גרעסטע אנשוילעכע לעקציע פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פונם פויערטום,

ווייל ער האָט אנשוילעך דערוויזן, אז באַ דער מאַכט פון די עסערן און מענשעוויקעס וועט זיך דאָס לאַנד ניט ארויסרייסן פון דער מילכאָמע, וועלן די פויערים ניט דערזעען ניט קיין ערד און ניט קיין פרייהייט, אז די מענשעוויקעס און עסערן אונטערשיידן זיך פון די קאַדעטן נאָר מיט זיסע רייד און פאַלשע צוזאָגן, אין דער עמעסן אָבער פירן זיי דורך דיזעלביקע אימפעריאַליסטישע, קאַדעטישע פּאָליטיק, אַז די איינציקע מאַכט, וועלכע איז פעאיק ארויסצופירן דאָס לאַנד אַף אַ וועג, קאָן זיין נאָר די מאַכט פון די ראַטן. דאָס ווייטערדיקע פאַרציען די מילכאָמע האָט נאָר באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אָט דער לעקציע, האָט אונטערגעיאָגט די רעוואלוציע און האָט געטריבן די מיליאָניקע מאַסן פון פויערים און סאָלדאַטן אַפן וועג פון **דירעקטער באהעפטונג** ארום דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די איזאליאציע פון די עסערן און מענשעוויקעס איז געווארן אן אומבאשטרייטבארער פאַקט. אָן דער אנשוילעכער לערע פונם קאָאַליציע-פעריאָד וואָלט די דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט געוועזן אומעגלעך.

אָט דאָס זיינען די אומשטענדן, וועלכע האָבן פאַרלייכטערט דעם פּראָצעס פונם אַריבערוואקסן פון דער בורזשואזער רעוואלוציע אין א פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אַזוי איז באַשאַפן געווארן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד.

4. **דאָס פויערטום נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער ראטנמאכט.** אויב פריער, אינם ערשטן פעריאָד פון דער רעוואלוציע, איז עס געגאַנגען הויפּטזאַכלעך וועגן אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, און דערנאָך, נאָך דער פעווראַל-רעוואלוציע האָט זיך פריער פון אלץ געהאַנדלט וועגן ארויסגיין פון דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע דורכן אראָפּוואַרפן די בורזשואזיע, איז איצט, נאָך דעם ווי עס איז ליקווידירט געווארן דער בירגער-קריג און עס האָט זיך פארפעסטיקט די ראַטנמאַכט,—זיינען אַפן ערשטן פּלאַן ארויסגעטראָטן די פראגן פון ווירטשאַפטלעכער בויאונג. פארשטאַרקן און אנטוויקלען די נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע; צוזאַמענבינדן צוליב דעם די אינדוסטריע מיט דער פויערשער ווירטשאַפט דורכן האַנדל, וועלכער ווערט רעגולירט פון דער מלוכע; פאַרבייטן די ברויט-פארצינזונג („ראַזוויאָרסטקע") דורכן נערשטייער, קעדיי דערנאָך, ביסלעכווייז פארקלענערנדיק די גרויס פונם שטייער, ברענגען אן אויסטויש פון די פאַבריקאַטן פון דער אינדוסטריע אף די פּראָדוקטן פון דער פויערשער ווירטשאַפט; אויפלעבן דעם האנדל און אנטוויקלען די קאָאָפעראַציע, ארייננציענדיק אין איר מיליאָנען פונם

פויערטום—אָט ווי לענין האָט געמאָלט די אָרדנטלעכע אויפגאַבן פון ווירטשאַפטלעכער בויאונג אפן וועג צום אויפבויען דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

מע זאָגט, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע קאָן זיך אַרויסווייזן פאַר אַזעל-כע, וואָס איז ניט לויט די קויכעס פאַר אַזאַ פויעריש לאַנד, ווי רוס-לאַנד. אייניקע סקעפּטיקער ריידן אַפילע וועגן דעם, אַז זי איז פּאַשעט אוטאָפּיש, ניט אויספירבאַר, ווייל פויערטום בלייבט פויערטום, עס באַ-שטייט פון קליינע פּראָדוצירער און עס קאָן דעריבער ניט אויסגענוצט ווערן צום אָרגאַניזירן דעם פונדאַמענט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָ-דוקציע.

אבער די סקעפּטיקער זיינען זיך טועה, ווייל זיי באַרעכענען ניט אייניקע אומשטענדן, וועלכע האָבן אין דעם געגעבענעם פאַל אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. לאָמיר באַטראַכטן די וויכטיקסטע צווישן זיי.

ע ר ש ט נ ס. מע טאָר ניט צוזאַמענמישן דאָס פויערטום פונם ראַטנפאַרבאַנד מיטן פויערטום פון מאַירעוו. דאָס פויערטום, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ שול פון דריי רעוואָלוציעס, וואָס האָט געקעמפט קעגן צאַר און קעגן דער בורזשואזער מאַכט צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט און מיטן פּראָלעטאַריאַט אַן שפּיץ, דאָס פויערטום, וואָס האָט באַקומען ערד און שאָלעם פון די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און וואָס איז אַדאַנק דעם געוואָרן דער רעזערוו פונם פּראָלעטאַריאַט— אָט דאָס פויערטום קאָן ניט ניט אונטערשיידן זיך פון דעם פויערטום, וואָס האָט אין דער צייט פון דער בורזשואזער רעוואָלוציע געקעמפט מיט דער ליבעראַלער בורזשואזיע אַן שפּיץ, וואָס האָט באַקומען ערד פון די הענט פון דער דאָזיקער בורזשואזיע און וואָס איז אַדאַנק דעם געוואָרן דער רעזערוו פון דער בורזשואזיע. אַסער אויב מע דאַרף נאָך דערווייזן, אַז דאָס סאָוועטישע פויערטום, וואָס איז געוואוינט צו שעצן די פּאָ-ליטישע פריינטשאַפט און פּאָליטישע מיטאַרבעט מיטן פּראָלעטאַריאַט און וואָס האָט זיין פרייהייט צו פאַרדאַנקען אָט דער פריינטשאַפט און אָט דער מיטאַרבעט,—קאָן ניט ניט זיין קיין אויסשליסלעך גינסטיקער מאַ-טעריאַל פאַר דער עקאָנאָמישער צוזאַמענאַרבעט מיטן פּראָלעטאַריאַט.

ענגעלס האָט געזאָגט, אַז „די דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געוואָרן אַ זאַך פון דער נאָענטער צוקונפט", אַז „קעדיי זי צו דעראָבערן, דאַרף די פּאַרטיי לע-כאַטכילע גיין פון שטאָט אין דאָרף אריין און ווערן שטאַרק אין דאָרף" (ז. ענגעלסעס „פויערים-פראַגע"). ער האָט וועגן דעם געשריבן אין די

90-קער יאָרן פונם פאַרגאַנגענעם יארהונדערט, האָבנדיק אין זינען דאָס מאירעוודיקע פויערטום. צי דארף מען דען דערווייזן, אז די רוסישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין דער הינזיכט דורכגעמאַכט א קאָלאָסאַלע אַרבעט אין מעשעך פון דריי רעוואָלוציעס, האָבן שוין באַוויזן צו באַשאַפן זיך אין דאָרף אזא ווירקונג און אזא שטיצפונקט, וועגן וועלכע עס דערוועגן זיך אפילע ניט צו טרוימען אונזערע מאירעוודיקע כאוויירים? ווי קאָן מען אָפלייקענען, אז דערדאָזיקער אומשטאַנד קאָן ניט פארלייכטערן אין גרונט די ארבעט פון איינאָרדענען די עקאָנאָמישע מיטאַרבעט צווישן דעם ארבעטערקלאַס און דעם פויערטום פון רוסלאנד?

די סקעפּטיקער טאַינען וועגן די קליינע פויערים, ווי וועגן אַ פאקטאָר, וועלכן מע קאָן ניט צונויפפּארן מיט סאָציאַליסטישער בויאונג. הערט אבער, וואָס ענגעלס זאָגט וועגן די קליינע פויערים פונם מאירעוו:

„מיר שטייען קאַטעגאָריש אַף דער זייט פונם קליינעם פויער; מיר וועלן טאָן אלץ, וואָס נאָר מעגלעך, קעדיי אים זאָל זיך לעבן דערטרעגלעכער, קעדיי צו פארלייכטערן פאַר אים דעם איבערגאנג צו אַ קאָלעקטיוו אין פאַל, אויב ער וועט זיך דערויף באַשליסן. אין דעם פאַל ווידער, אויב ער איז נאָך ניט אימשטאַנד אנצונעמען דעם באַשלוס, וועלן מיר זיך באַמיען צו געבן אים ווי ווייט מעגלעך מער צייט אַף צו טראכטן וועגן דעם אַף זיין שטיקל ערד. מיר וועלן אזוי טאָן ניט בלויז דערפאַר, וואָס מיר האלטן פאר מעגלעך דעם אריבערגאנג אַף אונזער זייט פונם זעלבשטענדיק ארבעטנדיקן קליינעם פויער, נאָר אויך ארויסגייענדיק פון די אומיטלבאַרע פאַרטיי-אינטערעסן. וואָס גרעסער עס וועט זיין די צאָל פויערים, וועלכע מיר וועלן לאָזן זיך אַראָפּלאָזן ביזן צושטאַנד פון פּראָלעטאַריער און וועלכע מיר וועלן צוציען אַף אונזער זייט נאָך ווי פויערים, אלץ גיכער און לייכטער וועט פּאָרקומען די געזעלשאַפטלעכע איבערבוואנדערשונג. עס וואָלט אומנוצלעך געווען צו ווארטן מיט דערדאָזיקער איבערבויאונג ביז יענער צייט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע וועט זיך אומעטום אנטוויקלען ביז אירע עקסטע קאנסעקווענצן, ווען אויך דער לעצטער קליינער האנטווערקער און דער לעצטער קליינער פויער וועלן פאלן ווי קארבאָנעס פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. די מאטעריעלע קארבאנעס, וועלכע עס וועט אויסקומען אין דעם זינען צו ברענגען פון די געזעלשאַפטלעכע מיטלען צוליב די אינטערעסן פון די פויערים, קאָנען פון שטאנדפּונקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקאנאמיק מאַכן אַן איינדרוק פון ארויסגעוואָרפן געלט,—און דאָך איז עס אן אויסגעצייכנטער באנוץ

פונם קאַפּיטאַל, ווייל זיי וועלן עפשער פּארהיטן אַ צען מאָל גרעסערע סומע באַ די הויצאָעס אַף דער געזעלשאפטלעכער איבערבויאונג איג־גאנצן גענומען, אין דעם זינען קאָנען מיר אלזאָ זיין זייער פּאזראניש בענויגייע די פּויערים" (ז. אין זעלביקן ווערק).

אזוי האָט געזאָגט ענגעלס, האָבנדיק אין אכט דאָס מאירעווודיקע פּויערטום. איז דען אָבער ניט קלאָר, אז דאָס, וואָס ענגעלס האָט געזאָגט, קאָן איגערגעץ ניט פּארווירקלעכט ווערן אזוי לייכט און פול, ווי אינם לאַנד פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט? איז דען ניט קלאָר, אַז נאָר אין ראַטן-רוסלאַנד קאָנען דורכגעפירט ווערן אין לעבן שוין איצט און אין דער פולער מאָס סאַי דער „אריבערגאַנג אף אונזער זייט פונם זעלבשטענדיק ארבעטנדיקן קליינעם פּויער", סאַי די נויטיקע דערצו „פּאזראנעס בענויגייע די פּויערים", אז דידאָזיקע און ענלעכע מיטלען לעטויוועס די פּויערים ווערן שוין דורכגעפירט אין רוסלאַנד? ווי קאָן מען אפלייקענען, אז אָט דער אומשטאנד דארף, פון זיין זייט, פּאר־לייכטערן און א רוק טאָן פאָרויס די זאַך פון דערווירטשאפטלעכער בויאונג פונם ראַטן-לאַנד?

צוויי טנס. מע טאָר ניט צונויפמישן די לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד מיט דער לאַנדווירטשאַפט פון מאירעוו. דאָרט גייט די אנט־וויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט לויט דער געוויינלעכער ליניע פון קאַפּיטאַליזם, אין אַן אומגעבונג פון טיפער דיפערענצירונג פונם פּוי־ערטום, מיט גרויסע גיטער און פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע לאַטיפונדיעס (גרויסע ערדגיטער) אף איין פּאָליוס און פּאופּעריזם (דאַלעס), ארימ־קייט און לוין-שקלאַפעריי—אַפן צווייטן. דארט איז דעריבער די צעפּא־לונג און צעפּוילונג גאנץ נאַטירלעך. ניט דאָס איז אין רוסלאַנד. באַ אונז קאָן די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט ניט גיין אף דעם וועג שוין דערפאר אפילע, וואָס די אנוועזנהייט פון דער ראַטנמאַכט און נאציאָנאליזאציע פון די איקערדיקע געצייג און מיטלען פון דער פּראָ־דוקציע דערלאָזן ניט אַזאַ אנטוויקלונג. אין רוסלאנד מוז די אנטוויק־לונג פון דער לאַנדווירטשאַפט גיין אַף אַן אנדער וועג, אפן וועג פון קאָאָפּערירן די מיליאָנען פון קליינעם און מיטעלן פּויערטום, אפן וועג פון אנטוויקלען אין דאָרף אַ מאַסן-קאָאָפּעראַציע, וועלכע ווערט גע־שטיצט דורך דער מלוכע אף אן אויפן פון האנאָכעס און קרעדיטן. לענין האָט ריכטיק אנגעוויזן אין זיינע ארטיקלען וועגן קאָאָפּעראַציע, אז די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט דארף בא אונז גיין אף אַ נייעם וועג, אפן וועג פון ארייַנציען די מערהייט פּויערטום אין דער סאָציאַ־ליסטישער בויאונג דורך דער קאָאָפּעראַציע, אפן וועג פונם ביסלעכווייזן

אריינדרינגען פון די יעסוידעס פון קאלעקטיוויזם אין דער לאנדווירט-שאַפט, פון אנהויב אין געביט פון אפזאַץ, דערנאָך—אין געביט פון דער פראָדוקציע פון פראָדוקטן פון לאַנדווירטשאַפט.

העכסט אינטערעסאנט זיינען אין דער הינזיכט אייניקע נייע דער-שיינונגען אין דאָרף אין צוזאמענהאנג מיט דער אַרבעט פון דער לאַנד-ווירטשאַפטלעכער קאָאָפעראַציע. עס איז באקאנט, אז אינעווייניק אינם „לאנדווירטשאפטלעכן קאָאָפעראטיוון פארבאַנד״ זיינען אנטשטאנען נייע גרויסע ארגאַניזאַציעס לויט די צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט,—לויט ליין, קאַרטאָפל, פוטער א. אז. וו., וועלכע האָבן אַ גרויסע צוקונפט. פון צווישן זיי פארייניקט, לעמאָשל, דער „ליין-צענטער״ אַ גאנצע נעץ פון פראָדוקציאָנעלע געזעלשאַפטן פון פויערים ליין-פלאנצער. דער ליין-צענטער פארנעמט זיך דערמיט, וואָס ער באַזארגט די פויערים מיט זאָ-מען און פראָדוצירגעצייג, דערנאָך קויפט ער באַ דיזעלביקע פויערים צונויף די גאנצע פראָדוקציע פון ליין, פארקויפט זי אין אַ מאַסן-מאַס-שטאַב אַפן מאַרק, גאראנטירט די פויערים זייער אנטייל אין די רעוואָ-כים, און פארבינדט אזוי ארום די פויערשע ווירטשאַפט דורכן לאַנד-ווירטשאַפטלעכן פארבאַנד מיט דער מלוכישער אינדוסטריע. ווי זאָל מען אנרופן אַזאַ פארם פון אָרגאַניזאַציע פון דער פראָדוקציע? דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ היימישע סיסטעם פון אַ גרויסער מלוכיש-סאָציא-ליסטישער פראָדוקציע אינם געביט פון לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז איי-נער פון די פילע אנצייגער אַף דעם, אַף וואָס פאַר אַ וועג עס וועט מוזן באַ אונז גיין די אנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. איך רייד שוין דאָ ניט וועגן אנדערע אנצייגער פונם זעלביקן מין אין אנדערע געביטן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

איך מיין, עס איז איבעריק צו דערווייזן, אז די גוואַלטיקע מער-הייט פונם פויערטום וועט זיך גערן שטעלן אַף דעם נייעם אנטוויק-לונגס-וועג, אָפוואַרפנדיק פון זיך דעם וועג פון פריוואַט-קאַפּיטאַליס-טישע לאַטיפונדיעס און לוין-שקלאַפעריי, דעם וועג פון דאַלעס און רואינירונג.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן די אנטוויקלונגס-וועגן פון אונ-זער לאַנדווירטשאַפט:

„די מאַכט פון דער מלוכע איבער אַלע גרויסע פראָדוציר-מיטלען, די מאַכט פון דער מלוכע אין די הענט פונם פראָלעטאַריאַט, דער בונד צווישן דעם פראָלעטאַריאַט מיט די פיל מיליאָנען קליינע און קלענסטע פויערים, דאָס באַווארענען די אנפירונג פון דעם פראָלעטאַריאַט בענוי-גייע דעם פויערטום א. אז. וו.—איז דאָס דען ניט אַלץ, וואָס עס איז

נויטיק דערצו, אַז די קאָאָפּעראַציע, וועלכע מיר האָבן פריער טרעטירט, ווי אַ הענדלערישע, און וועלכע מיר האָבן, אין אַ געוויסן פּראַט, דאָס רעכט צו טרעטירן אויך איצט אין דער צייט פון נעפּ, איז דען דאָס ניט אַלץ, וואָס עס איז נויטיק אַף אויפצובויען אַ פולע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? דאָס איז נאָך ניט די בויאונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער דאָס איז אַלץ, וואָס עס איז נויטיק און גענוג פאַר דערדאָזיקער בוי-ארבעט" (ז. „וועגן קאָאָפּעראַציע").

ריידנדיק ווייטער וועגן דער נויטיקייט פון פינאַנציעלער און אַנדערער שטיצע פאַר דער קאָאָפּעראַציע, אלס „נייעם פּרינציפּ פון אָרגאַניזירן די באַפעלקערונג" און נייע „געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג" באַ דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, זאָגט לענין ווייטער:

„יעדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אַנטשטייט בלויז באַ דער פינאַנציעלער שטיצע מיצאַד אַ באַשטימטן קלאַס. עס איז איבעריק צו דערמאָנען די הונדערטער און הונדערטער מיליאָנען רובל, וועלכע עס האָט געקאָסט די געבורט פונם „פרייען" קאַפּיטאַליזם. איצט דאַרפן מיר באַנעמען און פאַרוואַנדלען אין טאַט, אַז די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועלכע מיר דאַרפן שטיצן מער ווי געוויינלעך באַ היינטיקן טאָג—דאָס איז די קאָאָפּעראַטיווע אָרדענונג. אָבער אונטערשטיצן זי דאַרף מען נאָר אינם ווירקלעכן זין פון דעם וואָרט—ד. ה. דידאָזיקע שטיצע איז ניט גענוג פאַרשטיין אַזוי, אַז מע דאַרף שטיצן יעטווידן קאָאָפּעראַטיוון אומזאַץ; שטיצע דאַרף מען פאַרשטיין, ווי די שטיצע פון אַזאַ קאָאָפּעראַטיוון אומזאַץ, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך ווירקלעך די ווירקלעכע מאַסן פון דער באַפעלקערונג" (ז. דאָסזעלביקע ווערק).

וואָס זאָגן אָט די אַלע אומשטענדן?

זיי זאָגן, אַז די סקעפּטיקער זיינען ניט גערעכט.

זיי זאָגן, אַז גערעכט איז דער לעניניזם, וועלכער באַטראַכט די אַרבעטנדיקע מאַסן פונם פויערטום, ווי אַ רעזערוו פונם פּראָלעטאַריאַט.

זיי זאָגן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער שטייט באַ דער מאַכט, קאָן און דאַרף אויסנוצן דעם רעזערוו, כדי צוזאַמענצושליסן די אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט, אויפהויבן די סאָציאַליסטישע בויאונג און אונטערפירן אונטער דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דעם נויטיקן פונדאַמענט, וואָס אָן אים איז אומעגלעך דער אריבערגאַנג צו אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

.VI

די נאַציאָנאַלע פראַגע.

פון דער טעמע נעם איך צוויי הויפּט-פראַגן: א) די שטעלונג פון דער פראַגע, ב) די באַפרייאונגס-באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

1. די שטעלונג פון דער פראַגע. פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע אַריבערגעטראָגן אַ ריי ערנסטע ענדערונגען. די נאַציאָנאַלע פראַגע אינם פּעריאָד פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל און די נאַציאָנאַלע פראַגע אינם פּעריאָד פון לעניניזם איז קלאַל ניט איינע און דיזעלבע זאַך. זיי אונטערשיידן זיך טיף איינע פון דער צווייטער ניט בלויז לויטן פאַרנעם, נאָר אויך לויט זייער אינערלעכן כאַראַקטער.

פריער פלעגט די נאַציאָנאַלע פראַגע, געוויינלעך, איינגעשלאָסן ווערן אין אַן ענגן קרייז פראַגן, וועלכע זיינען דעריקער געווען נויגייע די „קולטורעלע“ נאַציאָנאַליטעטן. די אירלענדער, אונגאַרן, פּאָליאַקן, פינען, סערבן און אייניקע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פון אייראָפּע—אָט דאָס איז דער קרייז ניטפולבאַרעכטיקטע פעלקער, מיט וועמעס גורל עס האָבן זיך אינטערעסירט די העלדן פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל. צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער, וועלכע ליידן פון נאַציאָנאַלן דרוק אין דער גראָבסטער און אַכזאָריעסדיקסטער פאָרם, פלעגן געוויינטלעך בלייבן אויסער באַטראַכט. ווייסע און שוואַרצע, „קולטורעלע“ און „אומקולטורעלע“ האָט מען זיך ניט באַשלאָסן צו שטעלן אַף איין גראַד. צוויי-דריי פּוסטע און ראָסדיקע רעזאָלוציעס, וועלכע גייען זאָרגזאַם אַרום די פראַגע וועגן דער באַפרייאונג פון די קאָלאָניעס,—דאָס איז אַלץ, מיט וואָס עס האָבן זיך געקאָנט באַרימען די טוער פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל. איצט דאַרף מען שוין דידאָזיקע

צווייאיקייט און האַלבקייט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָלטן פאַר-
ליקווידירט. דער לעניניזם האָט אויפגעדעקט אָט די שרייענדיקע דיס-
האַרמאָניע, האָט צעשטערט די וואַנט צווישן די ווייסע און שוואַרצע,
צווישן די אייראָפּייער און אַזיאַטן, צווישן די „קולטורעלע" און „אומ-
קולטורעלע" שקלאַפן פון אימפּעריאַליזם, און האָט אזוי ארום צוזאמענגעבונדן
די נאציאָנאלע פראגע מיט דער קאָלאָניאלער. דערמיט אליין איז די נא-
ציאָנאלע פראגע פארוואנדלט געוואָרן פון א פריוואטער, אינערלעך-מלו-
כישער אין אן אלגעמיינע, אינטערנאציאָנאלע, אין א וועלט-פראגע וועגן
דער באפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון די אָפּהענגיקע
לענדער און פון די קאָלאָניעס פון אונטערן יאָך פון אימפּעריאליזם.

פריער פלעגט געוויינלעך דער פרינציפּ פון זעלבסטבאשטימונג
פון די נאציעס אויסגעטייטשט ווערן ניט ריכטיק, ניט זעלטן פארשמע-
לערט ביזן רעכט פון די פעלקער אף אווטאָנאָמיע. אייניקע לידערס פונם
2-טן אינטערנאציאָנאל זיינען אפילע דערגאנגען דערצו, אז זיי האָבן
דאָס רעכט אף זעלבסטבאשטימונג פארוואנדלט אין רעכט אף קולטורע-
לער אווטאָנאָמיע, ד. ה. אין א רעכט פון די אונטערדריקטע נאציעס צו
האָבן זייערע אייגענע קולטור-אנשטאלטן, איבערלאָזנדיק די גאנצע פּאָ-
ליטישע מאכט אין די הענט פון דער הערשנדיקער נאציע. דאָס האָט
געפירט דערצו, אז די אידייע פון זעלבסטבאשטימונג האָט ריזיקירט פון
א קאמפס-געצייג קעגן אנעקסיעס צו ווערן א געצייג אף בארעכטיקן
אנעקסיעס. איצט דארף מען שוין דעמדאָזיקן פּלאָנטער האלטן פאר א
בייגעקומענעם. דער לעניניזם האָט פארברייטערט דעם באגריף פון
זעלבסטבאשטימונג, אויסטייטשנדיק אים, ווי דאָס רעכט פון די אונטער-
דריקטע פעלקער פון די אָפּהענגיקע לענדער און פון די קאָלאָניעס זיך
אינגאנצן אָפּצוטיילן, ווי דאָס רעכט פון די נאציעס אף זעלבשטענדיקע
מלוכישע עקזיסטענץ. דערמיט גופע איז אויסגעשלאָסן געוואָרן די מעג-
לעכקייט צו בארעכטיקן די אנעקסיעס דורך דער אויסטייטשונג פונם
רעכט אף זעלבסטבאשטימונג, ווי א רעכט אף אווטאָנאָמיע. דער פּרינ-
ציפּ גופע פון זעלבסטבאשטימונג איז אזוי ארום פון א געצייג אף אָפּ-
צונארן די מאסן, וואָס דאָס איז ער, אן ספק, געווען אין די הענט
פון די סאָציאל-שאָוויניסטן אין דער צייט פון דער אימפּעריאליסטישער
מילכאָמע, פארוואנדלט געוואָרן אין א געצייג אף דעמאסקירן אלע און
אלערליי אימפּעריאליסטישע באגערן און שאָוויניסטישע מאכינאציעס,
אין א געצייג פון פּאָליטישער אויפקלערונג פון די מאסן אין גייסט פון
אינטערנאציאָנאליזם.

פריער פלעגט די פראגע וועגן די אונטערדריקטע נאציעס געוויינ-

לעך באטראכט ווערן, ווי א ריין רעכטלעכע פראגע, פייערלעכע פראָק-
לאמירונג פון „נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג", אנצאָליקע דעקלארא-
ציעס וועגן דער „גלייכהייט פון נאציעס"—אָט מיט וואָס עס פלעגן זיך
אָפּפּאטערן די פארטייען פון 2-טן אינטערנאציאָנאל, וועלכע פלעגן פא-
רייבן דעם פאקט, אז די „גלייכהייט פון נאציעס" באם אימפעריאליזם,
ווען איין גרופּע נאציעס (די מינדערהייט) לעבט פון עקספּלאָאַטירן אַ
צווייטע גרופּע נאַציעס,—איז מאיסע כויזעק איבער די אונטערדריקטע
פעלקער. איצט דארף מען אָט דעם בורזשואז-רעכטלעכן שטאנדפּונקט
אין דער נאציאָנאלער פראגע האלטן פאר א דעמאסקירטן. דער לעני-
ניזם האָט אראָפּגעצויגן די נאציאָנאלע פראגע פון די הויכן פון מליצע-
דיקע דעקלאראציעס אף דער ערד, דערקלערנדיק, אז דעקלאראציעס
וועגן דער „גלייכהייט פון נאַציעס", אויב זיי ווערן ניט באַקרעפּטיקט
מיצאַד די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען דורך אַ דירעקטן שטיצן דעם באַ-
פרייאונגס-קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער,—זיינען זיי פּוסטע און
פאַלשע דעקלאַראַציעס. דערמיט אַליין איז די פראַגע וועגן די אונטער-
דריקטע נאַציעס געוואָרן אַ פראַגע וועגן שטיצע, וועגן הילף, ווירקלע-
כער און באַשטענדיקער הילף די אונטערדריקטע נאַציעס אין זייער
קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם פאַר דער ווירקלעכער גלייכהייט פון נאַציעס,
פאַר זייער זעלבשטענדיקער מלוכישער עקזיסטענץ.

פריער פלעגט די נאַציאָנאַלע פראַגע באַטראַכט ווערן רעפאָרמיס-
טיש, ווי אַ באַזונדערע זעלבשטענדיקע פראַגע, אויסער יעדן צוזאַמענ-
האַנג מיט דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל,
וועגן אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן דער פּראָלעטאַרישער רע-
וואָלוציע. מע האָט שווייגעוודיק זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער זיג פונם
פּראָלעטאַריאַט אין אייראָפּע איז מעגלעך אָן אַ דירעקטער פאַרבינדונג
מיט דער באַפרייאונגס-באַוועגונג אין די קאָלאָניעס, אַז די לייזונג פון
דער נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלער פראַגע קאָן דורכגעפירט ווערן שטילערהייט,
„פון זיך אַליין", אָן אַ זייט פונם גרויסן שליאַך פון דער פּראָלעטאַרי-
שער רעוואָלוציע, אָן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם.
איצט דאַרף מען אָט דעם אַנטירעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט האַלטן
פאַר אַ דעמאַסקירטן. דער לעניניזם האָט דערוויזן, און די אימפּעריאַ-
ליסטישע מילכאָמע און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן באַשטעטיקט,
אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר אין צוזאַמענהאַנג און
אַפן באָדן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַז דער וועג פון ני-
צאָכן פון דער רעוואָלוציע אַפן מאַירעוו ליגט דורכן רעוואָלוציאָנערן
פאַרבאַנד מיט דער באפרייאונגס-באַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּ-

הענגיקע לענדער קעגן דעם אימפעריאַליזם. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע וועגן דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַ טייל פון דער פראַגע וועגן דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט.

די פראַגע שטייט אַזוי: צי זיינען שוין אויסגעשעפּט אַלע רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען פאַראַן אין שויס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונגס-באַוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער, אָדער ניט,—און אויב זיי זיינען ניט אויסגעשעפּט, צי איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַ גרונט אויסצונוצן דידאָזיקע מעגלעכקייטן פאַר דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרוואַנדלען די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע לענדער פון אַ רעזערוו פאַר דער אימפעריאַליסטישער בורזשואַזיע אין אַ רעזערוו פאַרן רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט, אין דעם לעצטנס אַ פאַרבינדעטן?

דער לעניניזם ענטפערט אַף דערדאָזיקער פראַגע פּאָזיטיוו, ד. ה. אין גייסט פון אנערקענען, אז אין שויס פון דער נאציאָנאלער באפרייאונגס-באוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער זיינען פאראן רעוואָלוציאָנערע מעגלעכקייטן, און אין גייסט פון אנערקענען די מעגלעכקייט זיי אויסצונוצן צוליב די אינטערעסן פון שטירצן דעם אלגעמיינעם סוינע, צוליב די אינטערעסן פון שטירצן דעם אימפעריאליזם. די מעכאניק פון דער אנטוויקלונג פונם אימפעריאליזם, די אימפעריאליסטישע מילכאָמע און די רעוואָלוציע אין רוסלאנד באשטעטיקן אינגאנצן די אויספירן פונם לעניניזם אין דער הינזיכט.

דערפון שטאמט די נויטווענדיקייט, אז דער פראָלעטאריאט זאָל אונטערשטיצן, אנטשלאָסן און אקטיוו אונטערשטיצן די נאציאָנאל-באפרייערישע באוועגונג פון די אונטערדריקטע און אָפּהענגיקע פעלקער.

דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיך, אז דער פראָלעטאריאט דארף אונטערשטיצן יעדע נאציאָנאלע באוועגונג, אומעטום און שטענדיק, אין אלע באזונדערע קאָנקרעטע פאלן. עס רעדט זיך וועגן שטיצן אזוינע נאציאָנאלע באוועגונגען, וועלכע זיינען געווענדט אף אָפּצושוואכן, אראָפּווארפן דעם אימפעריאליזם, און ניט אף אים צו פארפעסטיקן און פארהיטן. עס טרעפן פאלן, ווען די נאציאָנאלע באוועגונגען פון איינצלנע אונטערדריקטע לענדער קומען אין צוזאמענשטויס מיט די אינטערעסן פון דער אנטוויקלונג פון דער פראָלעטארישער באוועגונג. זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין אזוינע פאלן קאָן אפילע קיין רייד ניט זיין וועגן אונטערשטיצונג. די פראגע וועגן די רעכט פון דער נאציע איז ניט קיין איזאָלירטע, אינגאנצן זעלבשטענדיקע פראגע, נאָר א טייל פון דער אלגעמיינער פראגע וועגן דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע,

און דערדאָזיקער טייל איז אונטערגעוואָרפן אונטער דעם גאַנצן און פּאָ-דערט באַטראַכט צו ווערן פון שטאַנדפּונקט פון אָט דעם גאַנצן. אין די 40-קער יאָרן פונם פאָרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז מאַרקס געווען פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די פּאָליאַקן און אונגאַרן, און קעגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די טשעכן און דאָרעם-סלאַוון. פאַר-וואָס? דערפאַר, ווייל די טשעכן און דאָרעם-סלאַוון זיינען דעמאָלט גע-ווען „רעאַקציאָנערע פעלקער", „רוסישע פאָרפּאָסטנס" אין אייראָפּע, פאָרפּאָסטנס פונם אַבסאָלוטיזם, אין דער צייט ווען די פּאָליאַקן און אונגאַרן זיינען געווען „רעוואָלוציאָנערע פעלקער", וואָס האָבן געקעמפט קעגן דעם אַבסאָלוטיזם, דערפאַר, ווייל שטיצן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די טשעכן און דאָרעם-סלאַוון וואָלט דעמאָלט געהייסן אומדירעקט אונטערשטיצן דעם צאַריזם, דעם געפערלעכסטן סוינע פון דער רעוואָ-לוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע.

„איינצלנע פאָדערונגען פון דער דעמאָקראַטיע,—זאָגט לענין,—צווישן זיי אויך די זעלבסטבאַשטימונג, זיינען ניט קיין אַבסאָלוט, נאָר אַ טיילעכל פון דער אַלגעמיין-דעמאָקראַטישער (איצט אַלגעמיין-סאָציאַ-ליסטישער) אַלוועלטלעכער באַוועגונג. מעגלעך, אַז אין איינצלנע קאָנ-קרעטע פאַלן זאָל דער טייל ווידערשפּרעכן דעם גאַנצן, דעמאָלט דאַרף מען אים אָפּוואַרפן" (זע „סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע", 19 באַנד פון לענינס ווערק).

אַזוי באַשטייט די זאַך מיט דער פראַגע וועגן איינצלנע נאַציאָ-נאַלע באַוועגונגען, וועגן דעם מעגלעכן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דידאָזיקע באַוועגונגען, אויב, פאַרשטייט זיך, מע שאַצט זיי אָפּ ניט פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט, ניט פון שטאַנדפּונקט פון אַבסטראַקטע רעכט, נאָר קאָנקרעט, פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון דער רעוואָלו-ציאָנערער באַוועגונג.

דאָסזעלביקע דאַרף מען זאָגן אויך וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביכלאַל. די בליסאָפּעקדיקע רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער גוואַלטיקער מערהייט נאַציאָנאַלע באַ-וועגונגען איז פּונקט אַזוי פאַרהעלטניסמעסיק און אייגנאַרטיק, ווי פאַר-העלטניסמעסיק און אייגנאַרטיק עס איז די מעגלעכע רעאַקציאָנעריש-קייט פון אייניקע באַזונדערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער רעוואָלו-ציאָנערער כאַראַקטער פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין דער אומגע-בונג פון אימפּעריאַליסטישער אונטערדריקונג מיינט ניט פּאָרויס, אַז אין דער באַוועגונג מוזן זיך דאַפקע אַנטהאַלטן פּראָלעטאַרישע עלעמענטן,

אז עס מוז עקזיסטירן א רעוואָלוציאָנערע אָדער רעפּובליקאַנישע פּראָגראם פון דער באַוועגונג, אַז די באַוועגונג מוז האָבן א דעמאָקראַטישן יעסאָד. דער קאַמף פונם אַפגאַנישן עמיר פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון אַפגאַניסטאַן איז אָביעקטיוו אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אַפן מאָנאַרכיסטישן אַרט דענקען פונם עמיר און פון זיינע קאָמפּער, ווייל ער שוואַכט אָפּ, לייגט פאַנאַנדער, צעעסט דעם קאַפּיטאַליזם, בעשאַס דער קאַמף פון אַזוינע „פאַרביסענע" דעמאָקראַטן און „סאָציאַליסטן", ווי, לאָמיר זאָגן, קערענסקי און צערעטעלי, רענאָדעל און שיידעמאַן, טשערנאָוו און דאַן, הענדערסאָן און קלאַינס, אין דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, איז געווען אַ רעאַקציאָנערער קאַמף, ווייל זיין רעזולטאַט איז געווען די באַפּוצונג, די פאַרפעסטיקונג, דער ניצאָכן פונם אימפּעריאַליזם. דער קאַמף פון די עגיפּטישע סאָכרים און אינטעליגענטן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון עגיפּטן איז צוליב דיזעלביקע סיבעס אַן אָביעקטיוו רעוואָלוציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אַף דער בורזשואַזער אָפּשטאַמונג און בורזשואַזן טיטל פון די לידערס פון דער עגיפּטישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען קעגן סאָציאַליזם. בעשאַס דער קאַמף פון דער ענגלישער ארבעטער-רעגירונג פאַר פאַרהיטן די אָפּהענגיקע לאַגע פון עגיפּטן איז צוליב דיזעלביקע סיבעס א רעאַקציאָנערער קאַמף, ניט געקוקט אַף דער פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג און פּראָלעטאַרישן טיטל פון די מיטגלידער פון דערדאָזיקער רעגירונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זיינען „פאַרן" סאָציאַליזם. איך רייד שוין ניט וועגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון אַנדערע, גרעסערע קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער, ווי אינדיע און כינע, וואָס יעדער טריט זייערער אַפן וועג צו זייער באַפרייאונג, ווען אַפילע ער איז אויוועך אַף די פאָדערונגען פון דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, איז ער אַ קלאַפּ פון א דאַמף-האַמער איבערן אימפּעריאַליזם, ד. ה. א טריט, אָן סאָפעק, אַ רעוואָלוציאָנערער.

לענין איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די אונטערדריקטע לענדער דאַרף מען אָפּשאַצן ניט פונם שטאַנדפּונקט פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, נאָר פונם שטאַנדפּונקט פון פאַקטישע רעזולטאַטן אין דעם אלגעמיינעם באלאנס פון קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם, ד. ה. „ניט איזאָלירט, נאָר אינם אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב" (ז. אין זעלביקן אָרט).

2. די באַפרייאונגס-באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

באַם לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע גייט דער לעניניזם אַרויס פון פאָלגנ־דיקע האַנאָכעס:

א) די וועלט איז צעטיילט אַף צוויי לאַגערן, אַף אַ לאַגער פון אַ הייפל ציוויליזירטע נאַציעס, וועלכע פאַרמאָגן פינאַנץ־קאַפּיטאַל און עקספּלאָאַטירן די גוואַלטיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג אַפן ערד־קיילעך, און אַ לאַגער אונטערדריקטע און עקספּלאָאַטירטע פעלקער פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, וועלכע בילדן דידאָזיקע מערהייט;

ב) די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער, וועלכע ווערן אונטער־דריקט און עקספּלאָאַטירט דורכן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, בילדן דעם גרעסטן רעזערוו און דעם סאַמע ערנסטן קוואַל פון קויכעס פאַרן אימפּעריאַליזם;

ג) דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער פון די אָפּהענגיקע און קאָלאָניאַלע לענדער קעגן דעם אימפּעריאַליזם איז דער איינציקער וועג פאַר זייער באַפרייאונג פון אונטערדריקונג און עקספּלאָאַטאַציע;

ד) די וויכטיקסטע קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער זיינען שוין ארויף אַפן וועג פון נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג, וועלכער קאָן ניט ברענגען צום קריזיס פונם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם;

ה) די אינטערעסן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין די אַנטוויקלטע לענדער און פון דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג אין די קאָלאָניעס פאָדערן, אַז דיביידע מינים רעוואָלוציאָנערע באַווע־גונג זאָלן פאַרייניקט ווערן אין איין אַלגעמיינעם פראָנט קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע, קעגן דעם אימפּעריאַליזם;

ו) דער ניצחון פונם ארבעטער־קלאַס אין די אַנטוויקלטע לענדער און די באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון אונטערן יאָך פונם אימפּעריאַליזם איז אומעגלעך אָן דער אויסבילדונג און פאַרפעסטי־קונג פון אַן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט;

ז) די אויסבילדונג פון אַן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט איז אומעגלעך אָן דער דירעקטער און אַנטשלאָסענער אונטערשטיצונג פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקנדיקע נאַציעס קעגן דעם „פאָ־טערלענדישן" אימפּעריאַליזם, ווייל „עס קאָן ניט פריי זיין אַ פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעלקער" (מאַרקס);

ח) דידאָזיקע אונטערשטיצונג באַטייט—זיך איינשטעלן, פאַרטיידיקן, דורכפירן אין לעבן דעם לאָזונג—רעכט פון נאַציעס אַף אָפּטיילן זיך, אַף אַ זעלבשטענדיקע מלוכישע עקזיסטענץ;

ט) אן דער דורכפירונג פון דעמדאזיקן לאזונג איז אומעגלעך איינשטעלן ווי געהעריק די פארייניקונג און מיטאַרבעט פון די נאציעס אין דער איינהייטלעכער פאלקס-ווירטשאפט, וועלכע בילדעט די מאטע-ריעלע באזע פאַרן ניצאכן פונם סאציאַליזם;

י) דידאזיקע פאריייניקונג קאָן זיין נאר א פרייוויליקע, וואס זאל אַנטשטיין אַפן גרונט פון קעגנזייטיקן צוטרוי און ברידערלעכע קעגנזיי-טיקע פאַרהעלטענישן פון די פעלקער.

דערפון שטאַמען צווי זייטן, צוויי טענדענצן אין דער נאַציאָנאַ-לער פראַגע: אַ טענדענץ צו פאָליטישער באפרייאונג פון די אימפעריאַ-ליסטישע קייטן און צו דער אויסבילדונג פון א זעלבשטענדיקער נאַ-ציאָנאַלער מלוכע, א טענדענץ, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַפן גרונט פון דער אימפעריאַליסטישער אונטערדריקונג און פון דער קאָלאָניאַלער עקספלאַאטאַציע,—און אַ טענדענץ צו ווירטשאפטלעכער דערנעענטערונג פון די נאציעס, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאנג מיט דער אויסבילדונג פונם וועלט-מארק און פון דער וועלט-ווירטשאפט.

„דער זיך אַנטוויקלענדיקער קאַפיטאַליזם,—זאָגט לענין,—ווייסט פון צוויי היסטאָרישע טענדעצן אין דער נאציאנאלער פראגע. די ערשטע—דאָס איז די דערוואַכונג פון נאַציאָנאַלן לעבן און פון נאַציאָנאַלע באַ-וועגונגען, דער קאַמף קעגן יעטווידער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, די באַשאַפונג פון נאציאָנאלע מלוכעס. די צווייטע—דאָס איז די אַנטווי-קלונג און פאראָפטערונג פון אלערליי באציאונגען צווישן די נאציעס, דאָס צעברעכן די נאַציאָנאלע מעכיצעס, דאָס באשאפן אַ אינטערנאציאָ-נאלע איינהייטלעכקייט פון קאפיטאל, פון עקאָנאָמישן לעבן ביכלאל, פון דער פאָליטיק, וויסנשאפט א. אז. וו.ביידע טענדענצן זיינען אַן אל-וועלטלעכער געזעץ פונם קאַפיטאליזם. די ערשטע דאָמינירט אין אָנ-הויב פון זיין אנטוויקלונג, די צווייטע כאראקטעריזירט דעם רייפן קא-פיטאליזם, וועלכער גייט פארוואנדלט ווערן אין דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט" (זע „קריטישע באמערקונגען", 19 באנד פון לענינס ווערק).

פארן אימפעריאליזם זיינען דידאָזיקע צוויי טענדענצן ניט אויסגלייכ-בארע סטירעס, ווייל דער אימפעריאליזם קאָן ניט לעבן אָן עקספלאָ-אטירן און איבערגוואלטיקן איינהאלטן די קאָלאָניעס אין די ראמען פון אן „איינהייטלעכן גאנצן", ווייל דער אימפעריאליזם קאָן דערנעענטערן די נאציעס נאָר דורך אנעקסיעס און קאָלאָניאלע גזיילעס, וואָס אָן דעם איז ער, ביכלאל גערעדט, ניט דענקבאר.

פאַרן קאָמוניזם, פאַרקערט, זיינען דידאָזיקע טענדענצן בלויז צוויי זייטן פון איין זאַך,—פון דער זאַך פון באַפרייען די אונטערדריקטע פון

אונטערן יאָך פון אימפעריאַליזם, ווייל דער קאָמוניזם ווייסט, אז די פא-
רייניקונג פון די פעלקער אין אן איינהייטלעכער וועלט-ווירטשאַפט איז
מעגלעך בלויז אַף די יעסוידעס פון קעגנזייטיקן צוטרוי און פרייוויליקן
אויסגלייך, אַז דער וועג פאר דער אויסבילדונג פון א פרייוויליקער
פעלקער-פאַרייניקונג גייט דורך אפּטיילן די קאָלאָניעס פונם „איינהייט-
לעכן" אימפעריאַליסטישן „גאנצן", דורך זייער פאַרוואנדלונג אין זעלב-
שטענדיקע מלוכעס.

דערפון נעמט זיך די נויטווענדיקייט פון אַן אַקשאָנעסדיקן, אומ-
אויפהערלעכן, אנטשלאָסענעם קאמף מיטן גרויסמאכטישן שאָוויניזם פון
די „סאָציאַליסטן" פון די הערשנדיקע נאציעס (ענגלאַנד, פראַנקרייך,
אמעריקע, איטאַליע, יאַפּאָניע א. אנד.), וואָס ווילן ניט קעמפן מיט זיי-
ערע אימפעריאַליסטישע רעגירונגען, ווילן ניט אונטערהאַלטן דעם קאמף
פון די אונטערדריקטע פעלקער פון „זייערע" קאָלאָניעס פאַר דער באַ-
פרייאונג פון דער אונטערדריקונג, פאַר דער מלוכישער אָפּטיילונג.

אן אַזאַ קאַמף איז אומדענקבאַר די דערציאונג פונם אַרבעטער-
קלאַס פון די הערשנדיקע נאַציעס אין גייסט פון ווירקלעכן אינטערנאַ-
ציאָנאַליזם, אין גייסט פון דערנעענטערונג מיט די ארבעטנדיקע מאַסן
פון די אָפּהענגיקע לענדער און קאָלאָניעס, אין גייסט פון ווירקלעכער
צוגרייטונג פון דער פראָלעטאַרישער רעוואלוציע. די רעוואלוציע אין
רוסלאַנד וואָלט ניט געזיגט, און קאָלטשאַק מיט דעניקינען וואלטן ניט צע-
קלאפּט געווארן, ווען דער רוסישער פראָלעטאַריאַט זאָל ניט געווען
האָבן קיין מיטגעפיל און אונטערשטיצונג מיצאַד די אונטערדריקטע פעל-
קער פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפעריע. קעדיי אבער צו דע-
ראָבערן דעם מיטגעפיל און אונטערשטיצונג פון דידאָזיקע פעלקער, האָט
ער פריער פאַר אַלץ געמוזט צעקלאפּן די קייטן פונם רוסישן אימפּערי-
אַליזם און באַפרייען דידאָזיקע פעלקער פון נאַציאָנאַלער אונטערדרי-
קונג. אן דעם וואלט אומעגלעך געווען צו פאַרפעסטיקן די ראַטנמאַכט,
איינפירן אַ ווירקלעכן אינטערנאַציאָנאַליזם און באַשאַפן די מערקווירדי-
קע ארגאַניזאַציע פון מיטארבעט פון פעלקער, וועלכע רופט זיך „פאר-
באַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן" און וועלכע איז א
לעבעדיק פארבילד פון דער צוקונפטיקער פעלקער-פאַרייניקונג אין איין
איינהייטלעכער אלוועלטלעכער ווירטשאַפט.

דערפון שטאַמט די נויטווענדיקייט צו פירן אַ קאַמף קעגן דער
נאציאָנאַלער איינגעשלאסנקייט, שמאָלקייט, אפּגעזונדערטקייט פון די
סאָציאַליסטן פון די אונטערדריקטע לענדער, וועלכע ווילן זיך ניט
שטעלן העכער פון זייער נאציאָנאַלן קלייזל און פארשטייען ניט דעם

צוזאַמענבונד צווישן דער באַפרייאונגס-באַוועגונג פון זייער לאַנד מיט דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פון די הערשנדיקע לענדער.

אָן אַזאַ קאַמף איז אומדענקבאר אויסצופירן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק פונם פּראָלעטאַריאַט פון די אונטערדריקטע נאַציעס און זיין קלאַסן-סאָלידאַריטעט מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די הערשנדיקע לענדער אין קאַמף פאַרן אראפּוואַרפן דעם אלגעמיינעם טוינע, אין קאַמף פאַרן אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם,—אָן אַזאַ קאַמף וואָלט דער אינטערנאַציאָנאַליזם געווען אומעגלעך.

אט דאָס איז דער וועג אַף צו דערציען די ארבעטנדיקע מאַסן פון די הערשנדיקע און אונטערדריקטע נאַציעס אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן דערדאָזיקער צווייזייטיקער אַרבעט פונם קאָמוניזם אף צו דערציען די ארבעטער אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

„צי קאָן דידאָזיקע דערציאונג זיין קאָנקרעט איינע און דיזעלביקע בא גרויסע און אונטערדריקנדיקע נאַציעס און בא נאַציעס קליינינקע, אינטערדריקטע, בא נאַציעס אנעקטירנדיקע און בא נאַציעס אנעקטירטע?

„ס'איז קלאָר, אַז ניט. דער וועג צו איין ציל: צו דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג, צו דער ענגסטער דערנעענטערונג און ווייטערדיקער צונויפגיסונג פון אַלע נאַציעס גייט דאָ, ווי ס'איז קלאָר, מיט צוויי קאָנקרעטע שליאַכן,—אַלץ איינס, ווי דער וועג, לאָמיר זאָגן, צו א פונקט, וועלכער געפינט זיך אין מיטן פון א געוויס זייטל, גייט פון לינקס פון איין קאנט זיינעם, און פון רעכטס — פונקט פונם פאַרקערטן קאנט. אויב א סאָציאַליסט פון אַ גרויסער, עקספּלאָאַטירנדיקער, אנעקטירנדיקער נאַציע, זייענדיק ביכלאל אן אָנהענגער פון דער צונויפגיסונג פון נאציעס, זאָל כאָטש אף איין מינוט פארגעסן, אז „זיין" ניקאָלאַי II, „זיין" ווילהעלם II, געאָרג, פּואַנקאַרע א. אז. וו. זיינען אויך פאַר „צונויפגיסונג" מיט די קליינע נאַציעס (דורך אנעקסיעס)- ניקאָלאַי II—פאר „צונויפגיסונג" מיט גאַליציע, ווילהעלם II—פאר „צונויפגיסונג" מיט בעלגיע א. א. וו.- וועט זיך אזא סאָציאַליסט ארויסווייזן פאַר א לעכערלעכן דאקטרינער אין דער טעאָריע, פאַר א מיטהעלפער פון אימפעריאַליזם אין דער פּראַקטיק.

„דער שווערפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציאונג פון די אַרבעטער אין די אונטערדריקנדיקע לענדער דאַרף אומבאַדינגט באַשטיין אין פרייַדיקן און פאַרטיידיקן די פרייהייט פון איינצלנע אונ-

טערדריקטע לענדער. אָן דעם איז ניטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַליזם. מיר האָבן דאָס רעכט און זיינען מעכויעוו צו טרעטירן יעדן סאָציאַליסט פון אַ אונטערדריקנדיקער נאַציע, וועלכער פירט ניט אזאַ פראָפּאַגאַנדע, ווי אַ אימפּעריאַליסט און מעגוואַל. דאָס איז אַן אומבאַדינגטע פאָדערונג, ווען אפילו דער פאַל פון אָפּטיילן זיך וואָלט מעגלעך און אויספירבאַר זיין ביזן סאָציאַליזם בלויז אין איין פאַל פון טויזנט.

„פאַרקערט, א סאָציאַליסט פון א קליינער נאַציע דאַרף דעם שווערפּונקט פון זיין אגיטאַציע לייגן אפן צווייטן וואָרט פון אונזער אַל-געמיינער פאָרמול: „פרייוויליקע פאַראייניקונג" פון די נאַציעס. ניט אוי-ווער זייענדיק אף זיינע פליכטן, אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט, קאָן ער ניט זיין סאַי פאַר דער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט פון זיין נאַציע, סאַי פאַר דעם, אַז זי זאָל איינגעשלאָסן ווערן אין דער שכניישער מלוכע X, Y, Z א. אנד. אבער אין אלע פאַלן דאַרף ער קעמפן קעגן דער קליינלעך-נאציאָנאַלער שמאָלקייט, איינגעשלאָסנקייט, אפּגעזונדערט-קייט, פאַרן דיסקאָנט פונם גאַנצן און אַלגעמיינעם, פאַר אונטערוואַרפן די אינטערעסן פונם פראט אונטער די אינטערעסן פונם קלאַל".

„מענטשן, וועלכע האָבן זיך ניט אריינגעטראַכט אין דער פראַגע, האַלטן פאַר אַ „סטירע", וואָס סאָציאַליסטן פון אונטערדריקנדיקע נאַצ-יעס פאַרטיידיקן די „פרייהייט פון אָפּטיילן זיך", און סאָציאַליסטן פון אונטערדריקטע נאציעס פאַרטיידיקן די „פרייהייט פון פאַראייניקן זיך". אָבער א קליינער ישעווהאדאאס באַווייזט, אַז קיין אנדער וועג צום אינ-טערנאַציאָנאַליזם און צו דער צונויפגיסונג פון די נאַציעס, קיין אַנדער וועג צו דעם ציל פון דער געגעבענער לאַגע איז ניטאָ און קאָן ניט זיין" (ז. „סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע", 19-טער באַנד פון לענינס ווערק).

.VII

סטראַטעגיע און טאַקטיק.

פון דער טעמע נעם איך זעקס פראַגן: א) סטראַטעגיע און טאַקטיק, אַלס וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן קלאַסנקאַמף פון פראָלעטאַריאַט; ב) עטאַפּן פון רעוואָלוציע און סטראַטעגיע; ג) צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער באַוועגונג און סטראַטעגיע; ד) סטראַטעגישע אָנפירונג; ה) טאַקטישע אָנפירונג; ו) רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָניזם.

1. **סטראַטעגיע און טאַקטיק, אַלס וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן קלאַסנקאַמף פון פראָלעטאַריאַט.** דער פעריאָד פון דער הערשאַפט פונם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל איז געווען אַ פעריאָד הויפּטזאַכלעך פון אויספאָרמירן און אונטעריכטן די פראָלעטאַרישע אַרמייען אין דער אומגעבונג פון א מער אָדער ווייניקער פרידלעכער אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען אַ פעריאָד פון פּאַרלאַמענטאַריזם, ווי די דאָמינירנדיקע פאָרם פון קלאַסנקאַמף. די פראַגן וועגן גרויסע קלאַסן-צוזאַמענשטויסן, וועגן דער צוגרייטונג פונם פראָלעטאַריאַט צו רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען, וועגן די וועגן אַף צו דעראָבערן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט זיינען דעמאָלט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, ניט געשטאַנען אַפן טאָג-סיידער. די אויפגאַבע האָט מען רעזומירט דערין, אַז עס זאָלן אויסגענוצט ווערן אַלע וועגן פון לעגאַלער אַנטוויקלונג צוליב דער פאָרמירונג און קנעלונג מיט די פראָלעטאַרישע ארמייען, אויסנוצן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען, בא וועלכע דער פראָלעטאַריאַט פלעגט בלייבן, און, ווי עס האָט זיך געדאַכט, האָט געדארפט פאַרבלייבן אין דער לאַגע פון אַן אָפּאָזיציע. אָסער אויב מע דאַרף דערוויזן, אַז אין אַזא פעריאָד און בא אַזא פאַרשטייען די אויפגאַבן פונם פראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט זיין ניט קיין אויסגעהאַלטענע סטראַטעגיע, ניט קיין פאַנאַנדערגעאַרבעטע טאַקטיק. עס זיינען געווען ברעקלעך, איינצלנע געדאַנקען

וועגן טאַקטיק און סטראַטעגיע, אָבער קיין טאַקטיק און סטראַטעגיע איז ניט געווען.

די גרויסע זינד פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט ניט דערין, וואָס ער האָט אין זיין צייט דורכגעפירט די טאַקטיק פון אויסנוצן די פּאַרלאַמענטישע פאָרמען פון קאַמף, נאָר דערין, וואָס ער האָט איבערגעשאַצט די באַדייטונג פון דידאָזיקע פאָרמען, האַלטנדיק זיי שיר ניט פאַר די איינציקע, און ווען עס איז געקומען דער פּעריאָד פון אָפענע רעוואָלוציאָנערע געראַנגלען, און די פראַגע וועגן די אויסערפּאַרלאַמענטישע פאָרמען פון קאַמף איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער ערשטער ריי, האָבן זיך די פּאַרטייען פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל אָפּגעקערט פון די נייע אויפגאַבן, האָבן דידאָזיקע אויפגאַבן ניט אָנגענומען.

ערשט אין פאָלגנדיקן פּעריאָד, אינם פּעריאָד פון אָפענע אַרויסטרעטונגען פונם פּראָלעטאַריאַט, אינם פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווען די פראַגע וועגן אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע איז געוואָרן א פראַגע פון דירעקטער פּראַקטיק, ווען די פראַגע וועגן די רעזערוון פונם פּראָלעטאַריאַט (סטראַטעגיע) איז געוואָרן איינע פון די צאַפּלדיקסטע פראַגן, ווען אַלע פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע—סאַי די פּאַרלאַמענטישע, סאַי די אויסערפּאַרלאַמענטישע (טאַקטיק)—זיינען קלאָר געוואָרן מיט דער פולער באַשטימטקייט,—ערשט אין דעם פּעריאָד האָבן געקאָנט אויסגעאַרבעט ווערן אַן אויסגעהאַלטענע סטראַטעגיע און אַ פאַנאַנדערגעאַרבעטע טאַקטיק פאַרן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט. די געניאַלע געדאַנקען פון מאַרקסן און ענגעלסן וועגן טאַקטיק און סטראַטעגיע, וועלכע זיינען פאַרמויערט געוואָרן דורך די אָפּאָרטוניסטן פונם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, האָט לענין ארויסגעשלעפּט אַף גאָטס וועלט גראָד אין דעמדאָזיקן פּעריאָד. לענין האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיטן צוריקאויפשטעלן די באַזונדערע טאַקטישע האַנאָכעס פון מאַרקסן און ענגעלסן. ער האָט זיי אַנטוויקלט ווייטער און דערגאַנצט מיט נייע געדאַנקען און האַנאָכעס, פאַרייניקנדיק דאָס אַלץ אין איין סיסטעם קלאָלים און אָנפירנדיקע פּרינציפּן אַף אָנצופירן מיטן קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט. אַזוינע בראָשורן לענינס, ווי „וואָס זאָל מען טאָן?", „צוויי טאַקטיקעס", „אימפּעריאַליזם", „מלוכע און רעוואָלוציע", „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע", „די קינדערשע קרענק", וועלן אָן סאָפעק אַריין ווי די ווערטפולסטע איינלאָגן אינם אַלגעמיינעם אויצער פון מאַרקסיזם, אין זיין רעוואָלוציאָנערן ארסענאַל. די סטראַטעגיע און טאַקטיק פונם לעניניזם—דאָס איז אַ וויסנשאַפט וועגן דער אָנפירונג מיטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט.

2. עטאַפּן פון רעוואָלוציע און סטראַטעגיע. סטראַ־טעגיע הייסט—באַשטימען די ריכטונג פונם הויפּט־קלאַפּ פונם פּראָלעטאַ־ריאַט אַפן גרונט פונם געגעבענעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, אויס־אַרבעטן דעם געהעריקן פּלאַן פון דער דיספּאָזיציע (פאַנאַנדערשטעלונג) פון די רעוואָלוציאָנערע קויכעס (די הויפּטלעכע און צווייטראַנגיקע רע־זערוון), דער קאַמף פאַר דער דורכפירונג פון דעמדאָזיקן פּלאַן אַפן גאַנצן דויער פונם געגעבענעם עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע.

אונזער רעוואָלוציע האָט שוין איבערגעלעבט צוויי עטאַפּן און איז נאָך דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש אַריינגעטראַטן אינם דריטן עטאַפּ. צוגעפּאַסט דערצו האָט זיך געביטן אויך די סטראַטעגיע.

ע ר ש ט ע ר ע ט א פּ. 1903 יאָר—פעווראַל 1917 יאָר. דער ציל—אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, ליקווידירן אינגאַנצן די רעשטן פון מיטל־אַלטער. די גרונט־קראַפט פון דער רעוואָלוציע—דער פּראָלעטאַריאַט. דער נאָענטסטער רעזערוו—דאָס פּויערטום. די ריכטונג פונם הויפּט־קלאַפּ: איזאָלירן די ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישע בורזשואַזיע, וועלכע שטאַרעט זיך צו באַהערשן דאָס פּויערטום און ליקווידירן די רעוואָלוציע דורך אַן אָ פּ מ אַ ך מיטן צאַריזם. דער פּלאַן פון דער דיספּאָזיציע פון די קויכעס: פאַרבאַנד פונם אַרבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום. „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן ביזן סאָף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, פאַריי־ניקנדיק צו זיך די מאַסע פּויערטום, קעדיי דורך קראַפט צו דערשטיקן דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטהערשונג און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע״ (זע „צוויי טאַקטיקעס״).

צ ו ו ײ ט ע ר ע ט א פּ. מאַרט 1917 יאָר—אָקטיאַבער 1917 יאָר. דער ציל—אַראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם אין רוסלאַנד און אַרויסגיין פונם אימפּעריאַליסטישן קריג. די גרונט־קראַפט פון דער רעוואָלוציע—דער פּראָלעטאַריאַט. דער נאָענטסטער רעזערוו—דאָס אָרימסטע פּויער־טום. דער פּראָלעטאַריאַט פון די שכייניש לענדער, אַלס וואַרשיינלע־כער רעזערוו. די פאַרצויגענע מילכאָמע און דער קריזיס פון אימפּערי־אַליזם—אַלס גינסטיקער מאָמענט. די ריכטונג פונם גרונט־קלאַפּ: איזאָ־לירן די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטיע (די מענשעוויקעס, עסערן), וועלכע באַמיט זיך צו באַהערשן די אַרבעטנדיקע מאַסן פונם פּויערטום און ענדיקן די רעוואָלוציע דורך אַן א ו י ס ג ל ײ ך מיטן אימפּעריאַליזם. דער פּלאַן פון דער דיספּאָזיציע פון די קויכעס: פאַרבאַנד פונם פּראָלע־טאַריאַט מיטן אָרימסטן פּויערטום. „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכמאַכן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, פאַראייניקנדיק צו זיך די מאַסן האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דאָרף, קעדיי דורך קראַפט צו צעברעכן

דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פּאַראַליזירן די ניטשטאַנד-האַפטיקייט פונם פויערטום און פון דער קליין-בורזשואַזיע" (זע אין זעלביקן ווערק).

דריטער עטאַפּ. אָנגעהויבן האָט ער זיך נאָך דער אָקטיאַבער-איבערקערעניש. דער ציל—פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד, אויסניצנדיק זי, ווי אַ שטיצפּונקט אַף אַראָפּצוּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם אין אַלע לענדער. די רעוואָלוציע גייט אַריבער די ראַמען פון איין לאַנד, עס האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דער וועלט-רעוואָלוציע. די גרונט-קויכעס פון דער רעוואָלוציע: די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער. די הויפּט-רעזערוון: די האַלב-פּראָלעטאַרישע און קליינפּויערשע מאַסן אין די אַנטוויקלטע לענדער, די באַפרייאונג-באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער. די ריכטונג פונם גרונט-קלאַפּ: איזאָלירן די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטיע, איזאָלירן די פּאַרטייען פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע בילדן די גרונט-שטיצע פאַר דער פּאָליטיק פון אויסגלייך מיטן אימפּעריאַליזם. דער פּלאַן פון דער דיספּאָזיציע פון די קויכעס: פאַרבאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע מיט דער באפרייאונגס-באַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער.

די סטראַטעגיע האָט צו טאָן מיט די גרונט-קויכעס פון דער רעוואָלוציע און מיט אירע רעזערוון. זי בייט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן איבערגאַנג פון דער רעוואָלוציע פון איין עטאַפּ צום אַנדערן, פאַרבלייבנדיק אין גרונט אומגעענדערט פאַרן גאַנצן פעריאָד פונם געגעבענעם עטאַפּ.

3. די צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער באַוועגונג און די טאַקטיק. טאַקטיק הייסט—באַשטימען די אויפירונגס-ליניע פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצן פעריאָד פון צופלוס אָדער אָפּפלוס פון דער באַוועגונג, אויפשטייג אָדער יערידע פון דער רעוואָלוציע. דער קאַמף פאַר דורכפירן דידאָזיקע ליניע דורך פאַרבייטן די אַלטע פאָרם פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע אַף נייע, פון פאַרבייטן די אַלטע לאָזונגען אַף נייע, דורך צונויפפּאָרן דידאָזיקע פאָרמען א. אַז. וו. אויב די סטראַטעגיע האָט דעם צוועק אויסצושפּילן די מילכאָמע, לאָמיר זאָגן, מיטן צאַריזם אָדער מיט דער בורזשואַזיע, דערפירן ביזן סאָף דעם קאַמף מיטן צאַריזם אָדער מיט דער בורזשואַזיע,—שטעלט זיך די טאַקטיק ווייניקער וועזנטלעכע צילן, ווייל זי שטרעבט ניט צו געווינען די מילכאָמע אינגאַנצן גענומען, נאָר די אָדער יענע

געפעכטן, די אָדער יענע שלאַכטן, מיט ערפאָלג דורכפירן די אָדער יענע קאמפּאניעס, די אָדער יענע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זיינען צוגע־פּאַסט צו דער קאָנקרעטער סיטואציע אינם פּעריאָד פונם געגעבענעם אויפשטייג אָדער אראָפּפאַל פון דער רעוואָלוציע. טאַקטיק איז אַ טייל פון סטראַטעגיע, וואָס איז אונטער איר אונטערגעוואָרפן, וואָס באדינט זי.

די טאַקטיק בייט זיך אָפּהענגיק פון די צופלוסן און אָפּפלוסן. אין דער צייט, ווען דער סטראַטעגישער פּלאַן אינם פּעריאָד פונם ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע (1903—פעברואַר 1917) איז געבליבן אָן ענדערונגען, האָט זיך די טאַקטיק פאַר דער צייט געביטן עטלעכע מאָל. אינם פּעריאָד פון 1903—1905 יאָרן איז די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי געווען אַן אָנגרייפערישע, ווייל דאָס איז געווען די צופלוס־צייט פון דער רעוואָלוציע, די באַוועגונג איז געגאַנגען בארגארוף, און די טאַקטיק האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון דעם פאַקט. אין העסקעם דער־מיט זיינען אויך די פאָרמען פון קאַמף געווען רעוואָלוציאָנערע, וואָס אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פונם צופלוס פון דער רעוואָלוציע. אָרטיקע פּאָליטישע שטרייקן, פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, אַלגעמיינער פּאָליטי־שער שטרייק, באָיקאָט פון דער דומע, אויפשטאַנד, רעוואָלוציאָנערע שלאַכטלאָזונגען,—דאָס זיינען איינע נאָך דער אַנדערער די קאַמפּס־פאָרמען פאַר דעמדאָזיקן פּעריאָד. אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאַמפּס־פאָרמען האָבן זיך דאַן אומגעענדערט אויך די פאָרמען פון אָרגאַניזאציע. פאַב־ריק־זאַוואָדישע קאָמיטעטן, פּויערשע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, שטרייק־קאָמיטעטן, ראַטן פון ארבעטער־דעפּוטאַטן, אַ מער אָדער ווייניקער אָפענע אַרבעטער־פּאַרטיי,—אָט דאָס זיינען די פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פאַר דעמדאָזיקן פּעריאָד.

אינם פּעריאָד פון די יאָרן 1907—1912 איז די פּאַרטיי געצוואונגען געווען אַריבערצוגיין צו דער טאַקטיק פון צוריקטריט, ווייל מיר האָבן דאַן געהאַט אַ יערידע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אן אָפּפלוס פון דער רעוואָלוציע, און די טאַקטיק האָט זיך ניט געקאָנט ניט רעכענען מיט דעם פאַקט. צוגעפּאַסט דערצו האָבן זיך געענדערט אויך די פאָרמען פון קאַמף, פונקט ווי די פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע. אָנשטאָט דעם באָיקאָט פון דער דומע—דער אנטייל אין דער דומע, אָנ־שטאָט אָפענע אויסערדומישע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען—ארויס־טרעטונגען אין דער דומע און אַרבעט אין דער דומע, אָנשטאָט אלגע־מיינע פּאָליטישע שטרייקן—טיילווייזע עקאָנאָמישע שטרייקן, אָדער פּאַ־שעטער שטילשטאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַרטיי האָט פאַר דעמדאָ־זיקן פּעריאָד געמוזט אַוועק אין דער אונטערערד, די מאַסאווע רעוואָ־

לוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס ווידער זיינען פארביטן געוואָרן אף קולטורעל-אויפקלערערישע, קאָאָפּעראַטיווע, פאַרזיכערונגס-אָרגאַניזאציעס און אַנדערע לעגאַלע אָרגאַניזאציעס.

דאָסזעלביקע דאַרף מען זאָגן אויך וועגן דעם צווייטן און דריטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, וואָס אין פאַרלויף פון זיי האָט זיך די טאַקטיק געביטן צענדליקער מאל. אין דער צייט ווען די סטראטעגישע פּלענער זיינען געבליבן אומגעענדערט.

די טאַקטיק האט צו טאן מיט פארמען פון קאמף און פון ארגאניזאציע פונם פּראָלעטאריאט, מיט זייער בייטן זיך, זייער צונויפּפּארונג. אַפן גרונט פונם געגעבענעם עטאפּ פון דער רעוואלוציע קאן זיך די טאַקטיק בייטן עטלעכע מאָל, אפּהענגיק פון די צופלוסן און אפּפלוסן, פונם אויפשטייג און יערידע פון דער רעוואָלוציע.

4. ס ט ר א ט ע ג י ש ע אָ נ פ י ר ו נ ג. רעזערוון פון דער רעוואלוציע קאָנען זיין:

ד י ר ע ק ט ע: א) דאס פויערטום און ביכלאל די איבערגאנג-שיכטן פונם אייגענעם לאנד, ב) דער פּראלעטאַריאט פון די שכיינישע לענדער, ג) די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין די קאלאניעס און אפּהענגיקע לענדער, ד) די דעראבערונגען און דערגרייכונגען פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט,—וואָס פון א טייל פון זיי קאָן זיך דער פּראָלעטאַריאַט צייטווייליק אָפּזאָגן, איבערלאָזנדיק פאַר זיך דעם איבערוואָג פון קויכעס, קעדיי אונטערצוקויפן דעם שטאַרקן קעגנער און באַקומען אַ מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם,—און

א ו מ ד י ר ע ק ט ע: א) די קעגנזאַצן און קאָנפליקטן צווישן די ניטפּראָלעטאַרישע קלאַסן פונם אייגענעם לאנד, וואָס קאָנען אויסגענוצט ווערן דורכן פּראָלעטאריאט אף אָפּצושוואַכן דעם קעגנער, אף צו פארשטאַרקן די אייגענע רעזערוון, ב) קעגנזאַצן, קאָנפליקטן און מילכאָמעס (לעמאָשל, די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע) צווישן די בורזשואַזע מלוכעס, וועלכע זיינען פיינטלעך צו דער פּראָלעטאַרישער מלוכע, וואָס קאָנען אויסגענוצט ווערן דורכן פּראָלעטאריאט בעשאס זיין אָנגריף אָדער בעשאסן מאנעווירן אין פאל פון א געצוואונגענעם צוריקטריט.

וועגן די רעזערוון פון ערשטן מין לוינט ניט קיין סאך צו ריידן, ווייל זייער באדייטונג איז פאַרשטענדלעך פאַר אלעמען און פאר יעדן. וואָס איז שאיעך די רעזערוון פון צווייטן מין, וואָס זייער באדייטונג איז ניט שטענדיק קלאר, דארף מען זאָגן, אַז זיי האָבן אָפטמאָל אַן ערשטראנגיקע באַדייטונג פארן גאנג פון דער רעוואָלוציע. עס איז שווער אָפּצולייקענען די גוואַלטיקע באדייטונג, לעמאשל, פון דעם קאנ-

פליקט צווישן דער קליינבירגערלעכער דעמאָקראַטיע (די עסערן) און דער ליבעראַל-מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע (די קאַדעטן) בעשאַס דער ערשטער רעוואָלוציע און נאָך איר, וואָס האָט אָן סאָפעק געשפּילט אַזאַ ראָליע אין דער זאַך פון ארויסבאַפרייען דאָס פּויערטום פון אונטער דער ווירקונג פון דער בורזשואַזיע. נאָך וויכטיקער גרונטן איז פאַראַן אפצולייקענען די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פונם פאַקט פון דער מילכאָמע אַף טויט צווישן די גרונט-גרופּן פון די אימפּעריאַליסטן אינם פּעריאָד פון דער אָקטיאבער-איבערקערעניש, ווען די אימפּעריאַליסטן, פאַרנומענע מיט מילכאָמע צווישן זיך, האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קאָנ-צענטרירן די קויכעס קעגן דער יונגער ראַטנמאַכט, און דער פּראָלעטאַ-ריאַט האָט גראָד דעריבער באַקומען די מעגלעכקייט צו נעמען זיך די-רעקט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון זיינע קויכעס, פאַר דער פאַרפעסטי-קונג פון זיין מאַכט, און צוגרייטן די פאַרניכטונג פון קאָלטשאַקן און דעניקינען. מע דאַרף רעכענען, אז איצט, ווען די סטירעס צווישן די אימפּעריאַליסטישע גרופּן ווערן אלץ טיפער און ווען אַ נייע מילכאָמע צווישן זיי ווערט אומפאַרמיידלעך, וועלן רעזערוון פון אַזאַ מין האָבן פאַרן פּראָלעטאַריאַט אלץ אַ מער ערנסטע באַדייטונג.

די אויפגאַבע פון דער סטראַטעגישער אנפירונג באַשטייט דערין, ז מע זאָל ריכטיק אויסנוצן די אַלע רעזערוון אַף צו דערגרייכן דעם גרונט-ציל פון דער רעוואָלוציע אפן געגעבענעם עטאַפּ פון איר אַנ-טוויקלונג.

אין וואָס באַשטייט דאָס ריכטיקע אויסנוצן די רעזערוון?

דערין, אַז עס זאָלן אויסגעפירט ווערן אייניקע נויטיקע באַדינ-גונגען, וואָס פאַר די צענטראַלע פון זיי דאַרף מען רעכענען אָט וועלכע:

ע ר ש ט נ ס. קאָנצענטרירן די הויפּט-קויכעס פון דער רעוואָלוציע אינם באַשליסנדיקן מאָמענט אפן פּילבארסטן פונקט פאַרן קעגנער דע-מאָלט, ווען די רעוואָלוציע איז שוין רייף געוואָרן, ווען דער אנגריף גייט מיטן גאַנצן אימפּעט, ווען דער אויפשטאַנד קלאַפּט שוין אין טיר און ווען דאָס צוציען די רעזערוון צום אוואַנגאַרד איז אַ באַשליסנדי-קער באַדינג פאַרן ערפאָלג. פאַר אַ ביישפּיל, וואָס דעמאָנסטרירט אַזאַ אַרט באַנוצן די רעזערוון, קאָן מען רעכענען די סטראַטעגיע פון דער פּאַרטיי פאַרן פּעריאָד אפּריל—אקטיאבער פון 1917 יאָר. עס איז אויס-סער צווייפל, אַז דער שוואַכסטער פונקט באַם קעגנער איז אין דעם פּעריאָד געווען די מילכאָמע. עס איז אויסער צווייפל, אז גראָד אַף דערדאָזיקער פראַגע, ווי אַף דער גרונט-פראַגע, האָט די פּאַרטיי צוזא-

מענגעקליבן ארום דעם פּראָלעטאַרישן אוואַנגאַרד די ברייטסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. די סטראַטעגיע פון דער פּאַרטיי האָט זיך אין דעם פעריאָד רעזומירט דערין, וואָס בעשאַס זי האָט מיטן אוואַנגאַרד בעקנעלט דורך גאַסן-מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס, ווי אַזוי צו מאַכן גאַסן-ארויסטרעטונגען, האָט זי גלייכצייטיק אונטערגעצויגן די רעזערוון צום אוואַנגאַרד דורך די ראַטן אין הינטערלאַנד („טיל") און דורך די סאָלדאַטישע קאָמיטעטן אפן פראָנט. דער אויסגאַנג פון דער רע-וואָלוציע האָט באַוויזן, אַז דער אויסנוץ פון די רעזערוון איז געווען אַ ריכטיקער.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן דעמדאָזיקן באַדינג פון סטראַ-טעגישן אויסנוצן די קויכעס פון דער רעוואָלוציע, איבערפראַזירנדיק די באַוואוסטע האנאָכעס פון מארקסן און ענגעלסן וועגן אויפשטאַנד:

„קיינמאָל טאָר מען זיך ניט שפּילן מיט קיין אויפשטאַנד, נאָר אַז מע הויבט אים אָן, דאַרף מען פעסט וויסן, אַז מע דאַרף גיין ביזן סאָף. מע מוז צונויפקלייבן אַ גרויסן איבערוואָג פון קויכעס אין באַ-שליסנדיקן אָרט אינם באַשליסנדיקן מאָמענט, ווייל אַנדערש וועט דער סוינע, וועלכער פאַרמאָגט אַ בעסערע צוגרייטונג און אָרגאַניזאַציע, פאַר-ניכטן די אויפשטענדלער. איז שוין דער אויפשטאַנד אנגעהויבן, דאַרף מען האנדלען מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט און דורכויס, אומבאַ-דינגט אריבערגיין אין אנגריף". „פּאַרטיידיקונג איז אַ טויט פאַר אַ באַ-וואָפנטן אויפשטאַנד". „מע דאַרף זיך באַמיען פארכאַפּן דעם סוינע אומ-געריכט, כאַפּן דעם מאָמענט, קאָלזמאַן זיין כאַאיל איז נאָך צעוואָרפן. מע דאַרף זיך דערשלאָגן יעדן טאָג כאָטש קלייניקע ערפאָלגן (מע קאָן זאָגן, יעדע שאָ, אויב עס רעדט זיך וועגן איין שטאָט), אונטערהאלטנ-דיק אום יעדן פרייז דעם „מאָראַלישן איבערוואָג" (ז. „אייצעס פון אַ זייטיקן").

צוויטנס. אויסקלייבן דעם מאָמענט פונם אַנטשיידנדיקן קלאַפּ, דעם מאָמענט פון אָנהויבן דעם אויפשטאַנד, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט דערויף, אַז דער קריזיס איז שוין דערגאַנגען ביזן העכסטן פונקט, אַז די גרייטקייט פונם אוואַנגאַרד זיך צו שלאָגן ביזן סאָף, די גרייטקייט פון די רעזערוון אונטערצושטיצן דעם אוואַנגאַרד און די מאַקסימאַלע פאַרלאָרנקייט אין די רייען פונם קעגנער—זיינען שוין פאַקטיש פאַראַן.

„די באַשליסנדיקע שלאַכט",—זאָגט לענין,—קאָן מען רעכענען פאַר „פולקום רייף געוואָרן", אויב „אַלע פיינטלעכע צו אונז קלאַסן-קויכעס האָבן זיך שוין גענוג פארפּלאָנטערט, האָבן זיך גענוג אנגעריסן צווישן זיך, זיינען גענוג אָפּגעשוואַכט געוואָרן פונם קאַמף, וואָס איז

איבער זייערע קויכעס; א ו י ב אַלע שאָקלדיקע, וואַקלדיקע, ניט שטאַנדהאַפטיקע צווישן-עלעמענטן, ד. ה. די קליין-בורזשואַזיע, די קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטיע, האָבן זיך שוין, אין אונטערשייד פון דער בורזשואַזיע, אין אַ גענוגנדער מאָס דעמאסקירט פאַרן פאָלק, זיינען שוין גענוג צו שאנד געוואָרן דורך זייער פראַקטישן באַנקראָט; א ו י ב אינם פראָלעטאַריאַט האָט זיך אנגעהויבן און איז מעכטיק געוואָרן די מאַסן-שטימונג לעטויוועס די סאַמע אנטשלאָסענע, מעסיראסנעפעשדיק - דרייסטע רעוואָלוציאָנערע מאיסים קעגן דער בורזשואַזיע. אָט דעמאָלט איז די רעוואָלוציע רייף, אָט דעמאָלט איז אונזער ניצאָכן, אויב מיר האָבן ריכטיק באַרעכנט די אַלע אויבן אנגעמערקטע... באַדינגונגען און ריכטיק אויסגעקליבן דעם מאָמענט—גאראַנטירט". (ז. „די קינדערשע קראַנקהייט").

פאַר אַ מוסטער פון אַזאַ סטראַטעגיע קאָן מען רעכענען די דורכפירונג פונם אקטיאבער-אויפשטאַנד.

דאָס אויוועך זיין אַף דעמדאָזיקן באַדינג פירט צו אַ געפערלעכן פעלער, וועלכער הייסט „פאַרלירן דעם טעמפּ", ווען די פּאַרטיי שטייט אָפּ פונם גאַנג פון דער באַוועגונג אָדער פאַרלויפט ווייט פאַרויס, שאַפנדיק די סאַקאָנע פון אַ דורכפאַל. פאַר אַ ביישפיל פון אַזאַ „פאַרלירן דעם טעמפּ", פאַר אַ ביישפיל דערפון, ווי אזוי מע דאַרף נ י ט אויסקלייבן דעם מאָמענט פון אויפשטאַנד, דאַרף מען רעכענען דעם פרואוו פון אַ טייל פון אונזערע כאַוויירים אנצוהויבן דעם אויפשטאַנד פונם ארעסט פון דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אין אַווגוסט 1917 יאָר, ווען אין די ראַטן האָט זיך נאָך געפילט אַ וואקלעניש, דער פראָנט איז נאָך געווען אַפן שיידוועג, און די רעזערוון זיינען נאָך ניט געווען אונטערגעצויגן צום אוואַנגאַרד.

ד ר י ט נ ס. דורכפירן אָן אָפּנויגונגען דעם שוין אנגענומענעם קורס דורך אלע און אלערליי שוועריקייטן און פאַרוויקלונגען אַפן וועג צום ציל, וואָס דאָס איז נויטיק, קעדיי דער אוואַנגאַרד זאָל ניט פארלירן פון אויג דעם גרונט-ציל פונם קאַמף, און די מאַסן זאָלן זיך ניט אראָפּשלאָגן פון וועג, גייענדיק צו דעם ציל און באַמיענדיק זיך צו קאַנצענטרירן זיך ארום דעם אוואַנגאַרד. דאָס אויוועך זיין אַף דעם באַדינג פירט צו אַ געפערלעכן פעלער, וועלכער איז גוט באַקאַנט די יאַמלייט אונטערן נאָמען פון „פאַרלירן דעם קורס". פאַר אַ ביישפיל פון אַזאַ אַרט „פאַרלירן דעם קורס" דאַרף מען רעכענען די פעלערהאפטע אויפירונג פון אונזער פאַרטיי גלייך נאָך דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג, ווען זי האָט אנגענומען דעם באַשלוס אנטייל צו נעמען אינם פארפאר-

לאַמענט. די פּאַרטיי האָט ווי געהאַט פאַרגעסן אין דעם מאָמענט, אַז דער פאַרפּאַרלאַמענט איז אַ פּרואוו פון דער בורזשואַזיע אריבערצופירן דאָס לאַנד פונם וועג פון ראַטן אפן וועג פון בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם, אז דער אנטייל פון דער פּאַרטיי אין אַזאַ אנשטאַלט קאָן פאַרפּלאָנטערן אַלע קאָרטן און אראָפּפירן פון וועג די אַרבעטער און פּויערים, וועלכע פירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אונטערן לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די ראַטן“. דערדאָזיקער פעלער איז פאַריכט געוואָרן דורכן אוועקגאַנג פון די באָלשעוויקעס פונם פּאָרפּארלאַמענט.

פ ע ר ט נ ס. מאנעווּרירן מיט די רעזערוון, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אַף אַ רעגולערן צוריקטריט, אויב דער סוינע איז שטאַרק, אויב דער צוריקטריט איז אומפארמיידלעך, אויב אנעמען די שלאכט, וואָס די קעגנער ווילן אנבינדן, לוינט אָפּן ניט, אויב דער צוריקטריט ווערט באַ דער געגעבענער קרעפטן-פארהעלטעניש דאָס איינציקע מיטל ארויסצופירן דעם אַוואַנגאַרד פון אונטערן קלאַפּ און פארהיטן פאַר אים די רעזערוון.

„די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען,—זאָגט לענין,—דארפן זיך נאָך דערלערנען. זיי האָבן זיך געלערנט אנגרייפן. איצט דאַרף מען פארשטיין, אז דידאָזיקע וויסנשאַפט דאַרף מען נאָך דערגאנצן מיט דער וויסנשאַפט, ווי אזוי ריכטיקער צוריקטרעטן. עס קומט אויס צו פארשטיין,—און דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס לערנט זיך פארשטיין אַף זיין אייגענער ביטערער דערפארונג,—אז מע קאָן ניט זיגן, אויב מע לערנט זיך ניט אויס, ווי אזוי ריכטיק אנגרייפן און ריכטיק צוריקטרעטן“ (ז. „די קינדערשע קראַנקהייט“).

דער ציל פון אַזאַ סטראַטעגיע איז צו געווינען די צייט, דעמאָראַליזירן דעם קעגנער און אנקלייבן קויכעס אַף אריבערצוגיין דערנאָך אין אנגריף.

פאַר אַ מוסטער פון אזא סטראטעגיע קאָן מען רעכענען דאָס שליסן דעם בריסקער שאָלעם, וועלכער האָט געגעבן דער פּאַרטיי די מעגלעכקייט צו געווינען צייט, אויסנוצן די צוזאמענשטויסן אינם לאַגער פונם אימפּעריאליזם, דעמאראליזירן די קויכעס פונם קעגנער, פארהיטן פאר זיך דאָס פּויערטום און אנקלייבן קויכעס אף צוצוגרייטן דעם אנגריף אף קאָלטשאַקן און דעניקינען.

„שליסנדיק דעם סעפּאראטן שאָלעם,—האָט דעמאלט געזאָגט לענין,—באפרייען מיר זיך ביזן סאמע מעגלעכסטן גראד פארן געגעבענעם מאָמענט פוןביידע קעמפנדיקע אימפּעריאליסטישע גרופּן, מיר ניצן אויס זייער קעגנזייטיקע סינע און מילכאָמע, וועלכע מאַכן פאַר זיי

שווער זיך צונויפצורעדן קעגן אונז, מיר ניצן אויס אַ געוויסן פּעריאָד פון פאנאנדערגעבונדענע הענט אף ווייטער צו פירן און פארפעסטיקן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע" („טעזיסן וועגן שאָלעם").

„איצט זעט שוין אפילע אַ נאר,—זאָגט לענין אין דריי יאָר ארום נאָכן בריסקער שאָלעם,—אז דער בריסקער שאָלעם איז געווען אַ הא-נאָכע, וועלכע האָט אונז פארשטארקט און האָט צעברעקלט די קויכעס פונם אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם" (ז. „נייע צייטן").

אָט דאָס זיינען די הויפּט-באַדינגונגען, וועלכע גאראנטירן די ריכטיקייט פון דער סטראַטעגישער אנפירונג.

5. די טאקטישע אנפירונג. די טאקטישע אָנפירונג איז אַ טייל פון דער סטראַטעגישער אנפירונג, וואָס איז אונטערגעווארפן אונטער אירע אויפגאבן און פאָדערונגען. די אויפגאבע פון דער טאק-טישער אנפירונג באשטייט דערין, אז מע זאָל באַהערשן אלע פארמען פון קאַמף און ארגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט און באווארענען זייער ריכטיקע אויסנוצונג אף צו דערשלאָגן זיך דעם מאקסימום רעזולטאטן בא דער געגעבענער קרעפטן-פארהעלטעניש, וועלכע איז נויטיק אַף צוצו-גרייטן דעם סטראַטעגישן ערפאָלג.

אין וואָס באַשטייט דאָס ריכטיקע אויסנוצן די פאָרמען פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט?

דערין, אז עס זאָלן אויסגעפילט ווערן אייניקע נויטיקע באַדינגונ-גען, וואָס די פּאַר איקערדיקע צווישן זיי דאַרף מען רעכענען די פאָלגנדיקע:

ערשטנס. ארויסרוקן אַפן ערשטן פּלאַן גראד די פאָרמען פון קאַמף און ארגאַניזאַציע, וועלכע זיינען מער פון אַלץ צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פונם געגעבענעם צופלוס אדער אפּפלוס פון דער באַוועגונג און זיינען דעריבער פעאיק צו פארלייכטערן און גאראַנטירן דעם צופיר פון די מאַסן צו די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, דעם צופיר פון מיליאָ-ניקע מאַסן צום פראָנט פון דער רעוואָלוציע, זייער פּאַרטיילונג אפן פראָנט פון דער רעוואלוציע.

עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם, אז דער אַוואַנגאַרד זאָל פאַר-שטיין די אומעגלעכקייט איינצוהיטן די אַלטע ארדענונגען און די אומ-פאַרמיידלעכקייט פון זייער שטירצונג. עס רעדט זיך וועגן דעם, אז די מאַסן, די מיליאָניקע מאַסן זאָלן פארשטיין אט די דאָזיקע אומפארמייד-לעכקייט און זאָלן אַרויסווייזן גרייטקייט אונטערצושטיצן דעם אוואַנגארד. באַנעמען אָבער קאָנען דאָס די מאַסן בלויז דורך אייגענער דער-פארונג. געבן די מיליאָניקע מאַסן די מעגלעכקייט צו דערקענען פון

זייער אייגענער דערפארונג די אומפארמיידלעכקייט פון אַראָפּוואַרפן די אַלטע מאַכט, ארויסרוקן אַזוינע אויפאנים פון קאַמף און אַזוינע פארמען פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָלן פאַרלייכטערן פאַר די מאַסן צו דערקענען פון דער דערפארונג די ריכטיקייט פון די רעוואלוציאָנערע לאָזונגען—אָט אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע.

דער אוואַנגאַרד וואלט זיך אפגעריסן פונם ארבעטער-קלאַס, און דער אַרבעטער-קלאס וואָלט פאַרלאָרן די פאַרבינדונגען מיט די מאַסן, ווען די פּאַרטיי וואָלט ניט באשלאָסן אין דער געהעריקער צייט אנטייל צו נעמען אין דער דומע, ווען זי וואָלט ניט באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן אירע קויכעס אַף דער ארבעט אין דומע און צו פאַנאַנדערוויקלען דעם קאַמף אַפן גרונט פון דערדאָזיקער ארבעט, קעדיי צו פארלייכטערן פאַר די מאַסן אַף זייער אייגענער דערפארונג צו דערקענען, אַז די דומע איז פאַר זיי אַן ארויסגעווארפענע זאַך, צו דערקענען די פאַלשקייט פון די קאַדעטישע צוזאָגן, די אומעגלעכקייט פון אַן אויסגלייך מיטן צאַריזם, די אומפארמיידלעכקייט פון א פארבאַנד צווישן דעם פויערטום מיטן ארבעטער-קלאַס. אָן דער דערפארונג פון די מאַסן אינם פעריאָד פון דער דומע וואלט דאָס דעמאסקירן די קאדעטן און די העגעמאָניע פונם פראָלעטאַריאַט געווען אומעגלעך.

די סאַקאָנע פון דער „טאַקטיק פון אפרופן" („אָטזאָוויזם"*) איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געשאַפן די געפאר, אז דער אַוואַנגאַרד זאָל זיך אפרייסן פון זיינע מיליאָניקע רעזערוון.

די פּאַרטיי וואָלט זיך אָפּגעריסן פונם אַרבעטער-קלאַס, און דער אַרבעטער-קלאַס וואָלט פאַרלאָרן זיין ווירקונג אין די ברייטע מאסן פון פויערים און סאָלדאַטן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט גיין אפן וועג פון די לינקע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גערופן צו אַן אויפשטאַנד אין אַפּריל 1917 יאָר, בעשאס די מענשעוויקעס און עסערן האָבן נאָך ניט באוויזן אויפצודעקן זייער פארצעף, אַלס אנהענגער פון מילכאָמע און מיליטאַריזם, ווען די מאַסן האָבן נאָך ניט באַוויזן אַף זייער אייגענער דערפארונג צו דערשפּירן די פאַלשקייט פון די מענשעוויסטיש-עסערישע

---

*) א גרופּע כאוויירים האבן געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אפרופן פון דער דומע אירע דעפּוטאַטן, האלטנדיק, אז זייער געפינען זיך אין דומע שאפט קלוימערשט אילוזיעס, אז די דומע קאָן עפּעס טאן פארן פּראָלעטאַריאַט און דעם פּויערטום. דאס איז געווען אַן אנטפּלעקונג פון דער „קרענק פון לינקייט", וועלכע לענין האָט שטענדיק שארף באַקעמפט, באזונדערס אין זיין בארימט ווערק די „קינדערשע קרענק פון לינקייט". מע האט דידאָזיקע כאוויירים אנגערופן מיטן נאמען „אפרופער" („אָטזאָוויסטן").

איבערזעצער.

רייד וועגן שאָלעם, וועגן ערד און פרייהייט. אן דער דערפאַרונג פון די מאַסן אינם פעריאָד פון קערענסקיס מעמשאָלע וואָלטן די מענשעוויקעס און עסערן ניט איזאָלירט געוואָרן, און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וואָלט געווען אומעגלעך. דעריבער איז די טאַקטיק פון „געדולדיקן דערקלערן" די פעלערן פון די קליינבירגערלעכע פּאַרטייען און פון אָפּענעם קאַמף אינעווייניק אין די ראַטן געווען די איינציק מעגלעכע טאַקטיק.

די סאַקאָנע פון דער טאַקטיק פון די לינקע קאָמוניסטן איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געדראָט צו פּאַרוואַנדלען די פּאַרטיי פונם פירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין אַ הייפל פוסטע, באָדנלאָזע פאַרשווערער.

„בלויז מיט איין אַוואַנגאַרד,—זאָגט לענין,—קאָן מען ניט זיגן. וואַרפן נאָר דעם אַוואַנגאַרד אַליין אין אַן אנטשיידענער שלאַכט קאָלזמאַן דער גאַנצער קלאַס, די ברייטע מאַסן האָבן נאָך ניט פאַרנומען קיין פּאָזיציע אדער פון דירעקטער שטיצע פונם אַוואַנגאַרד אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, פון פריינטלעכן נייטראַליטעט בענויגעייע צו אים... וואָלט געווען ניט נאָר אַ נארישקייט, נאָר א פאַרברעך. אָבער קעדיי ווירקלעך דער גאַנצער קלאַס, קעדיי ווירקלעך די ברייטע מאַסן אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע דורכן קאַפּיטאַל זאָלן דערגיין צו אַזאַ פּאָזיציע—דערצו איז בלויז פּראָפּאַגאַנדע בלויז אַגיטאַציע ווייניק. דערצו איז נויטיק די אייגענע פּאָליטישע דערפאַרונג פון דידאָזיקע מאַסן. דאָס איז דער גרונטגעזעץ פאַר גרויסע רעוואָלוציעס, וועלכער איז איצט באַשטעטיקט געוואָרן מיט וואונדעבאַרער קראַפט און רעליעפקייט ניט נאָר דורך רוסלאַנד, נאָר אויך דורך דייטשלאַנד. ניט נאָר פאַר די אומקולטורעלע, אפטמאָל אנאלפאבעטישע מאסן פון רוסלאַנד, נאָר אַפילע פאר די הויךקולטורעלע, אלע ביז איינעם אלפאבעטישע מאַסן פון דייטשלאַנד איז נויטיק געווען אויסצופּראוון אף זייער אייגענער פעל די גאַנצע אנמעכטיקייט, די גאַנצע כאראקטערלאזיקייט, די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט, די גאַנצע לאַקייאישקייט פאר דער בורזשואזיע, די גאַנצע נידערטרעכטיקייט פון דער רעגירונג פון די ריטער פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, די גאַנצע אומפאַרמיידלעכקייט פון דער דיקטאַטור פון די עקסטע רעאַקציאָנערן (קאָרנילאָוו אין רוסלאַנד, קאַפּ און קאָמפּ. אין דייטשלאַנד), אלס איינציקער אלטערנאטיוו בענויגעייע דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, קעדיי אַנטשלאָסן זיך אַ קער צו טאָן צום קאָמוניזם" (ז. „די קינדערשע קרענק").

צווייטנס. געפינען אין יעדן געגעבענעם מאָמענט דעם באַזונ-

דערן רינג אין דער קייט פון פּראָצעסן, וואָס, אנכאַפּנדיק זיך פאַר אים, קאָן מען איינהאַלטן די גאַנצע קייט און צוגרייטן די באַדינגונגען אַף צו דערגרייכן דעם סטראטעגישן ערפאָלג.

עס גייט דערין, אַז פון דער ריי אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאר דער פּאַרטיי, זאָל מען אויסטיילן גראָד די אָרדנטלעכע אויפגאַבע, וואָס איר לייזונג איז דער צענטראַלער פּונקט און וואָס איר דורכפירוּנג גאַראַנטירט די ערפאָלגרייכע לייזונג פון די איבעריקע אָרדנטלעכע אויפגאַבן.

די באַדייטונג פון דערדאָזיקער האַנאָכע וואָלט מען געקאָנט דעמאָנסטרירן אַף צווייביישפּילן, וואס איינעם פון זיי וואָלט מען געקאָנט נעמען פון דער ווייטער פּאַרגאַנגענהייט (דער פּעריאָד פון דער אויסבילדונג פון דער פּאַרטיי) און דעם צווייטן—פון דער סאַמע נאָענטסטער צו אונז געגנוואַרט (דער פּעריאָד פון נעפּ).

אינם פּעריאָד פון דער אויסבילדונג פון דער פּאַרטיי, ווען די אָנצאָליקע קרייזלעך און אָרגאַניזאַציעס זיינען נאך ניט געווען צונויפגעבונדן צווישן זיך, ווען די קוסטאַרעריי און קרייזלעריי פלעגן צעעסן די פּאַרטיי פון אונטן ביז אַרויף, ווען די אידייאישע צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט איז געווען א כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַרן אינערלעכן לעבן פון דער פּאַרטיי,—אין דעם פּעריאָד איז דער גרונט-רינג און די גרונט-אויפגאַבע אין דער קייט פון רינגען און אין דער קייט פון אויפגאַבן, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען פאַר דער פּאַרטיי, געווען צו באַשאַפן אן אַל-רוסישע אומלעגאַלע צייטונג. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל נאָר דורך אן אַלרוסישער אומלעגאַלער צייטונג האָט מען בא די דאַמאָלסדיקע באַדינגונגען געקאָנט שאַפן א צונויפגערעדטן קערן פון דער פּאַרטיי, וואָס זאָל פעאיק זיין צוזאַמענבינדן אין איינס די אָנצאָליקע קרייזן און אָרגאַניזאַציעס, צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר דער אידייאישער און טאַקטישער איינהייטלעכקייט און פאַרלייגן, אַף אַזאַ אויפן, דעם פונדאַמענט פאַר דער אויסבילדונג פון א ווירקלעכער פּאַרטיי.

אינם פּעריאָד פון איבערגאַנג פון דער מילכאָמע צו ווירטשאַפטלעכער בויאונג, ווען די אינדוסטריע האָט קוים געזשיפּעט אין די נעגל פונם כורבן, און די לאַנדווירטשאַפט האָט געליטן פון מאַנגל אין שטאָטישע פאַבריקאַטן, ווען דער צוזאַמענשלוס פון דער מלוכישער אינדוסטריע מיט דער פּויערשער ווירטשאַפט איז געוואָרן א גרונט-באַדינג פאַר דער ערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער בויאונג,—אין דעמדאָזיקן פּעריאָד איז דער גרונט-רינג אין דער קייט פון פּראָצעסן, די גרונט-אויפגאַבע צווישן אַלע אַנדערע אויפגאַבן געוואָרן—צו אַנטוויקלען דעם

האַנדל. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל בא די באַדינגונגען פון נעפּ איז דער צוזאַמענשלוס פון דער אינדוסטריע מיט דער פויערשער ווירטשאַפט ניט מעגלעך אַנדע־ש, ווי דורכן האַנדל, דערפאַר ווייל א פּראָדוקציע אָן אָפּזאַץ בא די באַדינגונגען פון נעפּ איז א טויט פאַר דער אינדוסטריע, דערפאַר ווייל די אינדוסטריע קאָן מען פאַרברייטערן נאר באַ דער פאַרברייטערונג פונם אָפּזאַץ דורך אנטוויקלען דעם האַנדל, ווייל נאר פאַרפעסטיקנדיק זיך אינם געביט פון האַנדל, נאַר באַהערשנדיק דעם האנדל, נאָר באַהערשנדיק אָט דעם רינג, וועט מען קאָנען האָפן, אז מע וועט צוזאַמענשליסן די אינדוסטריע מיטן פויערשן מאַרק און מיט ערפאָלג לייזן אַנדערע אררנטלעכע אויפגאַבן, קעדיי צו באשאפן גינסטיקע באַדינגונגען פאר דער אויפבויאונג פונם פונדאַמעגט פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק.

„עס איז ניט גענוג צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער און אַן אָנהענגער פון סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם ביכלאַל,—זאָגט לענין,—מע דאַרף קאָנען געפינען אין יעדן מאָמענט דעם באַזונדערן רינג פון דער קייט, פאַר וועלכן מע דאַרף זיך אָנכאַפּן מיט אַלע קויכעס, קעדיי איינצוהאַלטן די גאַנצע קייט און צוגרייטן א פעסטן איבערגאַנג צום פאָלגנדיקן רינג״... „אינם געגעבענעם מאָמענט... איז אַזאַ רינג די אויפלעבונג פונם אינערלעכן האַנדל באַ דעם טנאַי, אַז ער זאָל מלוכיש ריכטיק רעגולירט ווערן. האַנדל—אָט דאָס איז דער רינג אין דער היסטאָרישער קייט פון געשעענישן, אין די איבערגאַנגס-פארמען פון אונזער סאָציאַליסטישער בויאונג, פאַר וועלכן מע דאַרף זיך אָנכאַפּן מיט אַלע קויכעס״... (ז. „וועגן דער באדייטונג פון גאָלד״).

אָט דאָס זיינען די הויפּט-באַדינגונגען, וועלכע גאַראַנטירן די ריכטיקייט פון דער טאַקטישער אנפירונג.

6. **רעפאָרמיזם און רעוואלוציאָניזם.** וואס איז דער אונטערשייד צווישן דער רעוואלוציאָנערער טאַקטיק און דער רעפאָרמיסטישער טאַקטיק?

אנדערע מיינען, אַז דער לעניניזם איז קעגן רעפאָרמען, קעגן קאָמפּראָמיסן און אויסגלייכן ביכלאַל. דאָס איז לאַכלוטן ניט ריכטיק. די באָלשעוויקעס ווייסן ניט ווייניקער, ווי יעדער אַנדערער, אַז אין א געוויסן זינען איז „אַז מע גיט—נעמט מען״, אַז באַ געוויסע באַדינגונגען זיינען רעפאָרמען ביכלאַל, קאָמפּראמיסן און אויסגלייכן ביפראַט—נויטיק און נוצלעך.

„פירן א מילכאָמע,— זאָגט לענין,—פאַרן אראָפּוואַרפן די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואזיע, אַ מילכאָמע, וואָס איז הונדערט מאָל שווע-

רער, לאנגדויערנדיקער, קאמפליצירטער, ווי די סאַמע אקשאָנעסדיקע פון די געוויינלעכע מילכאָמעס צווישן מלוכעס, און דערביי זיך פארויס אָפּזאָגן פון לאווירן, פון אויסנוצן (זאָל זיין אפילע צייטווייליק) די אינ-טערעסן-סטירעס צווישן די סאָנים, אָפּזאָגן זיך פון אויסגליי-כעריי און קאָמפּראָמיסן מיט מעגלעכע (זאָל זיין אפילע צייטווייליקע, ניט פעסטע, וואקלדיקע, ביטנאיאיקע) פארבינדעטע,—איז עס דען ניט א העכסט לעכערלעכע זאַך? איז עס דען ניט ענלעך דערויף, ווי מיר וואלטן בא א שווערן אויפשטייגן אַף א נאָך ניט אויסגעפאָרשטן און ביז אהער ניט צוטרעטלעכן בארג לעכאַטכילע זיך אפּזאָגן פון גיין אַמאָל מיט זיגזאגן, אומקערן זיך אמאָל צוריק, אָפּזאָגן זיך פון דער איינמאָל אויסגעקליבענער ריכטונג און פרואוון פארשיידענע ריכטונגען? (ז. „די קינדערשע קרענק").

ס'איז קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן רעפאָרמען אדער קאָמפּראָמיסן און אויסגלייכן, נאָר וועגן דעם געברויך, וואָס מענטשן מאַכן פון רעפאָרמען און אויסגלייכן.

פארן רעפאָרמיסט איז די רעפאָרם—אלץ. די רעוואלוציאנערע אר-בעט איז זיך גלאט אזוי, צוליב רייד, אף צו פארשיטן די אויגן. דעריבער איז בא רעפאָרמיסטישער טאקטיק, אין באדינגונגען פון עקזיסטענץ פון בורזשואזער מאַכט ווערט די רעפאָרם אומפאַרמיידלעך פארוואנדלט אין א געצייג צו פארפעסטיקן דידאָזיקע מאכט, אין א געצייג צו דעמאַרא-ליזירן די רעוואלוציע.

פארן רעוואלוציאָנער ווידער איז, פארקערט, די הויפּט-זאַך—די רעוואלוציאָנערע ארבעט און ניט די רעפאָרם, פאַר אים איז די רעפארם א בייפּראָדוקט פון דער רעוואלוציע. דעריבער איז באַ רעוואלוציאָנערער טאַקטיק אין באַדינגונגען פון עקזיסטענץ פון א בורזשואזער מאַכט ווערט די רעפאָרם פאַרוואנדלט אין א געצייג צו דעמאראליזירן דידאָזי-קע מאַכט, אין א געצייג צו פארפעסטיקן די רעוואלוציע, אין אַ שטיצ-פונקט פאַר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

דער רעוואלוציאָנער נעמט אָן די רעפאָרם, קעדיי אויסצונוצן זי ווי א קלאמער אף צונויפפאָרן די לעגאַלע אַרבעט מיט דער אומלעגאַלער, קעדיי אויסצונוצן זי, ווי א צודעק פאר דערפארשטאַרקונג פון דער אום-לעגאַלער ארבעט מיטן צוועק פון רעוואָלוציאָנערן צוגרייטן די מאַסן צו דער שטירצונג פון דער בורזשואזיע.

דערין באַשטייט דער טאָך פונם רעוואלוציאָנערן אויסנוצן די רעפאָרמען און אויסגלייכן אין די באַדינגונגען פון אימפעריאַליזם.

דער רעפאָרמיסט ווידער נעמט אן די רעפאָרם, קעדיי אפצוזאָגן זיך פון יעטווידער אומלעגאַלער אַרבעט, קעדיי ארונטערצורייסן די ארבעט פון צוגרייטן די מאַסן צו א רעוואָלוציע און בלייבן רוען אונטער די פליגל פון דער „געשענקטער" רעפאָרם.

דערין באַשטייט דער סאָך פון דער רעפאָרמיסטישער טאַקטיק.

אַזוי האַלט עס מיט רעפארמען און אויסגלייכן אין די באַדינגונגען פון אימפעריאַליזם.

די זאַך ווערט אבער אביסל אנדערש נאכדעם, ווי מע ווארפט אַראָפּ דעם אימפעריאַליזם, בא דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. בא געוויסע באַדינגונגען, בא געוויסע אומשטענדן קאָן די פּראָלעטאַרישע מאַכט זיין געצוואונגען פינם וועג פון רעוואָלוציאָנערן איבערבויען די עקזיסטירנדיקע ארדענונגען צייטווייליק אראָפּצוגיין אפן וועג פון ביס-לעכווייזן איבעראנדערשן זי, „אף א רעפאָרמיסטישן וועג", ווי דאָס זאָגט לענין אין זיין באַקאַנטן ארטיקל „וועגן גאלד", אפן וועג פון ארומגייענדיקע באוועגונגען, אַפן וועג פון רעפאָרמען און האַנאָ-כעס פאר די ניט-פּראָלעטארישע קלאסן, קעדיי צו דעמאראליזירן די דאָזיקע קלאַסן, געבן דער רעוואָלוציע די מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אטעם, קומען צו די קויכעס און צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר אַ נייעם אנגריף. מע קאָן ניט לייקענען, אַז דערדאָזיקער וועג איז אין א געוויסן זינען א רעפאָרמיסטישער וועג. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז מיר האָבן דאָ איין איקער-באַזונדערהייט, וועלכע באַשטייט דערין, וואס די רעפאָרם גייט ארויס אינם געגעבענעם פאַל פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, אַז זי פאַרפעסטיקט די פּראָלעטאַרישע מאַכט, אַז זי גיט איר די נויטיקע מעגלעכקייט איבערצוכאַפּן דעם אטעם, אַז זי איז באַרופן צו דעמאראליזירן ניט די רעוואָלוציע, נאָר די ניט-פּראָלעטאַרישע קלאַסן.

די רעפאָרם ווערט בא אַזוינע באַדינגונגען פארוואנדלט, אזוי ארום, אין איר קעגנזאץ.

די דורכפירונג פון אַזאַ פּאָליטיק מיצאד דער פּראָלעטאַרישער מאַכט ווערט מעגלעך דערפאַר און נאָר דערפאַר, ווייל דער פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע איז אינם פארגאַנגענעם פעריאָד געווען גענוג גרויס, און ער האָט אזוי אַרום געגעבן א גענוג ברייטן פרייען שטאַך, אַז עס זאָל זיין וואוהין צוריקצוגיין, פארבייטנדיק די טאַקטיק פון אנגריף אף דער טאַקטיק פון צייטווייליקן צוריקטריט, אַף דער טאַקטיק פון ארומ-גייענדיקע באַוועגונגען.

אַלזאָ, אויב פריער, בא דער בורזשואזער מאַכט זיינען די רעפאר-מען געווען א בייפּראָדוקט פון דער רעוואָלוציע, איז איצט, בא דער

דיקטאטור פון פראָלעטאַריאַט, ווערן אלס קוואַל פון רעפאָרמען די רעוואלוציאָנערע דעראבערונגען פונם פראָלעטאַריאַט, דער אנגעזאמלטער רעזערוו אין די הענט פונם פראָלעטאַריאַט, וועלכער באַשטייט פון דידאָזיקע דעראבערונגען.

„די פאַרהעלטעניש פון רעפאָרמען צו רעוואלוציע,—זאָגט לענין,— ווערט פּינקטלעך און ריכטיק דעפינירט נאר דורכן מארקסיזם, דערביי האָט מארקס געקאָנט זעען דידאָזיקע פארהעלטעניש נאר פון איין זייט, דעהאיינע: אין די אומשטענדן, וועלכע קומען פאַר דעם ערשטן וויפל ניט איז פעסטן, וויפל ניט איז לאנגדויערנדיקן זיג פונם פראָלעטאַריאַט, זאָל זיין אפילע אין איין לאַנד. באַ אַזאַ סיטואציע איז דער יעסאָר פון דער ריכטיקער פארהעלטעניש געווען: די רעפאָרם איז א בייפּראדוקט פונם רעוואלוציאָנערן קלאַסנקאמף פונם פראָלעטאַריאַט... נאכן ניצאָכן פונם פראָלעטאַריאַט, זאָל זיין אפילע אין איין לאַנד, קומט אויף עטוואס נייעס אין דער פארהעלטעניש פון רעפאָרם צו רעוואלוציע. פּרינציפּיעל בלייבט עס דאָסזעלביקע, אָבער לויט דער פאָרם קומט אן ענדערונג, וועלכע מארקס האָט פערזענלעך ניט געקאָנט פארויסזען, וועלכע מע קאָן אבער באנעמען נאָר אפן באָדן פון דער פילאסאפיע און פּאָליטיק פון מארקסיזם. נאכן ניצאכן זיינען זיי, ד. ה. די רעפאָרמען (וואָס אין אינטערנאציאָנאַלן מאסשטאב בלייבן זיי דערזעלבער „בייפּראדוקט”)— זיינען די רעפאָרמען פאַרן לאַנד, אין וועלכן דער ניצאָכן איז אפּגעהאַלטן, אכוץ דעם א נויטיקער און געזעצלעכער איבערכאַפּן דעם אטעם אין די פאַלן, ווען עס קלעגט לעכאַטכילע קיין קויכעס ניט, נאך דעם ווי זיי זיינען מאקסימאַל אנגעשטרענגט געווארן, פאר דער רעוואלוציאנערער אויספירונג פאר אַזאַ אדער אַזאַ מין איבערגאַנג. ניצאָכן גיט אזא רעזערוו פון קויכעס, אַז עס איז פאַראַן מיט וואָס זיך צו האַלטן אפילע בא א געצוואונגענעם צוריקטריט,—זיך האַלטן סאי אין מאטעריעלן, סאַי אין מאָראַלן זינען”.

VIII.

די פאַרטיי.

אין פארעוואָלוציאָנערן פעריאָד, אין פעריאד פון מער אָדער ווייניקער פרידלעכער אנטוויקלונג, ווען די פאַרטייען פון 2-טן אינטערנאַציאנאַל האבן אין דער ארבעטער-באוועגונג פאָרגעשטעלט די הערשנדיקע קראַפט, און די פאַרלאמענטאַרישע פאָרמען פון קאַמף האבן זיך גערעכנט פאַר גרונט-פאָרמען,—אין דידאָזיקע באדינגונגען האט די פארטיי ניט געהאט און ניט געקאָנט האבן די ערנסטע און באשליסנדיקע באַדייטונג, וואָס זי האָט באקומען דערנאָך, אין די באדינגונגען פון אָפענע רעוואָלוציאנערע שטרייטן. פאַרטיידיקנדיק דעם 2-טן אינטערנאַציאנאל, זאָגט קאוטסקי, אז די פארטייען פון 2-טן אינטערנאַציאנאַל זיינען א אינסטרומענט פון שאָלעם, און ניט פון מילכאָמע, אז גראָד דערפאַר זיינען זיי ניט בעקויאַך געווען אויפצוטאָן עטוואָס ערנסטס בעשאַס דער מילכאָמע, אינם פעריאד פון די רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען פונם פראלעטאריאט. דאָס איז גאנץ ריכטיק. אָבער וואָס באטייט עס? דאָס באטייט, אז די פארטייען פון 2-טן אינטערנאַציאנאַל טויגן ניט פאַרן רעוואָלוציאנערן קאַמף פונם פראָלעטאַריאט, אז זיי זיינען ניט קיין שלאַכט-פאַרטייען פונם פראָלעטאריאט, וואָס פירן די ארבעטער צו דער מאַכט, נאָר א וואַל-אַפּאַראַט, וואָס איז צוגעפאַסט צו די פארלאַמענטוואַלן און צו פארלאמענטישן קאַמף. דערמיט אייגנטלעך לאָזט זיך דערקלערן דער פאַקט, וואָס אינם פעריאד פון דער הערשאַפט פון די אָפּאָרטוניסטן פונם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל איז די פּאָליטישע גרונט-אָרגאַניזאַציע פונם פראָלעטאריאט געווען ניט די פארטיי, נאָר די פארלאַמענט-פראַקציע. עס איז באַקאנט, אז אינדערעמעסן איז די פאַרטיי אין דעם פעריאָד געווען א צוגאָב און אַ באדינונגס-עלעמענט פון דער פאַרלאַמענט-פראַקציע. עס איז ניט נויטיק צו דערווייזן, אז בא אזוינע בא-

דינגונגען און מיט אַזאַ פּאַרטיי בעראָש האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן צוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דער רעוואָלוציע.

די זאַך האט זיך אבער אין גרונט געענדערט, ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער פּעריאָד. דער נייער פּעריאָד איז אַ פּעריאָד פון אָפענע צוזאַמענשטויסן צווישן די קלאַסן, א פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען פונם פּראָלעטאַריאַט, א פּעריאָד פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, א פּעריאָד פון דירעקטן צוגרייטן קויכעס אף אַראָפּצוּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, אַף צו פאַרכאַפּן די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט. דערדאָזיקער פּעריאָד שטעלט פאַרן פּראָלעטאַריאַט נייע אויפגאבן וועגן איבערבויען די גאנצע פּאַרטיי-ארבעט אף א נייעם, רעוואָלוציאָנערן שטייגער, וועגן דערציען די ארבעטער אינם גייסט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט, וועגן צוגרייטן און צוציען רעזערוון, וועגן פאַרבינדונג מיט די פּראָלעטאַריער פון די שכיינישע לענדער, וועגן איינשטעלן פעסטע פאַרבינדונגען מיט דער באפרייאונגסבאַוועגונג פון די קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער א. אז. וו. מיינען, אז דידאָזיקע אויפגאַבן קאָנען געלייזט ווערן דורך די קויכעס פון די אַלטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין די פרידלעכע באַדינגונגען פון פאַרלאַמענטאַריזם—וואָלט געהייסן פאַרמישפּעטן זיך אף פאַרצווייפלונג, אף אַן אומפאַרמיידלעכער מאַפּאָלע. מיט אַזוינע אויפגאבן אף די פּלייצעס פאַרבלייבן מיט די אַלטע פּאַרטייען בעראָש—הייסט פאַרבלייבן אין א צושטאַנד פון פולקומער אנטוואָפּענונג. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אז דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט מאַסקים זיין אף אזא לאַגע.

דערפון שטאַמט די נויטווענדיקייט פון א נייער פּאַרטיי, פון אַ שלאַכטס-פּאַרטיי, א רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואס זאָל זיין גענוג דרייסט אף צו פירן די פּראָלעטאַריער צום קאמף פאַר דער מאכט, וואָס זאָל זיין גענוג דערפאַרן אף פאַנאַנדערצוקלייבן זיך אין די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אומגעבונג און וואָס זאָל זיין גענוג בויגעוודיק אף ארומצוגיין אלע און אלערליי אונטערוואַסערשטיינער אפן וועג צום ציל.

אָן אזאַ פּאַרטיי איז ניטאָ אפילע וואָס צו טראכטן וועגן אראָפּוואַרפן דעם אימפּעריאַליזם, וועגן דעראָבערן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

דידאָזיקע נייע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון לעניניזם.

אין וואָס באשטייען די באזונדערהייטן פון אָט דער נייער פּאַרטיי?

1. די פאַרטיי, אלס אוואנגאַרד פונם ארבעטער-קלאַס. די פּאַרטיי דאַרף זיין, פריער פאַר אַלץ, **דער אוואנגארד פונם ארבעטער-קלאַס**. די פּאַרטיי דאַרף אַריינזאַפּן אין זיך אַלע בעסטע עלעמענטן פונם ארבעטער-קלאַס, זייער דערפאַרונג, זייער רעוואָלוציאָנערישקייט, זייער גרעניצלאָזע איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט. קעדיי אָבער ווירקלעך צו זיין אַן אוואנגארד, דאַרף די פּאַרטיי באַוואָפנט זיין מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, מיטן וויסן פון די געזעצן פון דער באַוועגונג, פון די געזעצן פון רעוואָלוציע. אָן דעם איז זי ניט בעקויאַך אָנצופירן מיטן קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, פירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי קאָן ניט זיין קיין ווירקלעכע פּאַרטיי, אויב זי באַנוגנט זיך נאָר מיט רעגיסטרירן דאָס, וואָס עס לעבט איבער און וואָס עס טראַכט די מאַסע פונם ארבעטער-קלאַס, אויב זי שלעפּט זיך נאָך אין עק נאָך דער סטיכישער באַוועגונג, אויב זי קאָן ניט גוויוועך זיין די אינערטקייט און פּאָליטישע גלייכגילטיקייט פון דער סטיכישער באַוועגונג, אויב זי קאָן זיך ניט אויפהויבן העכער פון די מינוט-אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט, אויב זי קאָן ניט אויפהויבן די מאַסן ביז דער מאַדרייגע פון די קלאַסן-אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי דאַרף שטיין פאָרויס פאַרן ארבעטער-קלאַס, זי דאַרף זעען ווייטער פונם ארבעטער-קלאַס, זי דאַרף פירן נאָך זיך דעם פּראָלעטאַריאַט און ניט נאָכשלעפּן זיך אין עק נאָך דער סטיכישקייט. די פּאַרטייען פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע פּריידיקן דעם „עקיזם”, זיינען דורכפירער פון דער בורזשואַזער פּאָליטיק, וועלכע פאַרמישפּעט דעם פּראָלעטאַריאַט אַף דער ראָליע פון א געצייג אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. נאָר א פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַפן שטאַנדפּונקט פון דעם פּאָדערשטן אָפּטייל פונם פּראָלעטאַריאַט און וועלכע איז פעאיק אויפצוהויבן די מאַסן ביז דער מאַדרייגע פון די קלאַסן-אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט—נאָר אַזאַ פּאַרטיי איז פעאיק אָראָפּצוציען דעם ארבעטער-קלאַס פונם וועג פון טרייד-יוניאָניזם און פאַרוואַנדלען אים אין א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע קראַפט. די פּאַרטיי איז דער פּאָליטישער פירער פונם ארבעטער-קלאַס.

איך האָב אויבן גערעדט וועגן די שוועריקייטן פונם קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס, וועגן דער קאָמפּליצירטקייט פון די אומשטענדן פונם קאַמף, וועגן דער סטראַטעגיע און טאַקטיק, וועגן רעזערוון און מאַנעווירן, וועגן אַנגריף און צוריקטריט. די דאָזיקע באַדינגונגען זיינען ניט ווייניקער קאָמפּליצירט ווי מילכאָמע-באַדינגונגען. ווער קאָן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די דאָזיקע באַדינגונגען, ווער קאָן געבן א ריכטיקע אָריענ-

טירונג די מיליטאָנעיקע מאַסן פון פּראָלעטאַריער? קיין איין ארמיי אַף
דער מילכאָמע קאָן זיך ניט באַגיין אָן א דערפאַרענעם שטאַב, אויב זי
וויל זיך ניט פארמישפּעטן אַף א מאַפּאָלע. איז דען ניט קלאָר, אַז דער
פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך אוואדע ניט באַגיין אָן אַזאַ שטאַב, אויב ער
וויל ניט אָפּגעבן זיך פּאַשעט אַף צעריסן ווערן דורך זיינע פאַרביסענע
סאָנים? וואו איז אָבער דערדאָזיקער שטאַב? אַזאַ שטאַב קאָן זיין
נאָר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט. דער ארבעטער-
קלאַס אָן א רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי איז ווי אַן ארמיי אָן אַ שטאַב.
די פּאַרטיי—דאָס איז דער שלאַכט-שטאַב פונם פּראָלעטאַריאַט.

די פּאַרטיי קאָן אָבער ניט זיין בלויז דער א וו אַ נ ג א ר ד פונם
ארבעטער-קלאַס. זי דאַרף צוזאַמען דערמיט זיין אויך דער אוואַנגאַרד
פ ו נ ם ק ל אַ ס, א טייל פונם קלאַס, וואָס זאָל ענג צוזאַמענגעבונדן
זיין מיט אים דורך אַלע וואָרצלען פון איר עקזיסטענץ. דער אונטער-
שייד צווישן דעם פאָדערשטן טייל און דער איבעריקער מאַסע פונם אר-
בעטער-קלאַס, צווישן די פּארטייאישע און אומפּארטייאישע קאָן ניט
פאַרשווינדן, קאָלזמאַן עס וועלן ניט פאַרשווינדן די קלאַסן, קאָלזמאַן
דער פּראָלעטאַריאַט וועט דערגאַנצט ווערן מיט אָפּשטאַמער פון אנדע-
רע קלאַסן, קאָלזמאַן דער ארבעטער-קלאַס אינגאַנצן וועט ניט האָבן די
מעגלעכקייט זיך אויפצוהויבן ביז צו דער מאַדרייגע פונם אוואַנגאַרד.
די פּאַרטיי וואָלט אבער אויפגעהערט צו זיין א פּאַרטיי, ווען דערדאָזי-
קער אונטערשייד וואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן איינרייס, ווען זי
וואָלט זיך איינשליסן אין זיך אַליין און וואָלט זיך אָפּגעריסן פון די
אומפּאַרטייאישע מאַסן. די פּארטיי קאָן ניט אָנפירן מיטן קלאַס, אויב זי
איז ניט צוזאַמענגעבונדן מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, אויב עס איז
ניטאָ קיין צוזאַמענשלוס צווישן דער פּאַרטיי און די אומפּאַרטייאישע
מאַסן, אויב דידאָזיקע מאַסן נעמען ניט אויף איר אָנפירונג, אויב די
פּאַרטיי האָט ניט אין די מאַסן קיין מאָראַלישן און פּאָליטישן קרעדיט.
ניט לאַנג צוריק זיינען אין אונזער פּארטיי אנגענומען געווארן צוויי
הונדערט טויזנט נייע מיטגלידער פון צווישן די ארבעטער. מערקווירדיק
איז דאָ דאָס, וואָס די מענטשן זיינען ניט אַזוי אַליין געקומען אין דער
פּאַרטיי, ווי געשיקט געוואָרן אַהין דורך דער גאַנצער איבעריקער אום-
פּארטייאישער מאַסע, וועלכע האָט גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אינם
אויפנעם פון די נייע מיטגלידער און וואָס אָן איר באַוויליקונג זיינען
ביכלאַל קיין נייע מיטגלידער ניט אנגענומען געוואָרן. דערדאָזיקער
פאַקט רעדט וועגן דעם, אַז די ברייטע מאַסן אומפּארטייאישע ארבעטער
האַלטן אונזער פּאַרטיי פאַר ז יי ע ר פּאַרטיי, פאַר א פּארטיי א נ אָ -

ענטע און קרויוישע, וואָס אין איר פאַרברייטערונג און פאַרפעסטיקונג זיינען זיי בלוטיק פאַרינטערעסירט און וואָס איר אָנפירונג פאַרטרויען זיי פרייוויליק זייער גורל. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אַז אָן די מאָראַלישע פעדים, וועלכע מע קאָן ניט אָנכאַפּן, וואָס בינדן צוזאַמען די פאַרטיי מיט די אומפּאַרטייאישע מאַסן, קאָן די פאַרטיי ניט ווערן א באשליסנדיקע קראַפט פון איר קלאַס. די פאַרטיי איז א ניט-אָפּרייסבארער טייל פונם ארבעטער-קלאַס.

„מיר,—זאָגט לענין,—זיינען א פאַרטיי פון א קלאַס, און דעריבער דאַרף קימאַט דער גאַנצער קלאַס (און אין קריגס-צייטן, אין א עפּאָכע פון בירגער-קריג, אפילע אבסאָלוט דער גאַנצער קלאַס) האַנדלען אונטער דער אָנפירונג פון אונזער פאַרטיי, ער דאַרף צושטיין צו אונזער פאַרטיי ווי ווייט מעגלעך פעסטער. עס וואָלט אָבער געווען א מאַנילאָווערײ *) און „עקיזם" צו מיינען, אַז קימאַט דער גאַנצער קלאַס אָדער דער גאַנצער קלאַס קאָן ווען ניט איז באם קאַפּיטאַליזם זיך אויפהויבן ביז דער באוואוסטזיניקייט און אקטיווקייט פון זיין אַוואַנגאַרד, פון זיין סאָציאַליסטישער פאַרטיי. קיין איין פאַרנינפטיקער סאָציאַליסט האט ניט געצווייפלט דערין, אז באם קאַפּיטאַליזם איז אפילע א פּראָפעסיאָנעלע ארגאַניזאַציע (וועלכע איז מער פּרימיטיוו, מער צוטריטלעך פאַרן באוואוסטזיין פון די ניטאַנטוויקלטע שיכטן) ניט אימשטאַנד ארומצוכאַפּן קימאַט דעם גאנצן אָדער דעם גאנצן ארבעטער-קלאַס. עס וואָלט געהייסן נאָר אָפּנאַרן זיך, פאַרמאַכן די אויגן אַף דער גוואַלטיקייט פון אונזערע אויפגאַבן, פאַרשמעלערן דידאָזיקע אויפגאַבן, ווען מיר וואָלטן פאַרגעסן וועגן דעם כילעק צווישן דעם אוואנגארד און די גאַנצע מאסן, וועלכע ציען זיך צו אים, פאַרגעסן וועגן דער שטענדיקער פליכט פונם אוואנגאַרד אויפצוהויבן אַלץ ברייטערע און ברייטערע שיכטן ביז דער מאַדרייגע פון דעם אוואַנגאַרד" (ז. „אַ טריט פאָרויס").

2. די פאַרטיי, אלס אָרגאַניזירטער אָפּטייל פונם אַרבעטער-קלאַס. די פאַרטיי איז ניט בלויז דער אוואַנגאַרד פונם ארבעטער-קלאס. אויב זי וויל ווירקלעך אָנפירן מיטן קאַמף פונם קלאס, דאַרף זי צוזאַמען דערמיט זיין אַן אָרגאַניזירטער אָפּטייל פון איר קלאַס. די אויפגאַבן פון דער פאַרטיי בא די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַ-

*) מאנילאווערײ—פונם וואָרט מאנילאוו. מאנילאוו—דאס איז א פאַרשוין פון דעם רוסישן שרייבער גאָגאָלס ווערק „טויטע נעפּאשעס". א מענטש מיט פוסטע, נארישע כאַלוימעס.

ליזם זיינען זייער גרויס און פארשיידנאַרטיק. די פארטיי דארף אנפירן מיטן קאַמף פונם פּראלעטאריאט בא העכסט שווערע באדינגונגען פון אינערלעכער און אויסערלעכער אנטוויקלונג, זי דאַרף פירן דעם פּראָלעטאריאט אין אָנגריף, ווען די סיטואַציע פאָדערט אָנגריף, זי דאַרף ארויספירן דעם פּראָלעטאריאט פון אונטערן קלאַפּ פונם שטאַרקן קעגנער, ווען די סיטואציע פאָדערט, אז מע זאָל צוריקטרעטן, זי דאַרף אַריינטראָגן אין די מיליאניקע מאַסן פון ניטאָרגאַניזירטע אומפארטייאישע ארבעטער דעם גייסט פון דיסציפּלין און פּלאנמעסיקייט אין קאַמף, דעם גייסט פון אָרגאניזירטקייט און אויסגעהאלטנקייט. די פארטיי קאָן אָבער אויספירן דידאָזיקע אויפגאבן נאָר אין דעם פאַל, ווען זי איז אליין די פאַרקערפּערונג פון דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקייט, אויב זי אליין איז אן אָ ר ג א נ י ז י ר ט ע ר אָפּטייל פונם פּראָלעטאריאַט. אָן די באדינגונגען קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן ווירקלעכער אָנפירונג מיצאַד דער פארטיי מיט די מיליאָניקע מאַסן פון פּראָלעטאריאט. די פארטיי איז דער ארגאניזירטער אפּטייל פונם ארבעטער-קלאַס.

דער געדאנק וועגן דער פארטיי, אלס אָרגאַניזירטעס גאנצעס, איז פארפעסטיקט געוואָרן אין לענינס בארימטער פאָרמולירונג פונם ערשטן פּונקט פונם סטאטוט פון אונזער פארטיי, וואו די פארטיי ווערט באטראכט, ווי א ס ו מ ע אָרגאַניזאציעס און די מיטגלידער פון דער פארטיי — ווי מיטגלידער פון איינער פון די פארטיי-ארגאניזאציעס. די מענשעוויקעס, וועלכע זיינען ארויסגעטראטן קעגן דערדאָזיקער פאָרמולירונג נאָך אין 1903 יאָר, האבן אנשטאָט איר פאָרגעלייגט א „סיסטעם" פון זעלבסטפארעכענען זיך אין דער פארטיי, א „סיסטעם" פון פארשפרייטן דעם „נאָמען" פארטיי-מיטגליד אף יעדן „פּראָפעסאָר" און יעדן „גימנאזיסט", יעדן „מיטפילנדיקן" און יעדן „שטרייקער", וועלכער האלט אזוי אדער אנדערש אונטער די פארטיי, אבער ער גייט ניט אריין און וויל ניט אריינגיין אין קיין איינער פון די פארטיי-ארגאניזאציעס. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אז דידאָזיקע אָריגינעלע „סיסטעם", ווען זי וואָלט זיך פארפעסטיקט אין אונזער פארטיי, וואָלט זי אומפארמיידלעך געבראכט דערצו, אז אונזער פארטיי וואָלט איבערפול געוואָרן מיט פּראפעסאָרן און גימנאזיסטן, און זי וואָלט דעגענערירט אין א צעשוואומענע, ניט אויספאָרמירטע, דעזאָרגאניזירטע „אויסבילדונג", וואָס ווערט פארלאָרן אינם יאם „מיטפילנדיקע", וואָס פארווישט דעם גרעניץ צווישן דער פארטיי און דעם קלאס און ווארפט אום די אויפגאבע פון דער פארטיי אויפצוהויבן די ניטאָרגאניזירטע מאסן ביז דער מאדרייגע פונם אוואנגארד. ניטאָ וואָס צו ריידן, אז בא אזא אָפּאָרטו=

ניסטישער „סיסטעם״ וואָלט אונזער פּאַרטיי ניט געקאָנט אויספירן די ראָליע פון אַן אָרגאַניזירנדיקן קערן פונם אַרבעטער-קלאַס אינם גאַנג פון אונזער רעוואָלוציע.

„פון מאַרטאָווס שטאַנדפּונקט, — זאָגט לענין, — פאַרבלייבט דער גרעניץ פון דער פּאַרטיי אינגאַנצן אַן אומבאַשטימטער, ווייל „יעדער שטרייקער״ קאָן „זיך דערקלערן פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי״. וואָס פאַר אַ נוצן קאָן מען האָבן פון אַ צעשוואומענקייט? אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג פונם „נאָמען״. דער שאָדן איר ער באַשטייט אינם אַריינטראָגן די דעזאָרגאַניזירנדיקע אידייע וועגן צונויפמישן דעם קלאַס און די פּאַרטיי״ (ז. „אַ טריט פאָרויס״).

די פּאַרטיי איז אָבער ניט בלויז אַ סומע פון פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי איז צוזאַמען דערמיט אַן איינהייטלעכע סיסטעם פון דיזאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, זייער פאָרמעלע פאַרייניקונג אין אַן איינהייטלעך גאַנצעס, מיט העכערע און נידעריקערע אָנפירנדיקע אָרגאַנען, מיט דער אונטערגעוואָרפנקייט פון דער מינדערהייט אונטער דער מערהייט, מיט פּראַקטישע באַשלוסן, וועלכע זיינען פאַרפליכטנדיקע פאַר אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער. אָן די באַדינגונגען איז די פּאַרטיי ניט אימשטאַנד צו זיין אַן איינהייטלעך אָרגאַניזירט גאַנצעס, וואָס זאָל זיין פעאיק צו פאַרווירקלעכן די פּלאַנמעסיקע און אָרגאַניזירטע אָנפירונג מיטן קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס.

„פריער,—זאָגט לענין,—איז אונזער פּאַרטיי ניט געווען קיין פאָרמעל אָרגאַניזירט גאַנצעס, נאָר אַ סומע פון באַזונדערע גרופּן און דעריבער האָבן קיין אַנדערע באַציאונגען צווישן דיזאָזיקע גרופּן, ווי קעגנזייטיקע אידייאישע ווירקונג, אפילו ניט געקאָנט זיין. איצט זיינען מיר געוואָרן אַן אָרגאַניזירטע פּאַרטיי, און דאָס באַטייט די באַשאַפונג פון אַ מאַכט, דאָס פאַרוואַנדלען דעם אויטאָריטעט פון אידייען אין אַן אויטאָריטעט פון מאַכט, דאָס אונטערוואַרפן זיך אונטער די העכערע פּאַרטייאישע אינסטאַנצן מיצאַד די נידעריקערע״ (ז. אין זעלביקן ווערק).

דער פּרינציפּ פון אונטערוואַרפן זיך דער מערהייט מיצאַד דער מינדערהייט, דער פּרינציפּ פון אָנפירן מיט דער פּאַרטייאישער אַרבעט פון צענטער רופט ניט זעלטן אַרויס אָנפאַלן מיצאַד די ניטשטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן, באַשולדיקונגען אין „ביוראָקראַטיזם״, „פאָרמאַליזם״ א. א. וו. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אַז די פּלאַנמעסיקע אַרבעט פון דער פּאַרטיי אַלס גאַנצעס און די אָנפירונג מיטן קאַמף פונם אַרבעטער-קלאַס וואָלטן אוממעגלעך געווען אָן דער דורכפירונג פון דיזאָזיקע פּרינציפּן. דער לעניניזם אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע באַטייט אָנ-

אָפּגעגבאַרע דורכפירונג פון דידאָזיקע פּרינציפּן. דעם קאַמף מיט דידאָזיקע פּרינציפּן רופט לענין „רוסישער ניהיליזם", און „פּריצישער אַנאַרכיזם", וועלכע פאַרדינען, אַז מע זאָל זיי אויסלאַכן און אַוועקוואַרפן.

אָט וואָס עס זאָגט לענין וועגן דידאָזיקע ניטשטאַנדהאַפּטיקע עלעמענטן אין זיין בוך „א טריט פאָרויס":

„דער רוסישער ניהיליסט האָט באַזונדערס בעטעווע דעמדאָזיקן פּריצישן אַנאַרכיזם. די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע זעט אים אויס צו זיין א גרויזאַמע „פאַבריק", דאָס אונטערוואַרפן זיך פון א טייל אונטער דעם גאַנצן און פון דער מינדערהייט אונטער דער מערהייט דאַכט זיך אים אויס, ווי א „פאַרשקלאַפונג", די פאַרטיילונג פון דער אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון צענטער רופט פון זיין זייט אַרויס טראַגיקאָמישע געשרייען קעגן פאַרוואַנדלען די מענטשן אין „רעדעלעך און שרייפעלעך", די דערמאָנונג וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט פון דער פּאַרטיי רופט ארויס א פאַראַכטונגס-האַוואַיע און א גרינגשעצנדיקע באַמערקונג, אַז מע וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אינגאַנצן אָן א סטאַטוט... דאַכט זיך, קלאָר, אַז די געשרייען וועגן קלוימערשטן ביוראָקראַטיזם איז אַן איינפאַכער צודעק פאַר דער אומצופרידנקייט מיטן פּערזענלעכן באַשטאַנד פון די צענטרען, אַז ס'איז א פייגנבלעטל...דו ביזט א ביוראָקראַט, ווייל דו ביזט באַשטימט דורכן צוזאַמענפאָר ניט לויט מיין ווילן, נאָר קעגן אים; דו ביזט א פאָרמאַליסט, ווייל דו שטיצסט זיך אַפן פאָרמעלן באַשלוס פונם צוזאַמענפאָר, און ניט אַף מיין האַסקאָמע; דו באַגייסט זיך גראָב, מעכאַניש, ווייל דו באַרופסט זיך אַף דער „מעכאַנישער" מערהייט פונם פאַרטיי-צוזאַמענפאָר און רעכנסט זיך ניט מיט מיין ווילן צו ווערן קאָאָפּטירט; דו ביזט אַן אַליינהערשער, ווייל דו ווילסט ניט אָפּגעבן די מאַכט אין די הענט פון דער אַלטער, וואוילער קאָמפּאַניע*)."

3. די פּאַרטיי, אַלס העכסטע פאָרם פון קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי איז אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פונם אַרבעטער-קלאַס. די פּאַרטיי איז אָבער ניט די איינציקע אָרגאַניזאַציע פונם אַרבעטער-קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך א גאַנצע ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אָן וועלכע ער קאָן ניט פירן קיין ריכטיקן קאַמף מיטן קאַפּיטאַל: פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קאָאָפּעראַטיון, פאַבריק-זאַוואָדישע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרלאַמענט-פראַקציעס, אומפּאַרטייאישע פרויען-פאַריייניקונגען, פּרעסע, קולטורעל-אויפקלערע-

*) עס רעדט זיך וועגן דער „קאָמפּאַניע" אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו א. אַנד., וועלכע האָבן זיך ניט אונטערגעוואָרפן אונטער די באַשלוסן פונם 2-טן צוזאַמענפאָר און האָבן באַשולדיקט לענינען אין ביוראָקראַטיזם. (י. סטאַלין).

רישע אָרגאניזאַציעס. יוגנט-פאריינען, רעוואָלוציאָנערע שלאכט-אָרגאניזא-
ציעס (בעשאס אָפענע רעוואָלוציאָנערע ארויסטריטונגען), דעפוטאטן-
ראטן, א מלוכישע פארם פון אָרגאניזאציע (אויב דער פראלעטאריאט
שטייט בא דער מאכט) א. א. וו. די גוואלטיקע מערהייט פון דידאָזיקע
אָרגאניזאציעס זיינען אומפארטייאישע, און נאָר א געוויסער טייל פון זיי
שטייט צו דירעקט צו דער פארטיי אָדער בילדעט אירע אן אָפּצווייגונג.
די אלע אָרגאניזאציעס זיינען בא באשטימטע באדינגונגען נויטיק פארן
ארבעטער-קלאס, ווייל אָן זיי איז אומעגלעך צו פארפעסטיקן די קלאסן-
פּאָזיציע פונם פראָלעטאריאט אין די פארשיידנארטיקע קאמף-ספערן,
ווייל אָן זיי איז אומעגלעך צו פארהארטעווען דעם פראָלעטאריאט, ווי
א קראַפט, וואָס איז באַרופן צו פאַרבייטן די בורזשואזע ארדענונגען אף
סאָציאליסטישע ארדענונגען. אָבער ווי אַזוי קאָן מען פאַרווירקלעכן די
איינהייטלעכע אנפירונג בא אַזאַ גרויסער צאָל ארגאַניזאַציעס? וואו איז
די גאַראַנטיע, אַז די אנוועזנהייט פון אַזאַ גרויסער צאָל ארגאַניזאַציעס
וועט ניט ברענגען צו ניטצונויפגעשטימטקייט אין דער אנפירונג? מ'ע
וועט עפשער זאָגן, אז יעדע פון דידאָזיקע ארגאַניזאַציעס פירט אן אר-
בעט אין איר באַזונדערער ספער, און אַז זיי קאָנען דעריבער ניט שטערן
איינע דער אנדערער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק. ריכטיק איז
אבער אויך דאָס, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן פירן די ארבעט אין
איין ריכטונג, ווייל זיי באַדינען איין קלאַס, דעם קלאַס פראלעטאר-
יער. פרעגט זיך: ווער באַשטימט די ליניע, די אַלגעמיינע ריכטונג,
לויט וועלכער עס דארפן פירן זייער ארבעט די אַלע ארגאַניזאַ-
ציעס? וואו איז די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס, פארמאָגנדיק די נוי-
טיקע דערפארונג, איז זי ניט בלויז פעאיק אויסצוארבעטן אָט די אַל-
געמיינע ליניע, נאָר, האָבנדיק דערצו דעם נויטיקן אויטאָריטעט, האָט זי
נאָך אויך די מעגלעכקייט צו ווירקן אַף די אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי
זאָלן דורכפירן אין לעבן דידאָזיקע ליניע, קעדיי צו דערשלאָגן זיך צו
איינהייטלעכקייט אין דער אנפירונג און אויסשליסן די מעגלעכקייט פון
יעטווידער איקעוו?

אזא מין ארגאניזאַציע איז די פאַרטיי פון פראָלעטאַריאַט.

די פאַרטיי האָט דערצו אלע מאַילעס, ערשטנס, דערפאַר, ווייל
די פארטיי איז דער זאמלפונקט פון די בעסערע עלעמענטן פונם קלאַס,
וואָס האָבן דירעקטע פארבינדונגען מיט די אומפארטייאישע ארגאַניזאַ-
ציעס פון פראלעטאריאַט און וואָס זייער אפט פירן זיי מיט זיי אָן;
צווייטנס, דערפאַר, ווייל די פאַרטיי, אַלס זאַמלפונקט פון די בעסערע
מענטשן פונם אַרבעטער-קלאַס, איז די בעסטע שול אף אויסצוארבעטן

לידערס פונם ארבעטער-קלאַס, וועלכע זאָלן פעאיק זיין אנצופירן מיט אלע פארמען פון ארגאַניזאַציע פון זייער קלאַס; דריטנס, דערפאַר, ווייל די פארטיי, אַלס די בעסטע שול פאַר די לידערס פונם ארבעטער-קלאַס, איז לויט איר דערפארונג און אַווטאָריטעט די איינציקע ארגאַניזאַציע, וועלכע איז פעאיק צו צענטראַליזירן די אנפירונג מיטן קאמף פונם פראָלעטאַריאַט און פארוואנדלען, אַזוי אַרום, יעדע און אַלערליי אומ-פאַרטייאישע ארגאַניזאַציעס פונם ארבעטער-קלאַס אין באדינענדיקע אָרגאַנען און טרייב-רימענס, וועלכע פארבינדן זי מיטן קלאַס. די פאר-טיי איז די העכסטע פארם פון קלאסן-ארגאַניזאַציע פונם פראָלעטאַריאַט.

דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די אומפאַרטייאישע ארגאַני-זאַציעס, די פראָפפאריינען, קאָאָפּעראַטיוון א. אז. וו., דאַרפן פארמעל זיין אונטערגעווארפן אונטער דער פאַרטייאישער אנפירונג. עס האַנדלט זיך נאר וועגן דעם, אַז די פאַרטיי-מיטגלידער, וועלכע גייען אריין אין די-דאָזיקע ארגאניזאַציעס, זאָלן ווי מענטשן, אן ספעק איינפלוסרייכע, אָנעמען אלע איבערצייגונגס-מיטלען, אז די אומפאַרטייאישע ארגאַני-זאַציעס זאָלן אין זייער ארבעט זיך דערנעענטערן צו דער פארטיי פון פראָלעטאַריאַט און זאָלן פרייוויליק אנעמען איר פאָליטישע אנפירונג.

אָט פאַרוואָס לענין זאָגט, אז „די פאַרטיי איז די העכסטע פארם פון קלאַסן-פארייניקונג פון די פראלעטאַריער", וואָס איר פאָליטישע אנ-פירונג דארף פארשפרייט ווערן אַף אלע אנדערע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פונם פראָלעטאַריאַט (ז. „די קינדערשע קראַנקהייט").

אָט פאַרוואָס די אָפּאָרטוניסטישע טעאָריע וועגן „אומאָפּהענגיקייט" און „נייטראַליטעט" פון די אומפאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פרוכפּערט און מערט די צאָל אומאָפּהענגיקע פאַרלאַמענטאַריער און אָפּגעריסענע פון דער פאַרטיי פרעסע-טוער, שמאָלקעפּיקע פראָפעסיאָנאַליסטן און פאַרקלייבירגערטע קאָאָפּעראַטאָרן —קאָן אינגאַנצן ניט צונויפגעפּאָרט ווערן מיט דער טעאָריע און פראַק-טיק פון לעניניזם.

4. די פאַרטיי, אַלס געצייג פון דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט. די פאַרטיי איז די העכסטע פאָרם פון אָר-גאַניזאַציע פונם פראָלעטאַריאַט. די פאַרטיי איז דער אָנפירנדיקער גרונט-פּרינציפּ אינם קלאַס פראָלעטאַריער און צווישן די אָרגאַניזאַציעס פון דעמדאָזיקן קלאַס. דערפון איז אָבער קלאָר ניט געדרונגען, אַז די פאַרטיי קאָן מען באַטראַכטן, ווי אַ זעלבסטציל, ווי אַ זעלבסטווערטיקע קראַפט. די פאַרטיי איז ניט בלויז די העכסטע פאָרם פון קלאַסן-פאַריי-ניקונג פונם פראָלעטאַריאַט—זי איז צוזאַמען דערמיט אַ געצייג אין

די הענט פונם פראָלעטאַריאַט אַף צו דעראָבערן די דיקטאַטור, ווען זי איז נאָך ניט דעראָבערט, אַף צו פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור, ווען זי איז שוין דעראָבערט. די פאַרטיי וואָלט זיך ניט געקאָנט אויפהויבן אַזוי הויך אין איר באַדייטונג און זי וואָלט ניט געקאָנט פאַרדעקן מיט זיך אַלע איבעריקע אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פונם פראָלעטאַריאַט, ווען דער פראָלעטאַריאַט וואָלט ניט געשטאַנען פאַר דער פראַגע וועגן מאַכט, ווען די באַדינגונגען פון אימפּעריאַליזם, די אומפאַרמיידלעכקייט פון מילכאָמעס, די אַנוועזנהייט פון אַ קריזיס וואָלטן ניט געפאָדערט די קאָנצענטראַציע פון אַלע קויכעס פונם פראָלעטאַריאַט אין איין פונקט, די קאָנצענטרירונג פון אלע פעדים פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין איין אָרט צוליב דעם, אַז עס זאָל געשטירצט ווערן די בורזשואַזיע און דעראָבערט ווערן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט. די פאַרטיי איז נויטיק פאַרן פּראָלעטאַריאַט פריער פאַר אַלץ, ווי זיין אייגענער שלאַכט-שטאַב, וועלכער איז נויטיק צוליב ערפאָלגרייכן פארכאפן די מאכט. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אז אָן א פארטיי, וועלכע איז פעאיק צוזאמענקלייבן ארום זיך אלע מאסן-אָרגאַניזאציעס פונם פראָלעטאריאט און צענטראַליזירן אינם גאנג פון קאמף די אָנפירונג מיט דער גאנצער באוועגונג, וואָלט דער פראָלעטאריאט אין רוסלאנד ניט געקאָנט פארווירקלעכן זיין רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור.

די פארטיי איז אָבער נויטיק דעם פראָלעטאריאט ניט בלויז אַף צו דעראָבערן די דיקטאטור, זי איז אים נאָך מער נויטיק אַף איינצוהאלטן די דיקטאטור, פארפעסטיקן און פארברייטערן זי אין די אינטערעסן פונם פולן ניצאָכן פון סאָציאליזם.

„אוואדע זעט שוין איצט קימאט יעדערער,—זאָגט לענין,—אַז די באָלשעוויקעס וואָלטן זיך ניט איינגעהאלטן בא דער מאכט ניט נאָר צוויי מיט א האלבן יאָר, נאָר אפילע צוויי מיט א האלבן כאַדאָשים, ווען ניט די שטרענגסטע, בעעמעס אייזערנע דיסציפּלין אין אונזער פארטיי, ווען ניט די פולסטע און גרעניצלאָזע אונטערשטיצונג אירע מיצאד דער גאנצער מאסע פונם ארבעטער-קלאס, ד. ה. מיצאד דעם אלעם, וואָס אין איר איז פאראן דענקענדיקעס, ערלעכעס, מעסירא־סנעפעשדיקס, ווירקונגפולעס, פעאיקעס צו פירן נאָך זיך אָדער מיטציען די אָפּגעשטאנענע שיכטן" (ז. „די קינדערשע קראנקהייט").

וואָס הייסט אָבער „איינהאלטן" און „פארברייטערן" די דיקטאטור? דאָס הייסט—אריינברענגען אין די מיליאָניקע מאסן פּראָלעטאריער דעם גייסט פון דיסציפּלין און אָרגאניזירטקייט, דאָס הייסט—באשאפן

אין די פראָלעטארישע מאסן א באפעסטיקונג און אן אנהאלט קעגן די אויסעסנדיקע ווירקונגען פון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע און קעגן די קליינבירגערלעכע געוואוינהייטן; דאָס הייסט—פארקרעפטיקן די אָרגאניזאטאָרישע ארבעט פון די פראָלעטאריער איבער דאָס איבערדערציען און איבערמאכן די קליינבירגערלעכע שיכטן; דאָס הייסט—העלפן די פראָלעטארישע מאסן צו דערציען זיך, ווי א קראפט, וועלכע איז פעאיק צו פארניכטן די קלאסן און צוגרייטן באדינגונגען פאר דער אָרגאניזירונג פון דער סאָציאַליסטישער פראָדוקציע. אָבער דאָס אלץ דורכמאכן איז אומעגלעך אָן א פארטיי, וועלכע זאָל זיין שטארק דורך באהעפטקייט און דיסציפלין.

„די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט,—זאָגט לענין,—איז אן אקשאָנעסדיקער קאמף, א בלוטיקער און בלוטלאָזער, אן איבערגוואלטיקער און פרידלעכער, א מיליטערישער און ווירטשאפטלעכער, א פעדאגאָגישער און אדמיניסטראטאָרישער, קעגן די קויכעס און טראדיציעס פון דער אלטער געזעלשאפט. די קראפט פון געוואוינהייט פון מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען—איז די סאמע שרעקלעכסטע קראפט. אָן א פארטיי, אַן אייזערנער און פארהארטעוועטער אין קאמף, וועלכע האָט דעם צוטרוי פון אלץ, וואָס איז ערלעך אינם געגעבענעם קלאס, אָן א פארטיי, וועלכע קאָן נאָכשפירן נאָך דער שטימונג פון די מאסן און ווירקן אף איר—איז פירן אזא קאמף אומעגלעך" (ז. „די קינדערשע קראַנקהייט").

די פארטיי איז נויטיק דעם פראלעטאריאט, קעדיי ער זאָל קאָנען דעראבערן און איינהאלטן די דיקטאטור. די פארטיי איז א געצייג פון דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט.

דערפון איז אָבער געדרונגען, אז מיט דער פארשווינדונג פון קלאסן, מיטן אָפשטארבן פון דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט, דארף אפשטארבן אויך די פארטיי.

5. די פארטיי, אלס איינהייטלעכקייט פון ווילן, וואס קאָן ניט צונויפגעפארט ווערן מיט עקזיסטענץ פון פראַקציעס. דעראָבערן און איינהאַלטן די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט איז אומעגלעך אָן אַ פאַרטיי, וועלכע איז שטאַרק מיט איר צוזאַמענבאהעפטקייט און אייזערנער דיסציפלין. אָבער אַן אייזערנע דיסציפלין אין דער פאַרטיי איז אומדענקבאַר אָן דער איינהייטלעכקייט פון ווילן, אָן דער פולער און אומבאַדינגטער איינהייטלעכקייט פון טאַט פון אַלע פאַרטיי-מיטגלידער. דאָס הייסט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט אַליין ווערט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון אַ מיינונגען-שטרייט אי-

געוויינלעך אין דער פּאַרטיי. פאַרקערט, אײַזערנע דיסציפּלין שליסט ניט אויס, נאָר זי באַטייט פּאָרויס קריטיק און מיינונגען-שטרייט אין דער פּאַרטיי. נאָכמער באַטייט עס ניט, אַז די דיסציפּלין דאַרף זיין אַ „בלינדע". פאַרקערט, די אייזערנע דיסציפּלין שליסט ניט אויס, נאָר זי איז אויסגערעכנט אַף דער באַוואוסטזיניקייט און פריוויליקייט פון אונטערוואַרפן זיך, ווייל נאָר אַ באַוואוסטזיניקע דיסציפּלין קאָן בעמעס זיין אַן אייזערנע. אָבער נאָכדעם, ווי דער מיינונגען-שטרייט איז פאַרענדיקט, די קריטיק איז אויסגעשעפּט און דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, איז די איינהייטלעכקייט פון ווילן און די איינהייטלעכקייט פון טאַט פון אַלע פּאַרטיי-מיטגלידער דער נויטווענדיקער באַדינג, וואָס אָן אים איז אומדענקבאר סאַי אַן איינהייטלעכע פּאַרטיי, סאַי אַן אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי.

„אין דער איצטיקער עפּאָכע פון פאַרשאַרפטן בירגער-קריג,— זאָגט לענין,—וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קאָנען אויספירן איר כויוו נאָר אין דעם פאַל, אויב זי וועט אָרגאַניזירט זיין אַפן סאַמע צענטראַליסטישן אופן, אויב אין איר וועט הערשן אַן אייזערנע דיסציפּלין, וועלכע גרעניצט מיט אַ מיליטערישער דיסציפּלין, און אויב איר פּאַרטיי-צענטער וועט זיין אַ מאַכטפולער אווטאָריטעטער אָרגאַן מיט ברייטע פולמאַכטן, וואָס האָט דעם אַלגעמיינעם צוטרוי פון די פּאַרטיי-מיטגלידער" (ז. „די באַדינגונגען פון אויפנאַם אין קאָמינטערן").

אַזוי האַלט עס מיט דער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי באַ די באַדינגונגען פון קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון דער דיקטאַטור.

דאָסזעלביקע, אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, דאַרף מען זאָגן וועגן דער דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי נאָך דער דעראָבערונג פון דער דיקטאַטור.

„ווער עס שוואַכט כאָטש וויפל ניט איז אָפּ,—זאָגט לענין,—די אייזערנע דיסציפּלין אין דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט (באַזונדערס אין דער צייט פון זיין דיקטאַטור), דער העלפט פאַקטיש מיט דער בורזשואַזיע קעגן דעם פּראָלעטאַריאַט" (ז. „די קינדערשע קראַנקהייט").

דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז די עקזיסטענץ פון פראַקציעס קאָן ניט צונויפגעפּאָרט ווערן ניט מיט דער איינהייטלעכקייט פון דער פּאַרטיי, ניט מיט איר אייזערנער דיסציפּלין. עס איז איבעריק צו דערווייזן, אַז די אָנוועזנהייט פון פראַקציעס פירט צו דער עקזיסטענץ פון עטלעכע צענטערן, די עקזיסטענץ ווידער פון עטלעכע צענטערן באַטייט דאָס פעלן פון אַן אַלגעמיינעם צענטער אין דער פּאַרטיי, די צעשפּליטערונג פונם איינהייטלעכן ווילן, די אָפּשוואַכונג און צעפאַלונג פון דער דיסצי-

פלין, די אפשוואכונג און דעמאָראַליזאַציע פון דער דיקטאַטור. פאַר-שטייט זיך, די פאַרטייען פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע קעמפן קעגן דער דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט און ווילן ניט פירן די פראָ-לעטאַריער צו דער מאַכט, קאָנען זיך דערלויבן אַזאַ ליבעראַליזם, ווי פרייהייט פון פראַקציעס, ווייל זיי נויטיקן זיך גאָר ניט אין קיין איי-זערנער דיסציפלין. אָבער די פאַרטייען פונם קאמוניסטישן אינטערנאַציאָ-נאַל, וועלכע בויען זייער אַרבעט אַפן גרונט פון די אויפגאַבן פון דע-ראָבערן און פארפעסטיקן די דיקטאַטור פון פראָלעטאריאַט, קאָנען ניט גיין ניט אַף „ליבעראַליזם", ניט אַף פרייהייט פון פראַקציעס. די פאַרטיי איז אן איינהייטלעכקייט פון ווילן, וועלכע שליסט אויס יעדע פראַק-ציאָנערישקייט און צעשפּליטערונג פון דער מאַכט אין דער פאַרטיי.

דערפון נעמט זיך לענינס דערקלערונג וועגן דער „געפאַר פון פראַקציאָנעלקייט פון שטאַנדפּונקט פון איינהייטלעכקייט פון דער פארטיי און פון דער פארווירקלעכונג פונם איינהייטלעכן ווילן פונם אוואנגארד פון פראָלעטאריאט, אלס גרונט-באַדינג פארן ערפאָלג פון דער דיקטא-טור פון פראָלעטאַריאַט", וואָס איז פארפעסטיקט געוואָרן אין דער ספּע-ציעלער רעזאָלוציע פונם 10-טן צוזאַמענפאָר פון אונזער פארטיי „וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דער פארטיי".

דערפון נעמט זיך לענינס פאָדערונג וועגן דער „פולער פארניכ-טונג פון אלע, פון יעטווידער פראקציאָנעלקייט" און דעם „באלדיקן פאנאנדערלאָזן אלע אן אויסנאם גרופן, וועלכע האָבן זיך געבילדעט אַף דער אָדער יענער פלאטפאָרם", מיט דער האסראָע פון דער „אומבאַ-דינגטער און באלדיקער אויסשליסונג פון דער פאַרטיי" (ז. די רעזאָלו-ציע „וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דער פאַרטיי".

6. די פאַרטיי ווערט פארשטארקט דורך דעם, וואָס זי רייניקט זיך אָפּ פון אפּארטוניסטישע עלע-מענטן. דער מאקער פון פראַקציאָנעלקייט אין דער פאַרטיי זיינען אירע אפּארטוניסטישע עלעמענטן. דער פראָלעטאריאט איז ניט קיין אָפּ-געשלאסענער קלאַס. צו אים פליסן אן אויפהער אפשטאמער פון פויערים, בורזשוא, אינטעליגענטן, וועלכע זיינען פראָלעטאַריזירט געוואָרן דורך דער אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. גלייכצייטיק קומט פאָר אַ דעמא-ראליזירונג-פּראָצעס אין די אויבערשטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, הויפּטזאכלעך פון צווישן די פראָפעסיאָנאליסטן און פארלאמענטאַריער, וועלכע ווערן אונטערגעהאָדעוועט דורך דער בורזשואזיע אפן כעשבן פון די קאלאניאלע אויבערעוואכים. „דערדאָזיקער שיכט פארבורזשואזע-וועטע אַרבעטער,—זאָגט לענין,—אָדער אַרבעטער-אריסטאָקראטיע, וואָס

איז אינגאנצן א באלעבאטישער לויט זיין אַרט לעבן, לויט דער גרויס פון זיינע פארדינסטן, לויט זיין גאנצער וועלטאנשויאונג—איז די הויפּט-שטיצע פונם 2-טן אינטערנאציאָנאַל, און אין אונזער צייט—די צענטראלע סאָציאלע (ניט מיליטערישע) שטיצע פון דער בורזשואַזיע. ווייל דאָס זיינען עמעסע אגענטן פון דער בורזשואַזיע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַרבעטער-אנגעשטעלטע פונם קלאַס קאפּיטאליסטן, עמעסע דורכפירער פונם רעפאָרמיזם און שאָוויניזם" (ז. „אימפּעריאליזם").

אָט די אלע קליינבירגערלעכע גרופּן דרינגען אזוי אָדער אנדערש אריין אין דער פּאַרטיי, אריינטראָגנדיק אַהין דעם גייסט פון וואקלעניש און אָפּאָרטוניזם, דעם גייסט פון דעמאראליזאציע און אומזיכערקייט. זיי זיינען עס, הויפּטזאכלעך, דער מאָקער פון פראַקציאָנעלקייט און צעפאַלונג, דער מאָקער פון דעזאָרגאניזירונג און אויפרייס פון דער פּאַרטיי פון אינעווייניק. מילכאָמע האלטן מיטן אימפּעריאליזם, האבנדיק הינטער זיך אזוינע „פארבינדעטע", הייסט אריינפאלן אין דער לאַגע פון מענטשן, וועלכע ווערן באַשאָסן פון צוויי זייטן—סאַי פון פראָנט, סאַי פון הינטן. דעריבער איז דער אומראכמאָנעסדיקער קאַמף מיט אזוינע עלעמענטן, דאָס פארטרייבן זיי פון דער פּאַרטיי—א פּאָרבאדינג פארן ערפאָלגרייכן קאַמף מיטן אימפּעריאליזם.

די טעאָריע פון „בייקומען" די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן מיט דער הילף פון אידייאישן קאַמף אינעווייניק אין דער פּאַרטיי, די טעאָריע פון „אויסהאבן" דידאָזיקע עלעמענטן אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי איז אַ פוילע און געפערלעכע טעאָריע, וועלכע דראָט צו פארמישפּעטן די פּאַרטיי צו זיין פאראליזירט און כראָניש קראַנק, זי דראָט אפּצוגעבן די פּארטיי פאר אַ קאָרבן דעם אפּאָרטוניזם, זי דראָט צו לאָזן דעם פּראָלעטאריאט אָן אַ רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, זי דראָט אָפּצונעמען באַם פּראָלעטאריאט דאָס הויפּט-געווער אינם קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם. אונזער פּארטיי וואָלט ניט געקאָנט ארויסגיין אפן וועג, זי וואָלט ניט געקאָנט נעמען די מאכט און אָרגאניזירן די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, זי וואָלט ניט געקאָנט ארויס ווי אַ זיגעריין פונם בירגער-קריג, ווען זי וואָלט האָבן אין אירע רייען די מארטאָווס און דאַנס, די פּאָט-רעסאָווס און אקסעלראָדס. אויב אונזער פּארטיי האָט זיך איינגעגעבן צו שאפן בא זיך אַן אינערלעכע איינהייטלעכקייט און אומגעווייינלעכע צוזאמענבאַהעפטקייט פון אירע רייען, איז עס פריער פון אַלץ דערפאַר, וואָס זי איז אימשטאַנד געווען באַצייטנס אפּצורייניקן זיך פון דער טומע פון אָפּאָרטוניזם, זי איז אימשטאנד געווען ארויסצוטרייבן פון דער

פאַרטיי די ליקווידאַטאָרן און מענשעוויקעס. דער וועג פון אנטוויקלען און פארפעסטיקן די פראָלעטארישע פארטייען גייט דורך אפרייניקן זיי פון אָפּאָרטוניסטן און רעפארמיסטן, פון סאָציאל-אימפעריאליסטן און סאָציאל-שאָוויניסטן, סאָציאל-פאטריאָטן און סאָציאל-פאציפיסטן. די פאַרטיי ווערט פארפעסטיקט דורך דעם, וואָס זי רייניקט זיך אָפּ פון אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן.

„האָבנדיק באַ זיך אין די רייען רעפאָרמיסטן, מענשעוויקעס,— זאָגט לענין,—קאָן מען ניט זיגן אין דער פראָלעטארישער רעוואָ-לוציע, מע קאָן זי ניט פארטיידיקן. דאָס איז פרינציפּיעל קלאָר. דאָס איז אָנשוילעך באשטעטיקט געוואָרן דורך דער דערפארונג פון רוסלאנד און אונגארן... אין רוסלאנד זיינען פיל מאָל געוועזן שווערע לאגעס, ווען עס וואָלט אָף געוויס אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דער ראטן-רע-זשים, ווען די מענשעוויקעס, רעפאָרמיסטן, קליינבירגערלעכע דעמאָ-קראטן וואָלטן פארבלייבן אינעווייניק אין אונזער פארטיי... אין איטאליע גייט עס, לויט דער אלגעמיינער אנערקענונג, צו אנטשלאָסענע שלאכטן פונם פראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואזיע פאר דער באַהערשונג פון דער מלוכע-מאַכט. אין אַזאַ מאָמענט איז ניט נאר אומבאַדינגט נויטיק צו דערווייטערן די מענשעוויקעס, רעפאָרמיסטן, טוראַטיאַנער פון דער פאַרטיי, עס קאָן זיך אויך ארויסווייזן פאר נויטיק אפילע צו דערווייטערן אויסגעצייכנטע קאָמוניסטן, וועלכע זיינען פעאיק זיך צו וואקלען און וועלכע ווייזן ארויס וואקלעניש אין דער ריכטונג פון „איינהייט-לעכקייט“ מיט די רעפאָרמיסטן,—דערווייטערן זיי פון אלע פאראנט-וואָרטלעכע פאסטנס... ערעוו דער רעוואלוציע און אין די מאָמענטן פון סאמע פארביטערטן קאמף פאר איר ניצאכן זיינען די קלענסטע וואק-לונגען אין דער פארטיי מעסוגל זי צו אומברענגען, ארונטעררייסן די רעוואלוציע, ארויסרייסן די מאַכט פון די הענט פונם פראָלעטאַריאַט, ווייל דידאָזיקע מאַכט איז נאך ניט פעסט, ווייל דער דרוק אף איר איז נאך צו שטארק. אויב די וואקלדיקע פירער גייען אוועק אין אזאַ צייט, איז שוואכט עס ניט אָפּ, נאר עס פארשטארקט סאַי די פארטיי, סאַי די ארבעטער-באוועגונג, סאַי די רעוואלוציע“ („ז. „פאלשע רייד וועגן פרייהייט“).

.IX

דער סטיל אין דער אַרבעט.

עס רעדט זיך ניט וועגן ליטעראַרישן סטיל. איך האָב אין זינען דעם סטיל אין דער ארבעט, דאָס באַזונדערע און אייגנאַרטיקע אין דער פּראַקטיק פונם לעניניזם, וואָס באשאפט דעם באזונדערן טיפּ פון אַ לעניניסט—א טוער. דער לעניניזם איז אַ טעאָרעטישע און פּראַקטישע שול, וועלכע אַרבעט אויס אַ באַזונדערן טיפּ פּאַרטייאישן און מלוכישן טוער, וועלכע באַשאַפט אַ באַזונדערן לענינשן סטיל אין דער אַרבעט. אין וואָס באַשטייען די כאַראַקטער-שטריכן פון דעמדאָזיקן סטיל? ווי זעען אויס זיינע באזונדערהייטן?

אַזוינע באַזונדערהייטן זיינען פאַראַן צוויי: 1) דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרנעם און 2) די אַמעריקאַנישע זאַכלעכקייט. דער סטיל פון לעניניזם באַשטייען אין דער פאַרייניקונג פון דידאָזיקע צוויי באַזונדערהייטן אין דער פּאַרטייאישער און מלוכישער אַרבעט.

דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרנעם איז א קעגנגיפט קעגן דער אינערטקייט, קעגן דער רוטינע, קאָנסערוואַטיזם, שטייענדיקייט פון געדאַנק, שקלאַפערישער באַציאונג צו די זיידישע טראַדיציעס. דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרנעם,—דאָס איז די באלעבנדיקע קראַפט, וועלכע וועקט דעם געדאַנק, רוקט פאָרויס, ברעכט די פאַרגאַנגענהייט, גיט אַ פּערספּעקטיוו. אָן אים איז ניט מעגלעך קיין שום באוועגונג פאָרויס. ער האָט אָבער אַלע שאַנסן אין דער פּראַקטיק דעגענערירט צו ווערן ביז פוסטער רעוואָלוציאָנערער מאנילאָוועריי, אויב מע זאָל אים ניט פאַרייניקן מיט דער אַמעריקאַנישער זאַכלעכקייט אין דער ארבעט. ביישפּילן פון אַזא דעגענעראַציע איז פאראַן אָן אַ שיר. ווער איז דען ניט באַקאַנט די „רעוואָלוציאָנערע" פּאַרפּאַסעריי און „רעוואָלוציאָנערע" פּלאַנמאַכעריי, וואָס דער מאָקער דערפון איז דער גלויבן אין דער

קראַפט פונם דעקרעט, וועלכער איז בעקויאַך אַלץ איינצואָרדענען און אַלץ איבערצומאַכן. איינער פון די רוסישע שרייבערס, אי. ערענבורג, האָט אין אַ דערציילונג „אוסקאמטשעל״ («Ускомчел»)—פאַרקירצונג פון Усовершенствованный коммунистический человек—פאַרפולקומטער קאָמוניסטישער מענטש) באַשריבן אַ טיפּ פון א „באָלשעוויק״, וועלכער ליידט אַף אַזאַ קרענק און וואָס האָט זיך פאַרגעבן דעם ציל אָנצוואַרפן א סכעמע פון אַ אידעאַל-פאַרפולקומטן מענטשן און... איז אין דערדאָזיקער „אַרבעט״ „פאַרטרונקען״ געוואָרן. אין דער דערציילונג איז פאראן אַסאַך איבערטריבנקייט, אָבער אז ער כאפּט ריכטיק אויף די קרענק—איז אָן ספק. קיינער האָט אָבער, דאַכט זיך, איבער אַזאַ קראַנקן ניט געשפּאָט אזוי ביז און אָן ראכמאָנעס, ווי לענין. די „קאָמוניסטישע גאיווע״ (чванство)—אַזוי האָט ער טרעטירט דעמדאָזיקן קרענקלעכן גלויבן אין פארפאסעריי און דעקרעטן-מאכעריי.

„קאָמוניסטישע גאיווע הייסט דאָס,—זאָגט לענין,—וואָס א מענטש, וועלכער איז א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי און איז נאך פון דאָרטן ניט אויסגערייניקט געוואָרן, שטעלט זיך פאָר, אז אלע זיינע אויפגאבן קאָן ער לייזן דורך קאָמוניסטישער דעקרעטירונג״ (ז. די רעדע אפן צוזאמענפאָר פון די פּאָליטאויפקלערן).

דער „רעוואָלוציאָנערער״ פּוסטער קלינגעריי האָט לענין געוויינלעך אנטקעגנגעשטעלט איינפאכע, וואָכעדיקע מאיסים, אונטערשטרייכנדיק דערמיט, אז די „רעוואָלוציאָנערע״ אויסטראכטענישן איז דערווידער סאי דעם גייסט, סאי דעם וואָרט פון עמעסן לעניניזם.

„וואָס ווייניקער אויפגעבלאָזענע פראזן,—זאָגט לענין,—און וואָס מער איינפאכער וואָכעדיקער ארבעט... וואָס ווייניקער פּאָליטישן טאראראם, וואָס מער אויפמערקזאמקייט צו די איינפאכסטע, אָבער לעבעדיקע פאקטן פון קאָמוניסטישער בויאונג״ (ז. „דער גרויסער אָנהויב״).

די אמעריקאנישע זאכלעכקייט איז, פארקערט, א קעגנגיפט קעגן דער „רעוואָלוציאָנערער״ מאנילאווערײ און פאנטאסטישע אויסטראכטענישן. די אמעריקאנישע זאכלעכקייט—דאָס איז די גוואלטיקע קראפט, וועלכע ווייסט ניט און אנערקענט ניט קיין מעניעס, וועלכע שווענקט אָפּ מיט איר זאכלעכער איינגעשפּארטקייט אלע און אלערליי שטערונגען, וועלכע קאָן ניט ניט דערפירן ביזן סאָף א שוין אָנגעהויבענע זאך, אויב דאָס איז אפילע ניט קיין גרויסע זאך, און אָן וועלכער עס איז אומדענקבאר יעדע ערנסטע אויפבויאונגס-ארבעט. די אמעריקאנישע זאכלעכקייט האָט אָבער אלע שאנסן דעגענערירט צו ווערן אין שמאָלע, פּרינציפּלאָזע געשעפטמאכעריי, אויב מע זאָל זי ניט פאריייניקן מיטן

רוסישן רעוואָלוציאָנערן פארנעם. וועמען איז דען ניט באקאנט די קרענק פון שמאָלן פּראקטיציזם און פּרינציפּלאָזער געשעפטמאכעריי, וועלכע דערפירן ניט זעלטן אייניקע „באָלשעוויקעס" צו איבערגעבורט און צום אוועקגיין פון דער זאך פון דער רעוואָלוציע? זאָט די אייגנארטיקע קרענק האָט באקומען איר אָפּשפּיגלונג אין דער דערציילונג פון ב. פּילניאק „דאָס הוילע יאָר", וואו עס זיינען אויסגעמאָלט טיפּן פון רוסישע „באָלשעוויקעס", וועלכע זיינען פול מיט ווילן און פּראקטישער אנטשלאָסנקייט, „פוקצירן"*) זייער „ענערגיש", אָבער זיי פארמאגן ניט קיין פּערספּעקטיוו, זיי ווייסן ניט „וואָס וואוהין" און שלאָגן זיך דעריבער אראָפּ פונם וועג פון רעוואָלוציאָנערער ארבעט. קיינער האָט נאָך אַזוי בייסיק ניט אויסגעלאכט דידאָזיקע געשעפטמאכערישע קרענק, ווי לענין. „שמאָלקעפּיקער פּראקטיציזם", „אָנקעפּיקע געשעפטמאכעריי"— אזוי האָט לענין טרעטירט דידאָזיקע קרענק. ער האָט איר קעגנגעשטעלט געווייגלעך די לעבעדיקע רעוואָלוציאנערע ארבעט און די נויטווענדיקייט פון רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון אין אלע איניאַניום פון אונזער אַלטעגלעכער ארבעט, אונטערשטרייכנדיק דערמיט אליין, אז די פּרינציפּלאָזע געשעפטלעריי איז פונקט אזוי דערווידער דעם לענינים, ווי עס זיינען אים דערווידער די „רעוואָלוציאָנערע" אויסטראכטענישן.

די פאריייניקונג פונם רוסישן רעוואלוציאָנערן פארנעם מיט דער אמעריקאנישער זאכלעכקייט—דערין ליגט דער טאָך פונם לענינים אין דער פּארטייאישער און מלוכישער ארבעט.

נאָר אזא פאריייניקונג גיט אונז א פאָרענדיקטן טיפּ פון א טוער—א לעניניסט, דעם סטיל פון לענינים אין דער ארבעט.

---

*) פונקציאנירן.

אינהאַלט:

		זייט.
	פאָרוואָרט	3
I.	די היסטאָרישע וואָרצלען פונם לעניניזם	6
II.	דער מעטאָד	13
III.	די טעאָריע	21
IV.	די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט	40
V.	די פויערים-פראַגע	53
VI.	די נאַציאָנאַלע פראַגע	67
VII.	סטראַטעגיע און טאַקטיק	78
VIII.	די פאַרטיי	96
IX.	דער סטיל אין דער אַרבעט	112